STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05393

# ERTSEHLUNGEN

David Frischmann

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Arnold Intrater*
*in memory of*
*Frieda Intrater*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אַלע ווערק
# פֿון דוד פרישמאַן

אַלע ווערק פון

# דוד פרישמאַן

## ערשטער באַנד

פערלאַג לילי פרישמאַן

# ערצעהלונגען

## ערשטער טייל

מיט דער אויטאָביאָגראַפיע פונ'ם מחבר און בילדער
פון זיינע פערשיעדענע לעבענס-פעריאָדען

וואַרשאָ — ניו-יאָרק 1929

אַלע רעכט רעזערווירט

די אויטאָביאָגראַפיע, ווי אויך די ערצעהלונג „אַ כהן אויפ'ן בית־הקברות"
זענען איבערזעצט פון העברעאיש דורך מ. אינדעלמאַן

Copyright by Lili Frishman
1929
Printed in Poland

דוד פרישמאן

געבוירען ה׳ טבת תרכ״ה — געשטארבען י׳ אב תרפ״ב

יידישע פרץ שול
ביבליאטעק

# פרישמאנ'ס אויטאביאגראפיע

(פון א בריעף צו ש. ל. ציטראן)

לאדז, 14 נאוועמבער, 1898.

געעהרטער הערר.

איך גיב אייך גערן איבער די נאטיצען און ידיעות, וואס איהר פערלאנגט פון מיר, אָבער איך בין שטארק מסופק, צי זיי וועלען זיין אזוי „וויכטיג", ווי איהר שטעלט זיך פאר.

איך בין געבוירען געוואָרען ה' טבת תרכ"ה — אזוי איז פערשריבען אויף דער צווייטער זייט פונ'ם שער־בלאט פון עפּעס אנ'אלטען „מגן־אברהם", וואס איז געווען ביי אונז אין שטוב. די דאזיגע דאטע שטימט נישט מיט יענער, וואס איז פערשריבען אין די געבורטס־ביכער פון דער מאכט. מיין געבורטס־ארט איז זגיערזש ביי לאדז, אָבער נאך ווען איך בין א קליין קינד געווען, האבען מיינע עלטערן זיך אריבערגעצויגן קיין לאדז. איך שטאם פון א זעהר אנגעזעהענער און מיוחס'דיגער משפחה, וואס האט ארויסגעגעבען רבנים אהן א צאהל, אָבער מיין טאטע און מיין זיידע, ווי אויך דער רוב פון אונזער פאמיליע זענען געווען סוחרישע מענשען, פון די גרויסע פאבריקאנטען אין אונזער שטאדט, אלע גבירים אדירים. איך דערמאהן דעם דאזיגען פרט, ווייל דאס האט אויף מיר אין מיין קינדהייט באמת געהאט א גרויסע השפּעה, און פיללייכט וועט איהר זיך דערמיט קענען ערקלערען מאנכע זאכען, וואס זעהען־אויס אין פלוג, ווי אויסטערליש. די לאדזער לופט מאכט יעדענפאלס קלוג און דערלאזט נישט אפילו דעם גרעסטען שוטה צו ווערען קיין בטלן, און א פשיטא שוין, אז איינער וואקסט צווישען סוחרים און אין א סביבה, וואס קומט כסדר אין בעריהרונג מיט פערשיעדענע מענשען. דאס גיט איהם א געוויסע פעסטקייט אָדער זיכערקייט וואו ער שטעהט און געהט נאר און אין אלץ וואס ער טהוט, אָדער זאגאר, אויב איהר ווילט, א געוויסע חוצפה. — מיין פאטער האט געהאט א דרייסטען, שארפען און געשליפענעם שכל, וואס האט נישט קיין גלייכען. ווען איך זאג „וואס האט נישט קיין גלייכען", האב איך מורא, אז איהר וועט פערשטעהן דעם אויסדרוק ווי א פראזע, איך מיין עס אָבער גענוי. מיין כוונה איז דערמיט צו זאגען, אז איך האב נאך קיין ענליכען צו איהם נישט געזעהן, און עס טהוט מיר נאר לייד, וואס איהר וועט די דאזיגע ווערטער אננעהמען בלויז ווי א מיינונג פון א זוהן איבער זיין טאטע, ווערענד איך ווייס, אז איך בין מסוגל קריטיש צו אורטיילען אויך איבער זאכען און מעשים פון א מענשען, וואס איז צופעליג מיין פאטער און אז נאר דורך א גאנץ מיושב'דיגע און קלארע בעטראכטונג, פריי פון יעדער מענגענץ, פלעג איך תמיד קומען צום בעשלוס, אז דער דאזיגער מענש איז געווען דער קלוגסטער פון אלע מענשען, וואס איך האב ביז אויפ'ן הייגטיגען טאג געזעהן. — דער דאזיגער פאטער מיינער איז געשטארבען מיט פיער יאהר צוריק. אויב ס'וועט עמיץ אין מיר געפינען עפּעס א קריטישע און זוכערישע נאטור, האב איך עס בירושה פון

מיין טאַטענס זייט. פון דער מוטערס זייט און פון איהר פאַמיליע, אין וועלכער ס׳זענען פאַרהאַן אויך מאַנכע בעריהמטע מאָלערס, האָב איך איבערגענומען די נייגונג צו טרוימען און פאַנטאַזירען. אַ פאַרשפּנדער גייסט און אַ פּאָעטיש געמיט — אַט דאָס זענען ווירקליך געווען די צוויי עלעמענטען, וואָס האָבען מיך גלייכצייטיג בעהערשט און ביז אויף׳ן היינטיגען טאָג האָבען זיי נישט אויפגעהערט צו שטרייטען אין מיר. איך געדענק, אַז ווען עס זענען אָבגעדרוקט געוואָרען מיינע ערשטע קריטישע אַרטיקלען מיט דער גאַנצער איבערגעטריבענער האַפערדיגקייט און ביטול, וואָס איז אין זיי געווען, האָט מען געזאָגט אויף מיר, אַז דאָס איז דער שניט פון אַ מענש, וואָס האָט נישט קיין האַרץ און פאַרמאַגט בלויז אַ געהירן, און ווען עס זענען ווידער אָבגעדרוקט געוואָרען מיינע ערשטע לידער אָדער מיינע ערשטע קליינע ערצעהלונגען, וועלכע זענען געשריבען מיט אַ געהויבענער לירישער שטימונג און כמעט מיט צו פיעל סענטימענטאַליטעט, האָבען די זעלבע מענשען נישט געגלויבט זייערע אייגענע אויגען. קיינמאָל איז מיר נאָך נישט געשעהן קיין גרעסער אונרעכט, ווי ווען עמיץ זאָגט אויף מיר אָב, אַזוי פאַרבייגעהענדיג, אַז איך בין בלויז אַ „לץ“. דאָס דאָזיגע וואָרט פלעגט מיר תמיד געבען אַ טיעפען ריס אין האַרצען. פון דער נאַטור בין איך נידערגעשלאָגען, פער׳חלומ׳ט און מעלאַנכאָליש.

אין מיין קינדהייט האָב איך בעקומען אַנ׳אַזויגערופענע גוטע ערציהונג. ערציהער און ערציהערינס, לעהרער און לעהרערינס האָבען מיר קיינמאָל נישט געפעהלט. פיללייכט נישט פיעל קינדער פון מיינסגלייכען זענען געווען אין אַזאַ גליקליכער לאַגע, אַז זיי זאָלען געהן, למשל, צום רב הערצען שיעור און דאָרט זיך אַמפּערען איבער אַ האַרבען רמב״ם און גלייכצייטיג רעדען פראַנצויזיש מיט דער גובערנאַנטין אָדער נעהמען אַ לעקציע פון מוזיק, צי לערנען טאַנצען. דאָס לערנען האָב איך בכלל ליעב געהאַט, גאַנץ גלייך וואָס פאַר אַ געגענשטאַנד דאָס איז געווען. איך האָב מיך געלערנט מיט גרויס פלייס און פיעל פערשטענדניש און האָב שטאַרק הנאה געהאַט פונ׳ם לערנען, און וואָס צאָהלרייכער עס זענען געוואָרען די לעהר־פאַכען און די פערשיעדענע לעקציעס פון פערשיעדענע געביעטען, אַלץ גרעסער איז געווען דער פערגעניגען, וואָס איך האָב אין זיי געפונען. וואָס אַנבעלאַנגט לעזען, בין איך תמיד געווען דאָס, וואָס מ׳רופט אַ „ביבער־וואָרם“, און ס׳איז נישט געווען קיין בוך, וואָס איז מיר אונטער דער האַנד געקומען, אַז איך זאָל עס נישט לעזען. פון דער דאָזיגער איבערטריבענער לוסט צום לעזען האָב איך זיך נאָך ביז איצט נישט בעפרייט, און איך בין שוין כמעט בלינד געוואָרען דערפון. — ווען איך בין געווען אַ קליין יונגעל, האָבען מיר געהאַט אַ מלמד, וואָס פלעגט יעדען דאָנערשטאָג פאָרלייענען פאַר זיינע תלמידים די וואונדערליכע געשיכטען פון „ספר הישר“. און די דאָזיגע געשיכטען, ווי די ערצעהלונגען פון מיין מאַמע און פון מיין באָבע האָבען עס אויפגעוועקט און צעשפּיעלט מיין פאַנטאַזיע. דערצו איז נאָך צוגעקומען דער ביין, ביי וועלכען איך האָב דערנאָך געלערנט, זייענדיג קוים אַכט יאָהר אַלט, און ער האָט נישט געפונען פאַר מיר עפּעס מעהר פּאַסיגעס, ווי לערנען מיט מיר דעם „יסוד ושורש העבודה“ אָדער „קל״ח פתחי חכמה“ און עהנליכעס, און צום סוף האָט ער מיך אויך אַריינגעפיהרט אין די קבלה. שטעלט זיך פאָר: אַנ׳אַכט־יעהריג יונגעל און חכמת־הקבלה!

העברעאיש האָב איך אָנגעהויבען שרייבען, ווען איך בין נאָך גאָר יונג געווען. מיין ערשטע קליינע ערצעהלונג איז געדרוקט געווען אין „השחר“, 9־טער יאָהרגאַנג, זי האָט געהייסען „המורה צדק“. איך בין דאַן געווען דרייצעהן יאָהר אַלט. איך האָב

איך דאַן אָנגעשריבען דעם שיר „לטובת הכלל", וועלכער איז אויך דאָרט געדרוקט געוועזן. אין „הבקר אור", 2-טער יאָהרגאַנג, איז געדרוקט געוואָרען מיין סאָנעט „ביום מלאת לי חמש-עשרה שנים". איך האָב דענסמאָל געשריבען אויך דייטש פאַר די דייטשע צייטשריפטען, וואָס זענען ערשינען אין לאָדז, און שפּעטער אויך אין אויסלענדישע צייטשריפטען. ווען איך בין נאָך גאָר יונג געווען, בין איך ארויסגעפאָהרען קיין דייטשלאַנד, וואו איך האָב פערקעהרט אין דער געזעלשאַפט פון די בעוואוסטע דייטשע שריפטשטעלער. אויערבאַך, בערנשטיין א. ד. גל. האָבען אויף מיר געמאַכט אַ גרויסען איינדרוק. ווען כ'האָב אָנגעהויבען איבערזעצען בערנשטיינס „נאַטורוויסענשאַפט", בין איך אַלט געווען 17 יאָהר, און איך האָב צו יענער צייט טאַקע אַליין אויך פיעל שטודירט נאַטורוויסענשאַפט.

אַ העברעאישער מחבר בין איך געוואָרען כמעט אָהן מיין וויסען, און, ווי איך קען זיך אַזוי אויסדריקען, כמעט געגען מיין ווילען. פאַר'איאָהרען האָב איך געלעזען, וואָס איהר האָט געשריבען אין „לוח אחיאסף" און לעוואַנדאַ'ס נאָמען און איך האָב דאָרט געפונען אויך די מיינונג פון דעם דאָזיגען בעריהמטען מאַן וועגען מיין פאָלעמיק מיט ליליענבלום'ען. דער דאָזיגער מאַן איז זעהר און זעהר געערעכט געווען, אָבער נאָר פון ז י י ן שטאַנדפּונקט האָט ער געמעגט אַזוי אורטיילען. אין עצם האָט ער גישט גענומען אין אכט די לאַגע פון אונזער ליטעראַטור, ער האָט אויך פערגעסען, אַז דער כאַראַקטער פון מענשען איז זעהר פערשיעדען און אַז פיעל איז געווענדט פון דעם טעמפּעראַמענט און פון דער סביבה און פון דער אַרט ערציהונג פון יעדען מענשען באַזונדער. איך, למשל, שעהם זיך אַליין, ווען עמיץ דערמאָהנט מיר מיין בראָשור „תהו ובהו", פונדעסטוועגען וועל איך אויך איצט נישט צוריקציהען קיין וואָרט פון דעם, וואָס איך האָב דאָרט געזאָגט, בלויז די פ אָ ר ם, ווי אַזוי איך האָב די דאָזיגע בראָשור געשריבען, בעדויער איך איצט. — — — — — — — ווען איך האָב עפּעס גענומען שרייבען, איז תמיד מיין ערשטער אימפּולס געווען אַ ווילען צו געפינען דעם אמת. ס'איז נאָך אין מיר געווען קינדהייט, ווען איך האָב געשריבען דעם „תהו ובהו", אָבער בעוואויגען דערצו האָט מיך דער שטאַרקער עקעל, וואָס איך האָב געפיהלט, צוזעהענדיג די גאַנצע בטלנות אין אונזער דעמאָלדיגער ליטעראַטור, און דער שטאַרקער ענטוזיאַזם, וואָס האָט מיך בעהערשט פאַר אַ ביסעלע אמת. איך בין דעמאָלס קיין קריטיקער גישט געווען, און נישט קיין שריפטשטעלער, נאָר בלויז אַ יונגער בחור, אַ פרישער זוהן, וועלכען ס'האָט געעקעלט יעדער מין מלמדות און בטלנות און השפלה פון בעוואוסטען סאָרט, און אַלע פיבערען פון דער נשמה האָבען מיך געדרענגט אָנצושרייבען אַ פּראָטעסט. איך האָב געשריבען — און שרייבענדיג האָב איך געפיהלט, אַז איך קען נישט פערטראָגען די מחברים, ווער זיי זאָלען נישט זיין. איך האָב דעמאָלס בכלל פיינד געהאַט העברעאישע מחברים. און ווען איך האָב דאָס אָנגעשריבען, האָב איך נישט געוואוסט, אַז דאַדורך בין איך אַליין געוואָרען אַ מחבר. איך האָב בלויז געוואָלט ווייזען, אַז איך בין אַ געגנער פון מחברים און איך בין נאָכהער געווען טי ערשטוינט, ווען איך האָב געהערט, אַז איך אַליין בין דאַדורך אַ מחבר געוואָרען. מיט דאָס האָב איך געמיינט זאָגענדיג, אַז איך בין כמעט אָהן מיין וויסען און געגען מיין ווילען געוואָרען אַ מחבר.

צו יענער צייט האָב איך געשריבען אין פערשיעדענע צייטשריפטען פערשיעדענע אַרטיקלען, לידער און ערצעהלונגען. אין דעם ערשטען און צווייטען „האסיף" זענען געדרוקט געוואָרען מיינע ערשטע קליינע ערצעהלונגען אונטער'ן נאָמען „אותיות פורחות"

און דער דאָזיגער זשאַנר איז פאַרגעקומען ווי ניי. צום סוף יאָהר תרמ״ה בין איך איינגעלאַדען געוואָרען קיין לייפּציג מיטצואַרבייטען אין דער רעדאַקציע פון׳ם „סאַלאָן״, וואו ס׳איז געדרוקט געוואָרען מיין ערצעהלונג „יוליאַנוס אַפּאָסטאַטאַ״, אָבער גלייכצייטיג בין איך אויך גערופען געוואָרען קיין פּעטערבורג איבערצונעהמען די רעדאַקציע פון׳ם פעליעטאָן פאַר דער ערשטער טעגליכער צייטונג, וואָס מיר האָבען געהאַט, פאַר׳ן „היום״. קאַנטאָר, דער שפּעטער פון׳ם „היום״, האָט אָנגעהויבען האַלטען פון מיר, ווי ער האָט מיר געשריבען, אַ דאַנק מיין ערצעהלונג „צו כל נדרי״, וועלכע איז איהם זעהר שטאַרק געפעלען געוואָרען, און אויך אַ דאַנק איינִיגע פון מיינע קריטישע אַרטיקלען און פעליעטאָנען. אין „היום״ האָב איך אַ צייט לאַנג געשריבען כמעט יעדען טאָג, אַמאָל אַ פעליעטאָן, אַמאָל וועגען פּאָליטיק אָדער וועגען וואָס עס האָט זיך נאָר געמאַכט. ווען דער „היום״ האָט אויפגעהערט צו ערשיינען, האָב איך מיך אומגעקעהרט קיין וואַרשא, וואו איך האָב געשריבען יודיש. פילייכט האָט איהר געלעזען מיין גרויסע יודישע פּאָעמע „אופיר״, וואָס איז געדרוקט געוואָרען אין דעם זאַמעלבוך „פאָלקס-ביבליאָטעק״ פון שלום-עליכם. די דאָזיגע פּאָעמע איז פיעלפאַך איבערזעצט געוואָרען און מ׳האָט וועגען איהר פיעל גערעדט. אינצווישען זענען אויך איבערזעצט געוואָרען פיעל פון מיינע קליינע ערצעהלונגען.

דאַן בין איך אַרויסגעפאָהרען קיין ברעסלוי און בין אַריינגעטרעטען אין די אוניווערזיטעט, נישט מיט׳ן צוועק צו קומען דאַדורך צו עפּעס אַ „תכלית״, נאָר פאַר מיין אייגענעם גענוס און צו לערנען תורה לשמה. איך האָב אַלזאָ דאָרט געהערט און געלערנט יעדען געגענשטאַנד, וואָס האָט זיך נאָר געלאָזט, דען איך האָב מיר געטראַכט: ס׳איז גוט פאַר אַ שרייבער צו האָבען אַ געוויסע ידיעה אין אַזאַ געביעט און אין אַזאַ געביעט, און דערהויפּט, אַז עס זאָל איהם נישט אַ וואָסער עס איז געגענשטאַנד אינגאַנצען פרעמד זיין. פונדעסטוועגען האָב איך מיר אויך אויסגעקליבען עפּעס אַ בעשטימט געביעט; מיין הויפּט-פאַך איז געווען דאָס געביעט פון דער ראָמאַנישער פילאָלאָגיע, און שפּעטער נאַציאָנאַל-עקאָנאָמיע, ווי אויך געשיכטע און פילאָזאָפיע. נאָך פיער יאָהר האָב איך געענדיגט מיין שטודיום.

אין דער צווישענצייט האָב איך פיעל געאַרבייט פאַר „אחיאסף״, אָבער די דאָזיגע אַרבייט איז דאָך אייך גוט בעקאַנט.

אין עטליכע וואָכען אַרום ערשיינט אין „תושיה״ אַ זאַמלונג פון מיינע אַרטיקלען, געדיכטען און ערצעהלונגען אונטער׳ן אַלגעמיינעם נאָמען „כתבים נבחרים״.

אָט האָט איהר מיינע נאָטיצען און ידיעות, אַזוי ווי זיי זענען מיר בעקומען אויפ׳ן זכרון, און איהר וועט מיר ענטשולדיגען, אויב ס׳איז מיר נישט געלונגען זיי איבערצוגעבען אין אַ בעהעריגער אָרדנונג און אין קלאָרע ווערטער, דען עס איז מיר שווער אָנגעקומען. איך וויל אייך אויך בעטען, אַז איהר זאָלט נישט לאַכען פון מיר, וואָס איך מאַך זיך נאַריש מיט דעם אָדער יענעם אויסדרוק, גלייך ווי איך וואָלט באמת געווען, כביכול, עפּעס אַ שרייבער פון די גדולים, דען סוף-כל-סוף זענט איהר דאָך דערין שולדיג און איהר האָט דאָס אַלץ אַליין פעראורזאַכט.

אויב איהר וועט נאָך האָבען וואָס צו פרעגען ביי מיר, ווענדעט זיך צו מיר און איך וועל אייך גערן ענטפערען. — יעדענפאַלס, אויב איהר וועט עפּעס שרייבען וועגען מיר, בעט איך אייך מיר מיטצוטיילען, איידער איהר וועט עס אָבדרוקען, וואָס איהר שרייבט און אין וואָס פאַר אַ פ אָ ר ם.

אייער דינער, וואָס שעצט אייך און אַכטעט אייך: **דוד פרישמאַן**



פרישמאַנ׳ס פאָטער — שאול

פרישמאַנ׳ס מוטער — פריידא ביילא



פרישמאַן אין יאָהר תרמ״ח

פרישמאַן אין יאָהר תרמ״ג



# צו כּל=גדרי

ווידער איז עס גריידאָוו — דאָס קליינע, וואונדערליכע שטעדטעל, און צוזאַמען מיט'ן שטעדטעל שווימט אַרויף פאַר מיר דאָס גאַנצע קינדער-לעבען מיינס: אָט איז די אַלטע שוהל מיט איהרע וואונדערליכע און גרוילּיכע „מעשיות"; אָט איז ליבוש חקרן, „דער לעהרער" פון גרויס-פוילען, וואָס האָט כּל ימיו רק געגריבעלט זיך און געחוקר'ט, ביז ער איז צום סוף אַראָב פון זינען; אָט זענען מיינע חברים, לויטער „עלוּיים", וועלכע האָבען זיך דאַן גלאַט אַזוי, כּמעט אַלע ביז אויף איינעם אויסגעשמד'ט; און אָט איז אויך די קליינע רחל'ע מיט איהרע בלאָנדע גאָלדענע לאָקען, אין וועלכע איך האָב אַזוי ליעב געהאַט צו גראַבלען אפילו שוין זייענדיג אַ היבש-דערוואַקסענער בחור — אַלעס, אַלעס לעבט היינט אויף פאַר מיינע אויגען. און דעם קליינעם איגנאַץ געדענק איך, און ציפּצעריק, אונזער גרויסען שוואַרצען קאָטער, און דעם קאַטוילישען גלח מיט די לאַטיינישע ביכער. און דאַן שטייגט-אויף פאַר מיר די צראַינערונג אָן דער גרויסער בריק, וואָס טיילט אָב די ניי-שטאָדט פון דער אַלט-שטאָדט, און פון ביידע זייטען בריק מורמעלט דאָס וואַסער פון דער וואַרטאַ און שווענקט די סטאָלבעס, אויף וועלכע די בריק ליגט. אָפט דאַכט זיך מיר גאָר, אַז איך הער, ווי דאָס וואַסער פּלעטשערט און גיסט זיך און רוישט, און דאָס רוישען בעריהרט ווייך מיין האַרץ, אַז עס דערלאַנגט אַ ציטער און בעוועגט זיך און וויעגט זיך.

אָבער די בריק וואָס טיילט-פונאַנדער וואַסער פון וואַסער, האָט אויך פונאַנדערגעטיילט מענשען פון מענשען; דען ביז צום יאָהר טויזענד-אַכטהונדערט-דרייאונזעכציג זענען די טויערען פון דער ניי-

שטאָדט געווען אָבגעשלאָסען פאַר'ן יודענס וועגען. דער יודישער בית-הקברות איז געווען די גרעניץ צווישען דער אַלט- און דער ניי-שטאָדט, און איהם האָט מען געקענט זעהן פון דער בריק אויס — דער ווייטסטער פונקט, צו וועלכען אַ יוד האָט געקענט דערלאַנגען לעבעדיגערהייט. אמת, עס האָט פּאַסירט עטליכע מאָל, אַז יודען, יחידים, זענען אַמאָל אַריבער ביז אויף יענער זייט בריק נאָך פאַר'ן לעבען, אָבער דערפאַר זענען זיי אַריין אין „פּנקס", בעשריבען געוואָרען אַלס זעלטענע אויסנאַהמען — מאַנכע צו אייביגען כבוד, ווייל זיי האָבען מקַדש-השֵם געווען, און מאַנכע צו שמאַך און צו שאַנד...

און פערשיעדען זענען זייערע געשיכטען — און לייענען מיר אין יענעם פּנקס, קומען אונז אויפ'ן זין אַרויף וואונדערבאַרע מחשבות, און עפּעס אַ וועהטאָג, וואָס מיר קענען זיך אַליין נישט דערקלערען, וואָס עס בעדייט, דריקט אונז ביים האַרץ. ווי אַזוי איז געגנטליך איז דאָס געשעהן? ווער האָט דעם ווייטען אָבגרונד געגראָבען, וואָס טיילט-אָב איין מענשען פונ'ם אַנדערען? און דער סוף פון דעם וואָס וועט זיין? און וועט שוין קיינמאָל, קיינמאָל דאָס נישט אויפהערען? — אָט לייענען מיר אין דעם דאָזיגען בוך געשיכטען, וואָס האָבען פּאַסירט אין בּאָגדאַן כמיעלניצקיס און גאָנטעס צייטען: אַ יודיש מיידעל, עפּעס איינע מרים סגל, איז די בריק אַריבער. אַ פּוילישער פּריץ האָט זי מיט געוואַלד אַהין מיט זיך אַריבערגענומען. אָבער אין אַ פּאָר טעג שפּעטער איז דאָס מיידעל צוריקגעקומען, צוזאַמען מיט איהר מאַן דעם פּריץ, און נאָך אין דעמזעלבען טאָג איז דער פּריץ געגאַנגען צום רב, און דער רב האָט איהם אין אַ בעזונדער חדר אַריינגעפיהרט, וואו זיי האָבען זיך לאַנג געסוד'עט, און דערנאָך האָט זיך דער פּריץ מגייר געווען און מען האָט איהם אַ נאָמען געגעבען אברהם בן אַברהם. זיין גאַנץ פערמעגען אָבער האָט דער דאָזיגער גר אַוועקגעשאָנקען דער יודישער קהלה, מען זאָל דערמיט די אַלטע שוהל, דעם מהר"ם'ס שוהל, בויען, און דערנאָך איז ער מיט זיין ווייב אַרויס פון שטאָדט און אַוועק קיין ארץ-ישראל. און ווייטער לייענען מיר: אַמאָל האָט זיך עפּעס אַ יודעל, אַ שניידער אָדער אַ שוסטער, אויפגעהויבען פּלוצים

און איז מיט׳ן אייגענעם ווילען אַריבער די בריק. אין יענער צייט — דאָס וועט שוין זיין עטליכע הונדערט יאָהר — האָבען די פּאָליאַקען געהאַלטען גראָד מלחמה מיט עפּעס אַנ׳אַנדער פאָלק. מען האָט בעלאַגערט די שטאָדט, די לאַגע פון די פּאָליאַקען איז געווען זעהר אַ געפעהרליכע, דאָ איז דאָס דאָזיגע יודעל געקומען און האָט זיי עפּעס אַנ׳עצה געגעבען — און אַ פּלוצלינגע ישועה איז אויף זיי געקומען. דאָס דאָזיגע יודעל אָבער איז שוין קיינמאָל נישט מעהר צו זיין פאָלק צוריקגעקומען, און קיינער ווייסט נישט מעהר וואָס מיט איהם איז געוואָרען, נאָר זאָגען זאָגט מען, אַז די פּאָליאַקען האָבען איהם זעהר הויך געשעצט און אַ שטיינערנעם דענקמאָל האָבען זיי איהם געשטעלט אין דער אַלעקסאַנדער-גאַס, דאָרט אין דער נייע-שטאָדט, און אַנדערע זאָגען, אַז צו דעם דאָזיגען דענקמאָל איז אויך צוגעזעצט געווען אַ יעזוס-בילד. —

אַזוי דערצעהלט אויך דער פּנקס פון צוויי בחורים, „עלוּיים" ביים רב, אויף וועלכע עס איז עפּעס מיטאַמאָל אַנ׳אָנשיקעניש געקומען, און זיי האָבען זיך אין אַ שעהנעם טאָג אויפגעהויבען און די בריק אַריבער און זענען קיינמאָל נישט מעהר אין די אַלט-שטאָדט צוריקגעקומען. פון דער נייע-שטאָדט זענען זיי אָבער אויך אַוועק, נאָך טערקיי זענען זיי געגאַנגען, דאָרט זענען זיי די גרעסטע גע-נעראַלען אין טערקישען חיל געוואָרען, און האָבען אויף די באַל-קאַנישע בערג גרויסע מלחמות געפיהרט און גרויס העלדישקייט בע-וויזען, פון וועלכע מען דערצעהלט זיך נאָך ביז צום היינטיגען טאָג. איינער פון זיי האָט זיך אַ נאָמען געגעבען אָסמאַן אָדער סולימאַן, אָדער אפשר גאָר מאַחמאַד עפענדי, און דער צווייטער האָט זיך אויך געלאָזט רופען אַזאַ שטייגער נאָמען...

אַזוי איז דער פּנקס.

נאָר איין-איינציגער יוד וואוינט אין דער נייע-שטאָדט פראַנק און פריי און קיינער זאָגט איהם קיין בייז וואָרט נישט, און דעם דאָזיגען יודען רופט מען משה׳לע חסיד. איהם האָט דער „קאָצקער" געהייסען אַרויסציהען זיך פון דער אַלט-שטאָדט און זיך בעזעצען אין דער נייע-שטאָדט און דאָרטען האַלטען אַ שענק; דאָס איז גע-ווען אַזאַ מין „סגולה". און דער דאָזיגער יוד האָט נישט גערוהט

און נישט געשלאָפען און האָט זיך געלאָזט קאָסטען אוצרות מיט נאָלד ביי „נאַטשאַלסטוואָ“, ביז איהם האָט זיך איינגעגעבען צו בע־קומען די ערלויבניש, זיך אַריבערצוציהען איבער די בריק און זיך צו בעזעצען אין דער ביי־שטאָדט — און דאָס איז געווען ביי אַלע־מען אַ מין מופת.

און דערמאָהנענדיג זיך היינט אַלע יענע אַלטע מעשיות, מוז איך זיך אויך דערמאָהנען אָן די משוגענע, אָן שרה דעם כלי־זמר'ס ווייב, אָדער שרה די אַלמנה, און איך געדענק פּלוצלינג אַלץ, וואָס מיט איהר איז געשעהן, און אַלץ וואָס זי האָט אין איהר לעבען אָבגעטהון.

דען טעגליך, געהענדיג אין חדר, בין איך פאַר די אַלטע משוגענע פאַרבייגעגאַנגען. טייל־מאָל האָב איך זי געזעהן, טאַנצענ־דיג און שפּרינגענדיג און זינגענדיג ליעדער אויף אַ הויך קול, אָדער זאָגענדיג אויסוועניג גאַנצע קאַפּיטלעך תהלים און שבת'דיגע זמירות; טייל־מאָל האָב איך געזעהן, ווי ווייסע חברה יאָגט זיך נאָך איהר און זי לויפט נעבעך מיט אַלע כוחות און בעהאַלט זיך פון די שטיי־נער, וואָס זיי וואַרפען איהר נאָך. נאָר אָפט האָט אויך פּאַסירט, אַז זי פלעגט זיך אַוועקזעצען ביים סלופּ, וואָס ביים עק בריק, און אָבזיצען אַזוי שעה'ן לאַנג, נישט ריהרענדיג זיך פון אָרט, די ליפּען צונויפגעפּרעסט איינע צו די אַנדערע און קיין איינציג וואָרט פון מויל נישט אַרויסגעלאָזט, נישט צומאָל קיין בליק וואַרפענדיג אויף דער קאָמפּאַניע יונגלעך, וועלכע שטעהען נעבען איהר. איינמאָל נאָכמיטאָג געה איך אַזוי אין חדר אַריין און דערזעה די משוגענע אַרומגערינגעלט פון אַ גאַנצער חברה יונגלעך. איך האָב מיך אַוועק־געשטעלט קוקען אויף איהר אַ מינוט, און נישט זייענדיג פאָרזיכ־טיג גענוג, האָב איך אומגערן זי אָנגעריהרט מיט דער האַנד. די משוגענע הויבט זיך פּאַמעלעך אויף פון איהר אָרט, קוקט מיך לאַנג, לאַנג אָן און לאָזט מיר פּלוצלינג אַראָב אַ פּאַטש, וואָס האָט מיר די אויערען פערקלונגען, און אין דער אייגענער רגע זעצט זי זיך צוריק אַוועק אויף איהר אָרט, און זיצט ווידער שטום, נישט אויס־צורעדען אַ האַלב וואָרט. איך האָב זיך צעוויינט אויפ'ן קול, בין אַוועק פון יענעם אָרט און געלאָפען אין חדר אַריין. —

ביי דער טהיר פון חדר האָב איך מיר די טרעהרען אויסגע-ווישט און קיין וואָרט נישט דערצעהלט. נאָר נאָכ'ן לערנען, אַז אַלע חברים מיינע זענען שוין געווען אַהיימגעגאַנגען, בין איך צום רבי'ן צוגעגאַנגען און האָב געפרעגט:

— ווער איז דאס די משוגענע?

— די משוגענע? שרה די אַלמנה?

— יאָ, רבי, יאָ, שרה די אַלמנה מיין איך.

— וואָס איז דאָ צו פרעגען, נאַרעלע! אַ משוגענע איז זי, זייט איך געדענק איז זי אַ משוגענע, אפשר שוין צעהן, צוואַנציג יאָהר, אפשר נאָך מעהר.

— איך ווייס, — האָב איך אויסגעשריגען און האָב זיך פער-טראַכט — אָבער, רבי, פאַרוואָס זאָגט זי דען תהלים אויסווענדיג? פאַרוואָס דערצעהלט מען אויף איהר, אַז זי ווייסט אויסווענדיג כמעט דעם גאַנצען מחזור מיט אַלע יוצרות און פיוטים? ווער האָט מיט איהר דען גמרא געלערנט, וואָרום מען זאגט, אַז זי קען גמרא אַזוי ווי אַ מאַנסביל?...

עטליכע מינוטען איז דער רבי געשטאַנען ווי פערשטומט, גלייך ווי ער הערט דאָס אַלעס צום ערשטען מאָל, נאָר באַלד האָט ער דעם פאַרטיגען ענטפער געהאַט: מיין קינד, איך וועל דיר אַלץ דערצעהלען! אָט די דאָזיגע פרוי האָט אַמאָל געקענט דעם גאַנצען תנ"ך אויף אויסווענדיג, זי האָט אויך אַ סך גמרא געלערנט. נאָר קוים האָט זי זיך אונטערגעשטעלט צוצוטרעטען אויך צו קבלה-ספרים, גענומען לערנען דעם ספר רזיאל און זוהר, דאָ האָט זי דער „קאַצ-קער" זכרונו-לברכה פערשאָלטען. אַזוי איז די דאָזיגע פרוי אַראָב פון גלייכען יודישען וועג, געגאַנגען אין שלעכטע דרכים, אַראָב פריהער פון וועג און דערנאָך פון זינען, און אַזוי איז זי געבליבען אַ משו-גענע ביז אויפ'ן היינטיגען טאָג...

איך האָב מיך נישט געקענט בערוהיגען מיט דעם רבי'ס ווער-טער, און קומענדיג אַהיים האָב איך זיך בעקלאָגט פאַר דער מאַ-מען, אַז די משוגענע האָט מיך געשלאָגען.

— רעכט אויף דיר — האָט דער טאַטע מיך אָנגעשריגען אַנ-שטאָט מיך צו בעדויערען — וואָס טשעפעסט דו זיך מיט אַנ'אומ-

גליקליכער, קראַנקער פרוי, מיט אַ געשלאָגענער פון גאָט?

— און ווער איז זי, טאַטע? — איז זי נישט אַ שלעכטע, זינ־דיגע נשמה, וועלכע דער קאָצקער רבי האָט פערשאָלטען פאַר איהרע שווערע עבירות? האָט זי זיך נישט אַריינגעלאָזט אין געפעהרליכע חקירות און האָט געוואָלט געגען גאָט צו קלוג זיין?...

— ווער האָט דיר דאָס אַלץ דערצעהלט, נאַריש יונגעל?

— דער רבי! — האָב איך אויסגערופען, ווי מען רופט אויס אַ מאַטעמאַטישען בעווייז, און האָב געציטערט מיט'ן גאַנצען קערפער.

— קיין וואונדער נישט, אַז אַזאַ מענש רעדט אַזוינע רייד — האָט דער טאַטע שטיל, ווי צו זיך אַליין רעדענדיג, געענט־פערט. און דאַן האָט ער מוסיף געווען: איבערהויפט, ווען נישט פיעל ווייסען דאָס דאָזיגע, וואָס מיט איהר האָט פאַסירט...

און אַז איך האָב זיך געבעטען ביים טאַטען, מיר צו דער־צעהלען אַלץ, וואָס ער ווייסט וועגען איהר, איז ער מיר אויסגע־וויכען און האָט מיר גערעדט ווערטער, וועלכע איך האָב צו יענער צייט נישט געקאָנט פערשטעהן: — ביסט נאָך צו יונג, מיין קינד, און וועסט נאָך נישט פערשטעהן! דו קענסט נאך נישט דאס לעבען און זיין פינסטערע מאַכט, ווען עס קומט מיט שטורם און געוואַלט און ריהרט־אָן ביז צום נפש. דאַן פרעגט מען און מען בעקומט נישט קיין ענטפער, מען זוכט ערקלערונגען און מען געפינט זיי נישט, און אַז דער מענש ווערט פערביטערט און פערצאָגט, דאַן פלוכט ער זיין גאָט און אַלע הייליגע; דו ווייסט נאך גארנישט די גרוי־סע שרעקליכע ליידען, וואס דאס דאזיגע לעבען קען מיט זיך מיט־ברענגען...

יעצט בין איך אויסגעוואַקסען און איך קען עס שוין; איך קען דאס לעבען מיט זיין פינסטערער מאַכט, מיט זיינע שטורמען און געוואַלטען, איך ווייס, אַז מען פרעגט און מען בעקומט נישט קיין ענטפער, מען זוכט ערקלערונגען און מען געפינט זיי נישט, און אויך אַלע יענע שווערע ליידען, וואס דאס דאזיגע לעבען קען מיט זיך ברענגען, זענען מיר נישט מעהר פרעמד... און אויך אַלץ, וואס האט איבערגעלעבט יענע אומגליקליכע פרוי, איז מיר יעצט

געניי בעקאנט מיט אלע אייגצעלהייטען — און דאס וויל איך היינט דערצעהלען.

דען שלעכט איז עס, ווען די פינסטערע מאכט ריהרט-אָן ביז צום נפש, דאַן ווען דאס יונגע בלוט אין די יוגענד-יאהרען שטורעמט און רוישט — דאַן צעפאַלען זיך די שטריק, וואס דער מענש האט זיך אַלס מענש אויף די הענד געלעגט, און דאס געוועב, וואס די געוואוינהייט האט איהם אין זיך איינגעוועבט, קריכט-פונאַנדער און עס רייסט זיך ווי אַ פלאַקסענער פאָדים ביים דערשמעקען פייער...

*

אויך די דאזיגע פרוי האט אַמאל געלעבט גליקליך, אמת, אַז איהר גליק איז אויך דאַן נישט בעשטאַנען אין גאלד און זילבער און רייכטימער, דען שטענדיג איז זי געווען אנ׳ארעם מענש, אַ וויסטע אלמנה, וואס האט געלעבט מיט איהר איינציג טעכטערעל אין דחקות און נויט; אבער דאס דאזיגע טעכטערעל, די קליינע אסתר, איז געווען דאס גליק. ווינטער פלעגט די אלמנה פליקען פעדערען פאַר די רייכע הייזער, איינקויפען פאר זיי געגז, היהנער און אַנדערע עופות, און זומער פלעגט זי פערקויפען אין גאַס פרוכ-טען, און פלעגט דערמיט זיך און איהר אסתר׳לען דערנעהרען.

גריידאוו איז קליין, און די עשירים און די קויפער קען מען אויף די פינגער צעהלען. אבער אויך איהרע בעדערפעגישען זענען געווען קליין און קנאַפּ. געוואוינט האט זי אין אַ דאַך-שטיבעל הינטער דער שטאָדט, געגעסען האָט זי אַ שטיקעל גריעס-ברויט, און פאַר׳ן קינד האָט זי געברויכט עטוואָס מילך מיט אַ סוכארקע; חוץ שבת האָבען זיי קיין פלייש נישט געגעסען. און אויך מלבושים האָט מען נישט צופיעל בעדאַרפט.

איהר אסתר׳ל איז גאָט-זיי-דאַנק אַ מלכות אויך אין די אָב-געריסענע שמאַטקעס! און זי, די אלמנה אַליין, דאַרף דאָך אַוודאי און אוודאי זיך נישט צו פוצען; חתונה האָבען אַ צווייט מאָל וועט זי דאָך סיי-ווי-סיי נישט מעהר.

און האָט זיך אַ מאָל געמאַכט, אַז עס האָט אַ טאָג איינגאַנצען פערפעהלט אויף עסען, האָט זי זיך אויך דאָס נישט שטאַרק געני-

מען צום האַרצען; דען וואָס זי זאָל נישט טהון, וועט זי עס דאָך טהון נאָר צוליעב אסתר׳לען — און אַזוי פלעגט זי נעהמען די ביידע קישענס פון בעט אַראָב, פלעגט געהן דערמיט אין שטאָדט אַריין צום דאָזאָר און פלעגט עס פערזעצען ביי איהם פאַר אַ פּאָר גילדען און קויפען מילך מיט סוכאַרקעס. אָפט פלעגט זי זאָגען: „יאָ, ווען מיין יוסף האָט געלעבט, איז אַזעלכעס נישט פאָרגעקומען...“ אָבער אויך דאַן, ווען איהר מאַן יוסף האָט געלעבט, זענען איהר די געבראָטענע טויבען נישט געפלויגען אין מויל אַריין, דען דער דאָזיגער מאַן האָט זעהר שווער געאַרבייט אויפ׳ן שטיקעל ברויט; אָבער דער עול איז דענסטמאָל נישט געלעגען אויף איהר קאָפּ. יעדען זונטאָג פריה פלעגט יוסף אַרויסגעהן אין די דערפער, צו די פּריצים אין די הויפען, פון וועלכע ער האָט זיין חיונה געצויגען, דען ער האָט אַ מאָדנע פּרנסה געהאַט: ער איז געווען אַ וואַנדער־כלי־זמר. —— די פרנסה פונ׳ם יודישען כלי־זמר איז געווען אַ מאָדנע: פאַרצייטען האָט דער יודישער כלי־זמר אין פוילען פערנומען אַנ׳אָרט ביי די פּריצים אין די הויפען; קיין יום־טוב און קיין באַל האָט זיך נישט אָנגעהויבען אָהן דעם יודישען כלי־זמר. דער יוד פלעגט שפּיעלען אַ „לכה דודי“ אַ „מה יפית“ און אַ „כל נדרי“, וואַלסען און פּאָלקעס, אויך עטליכע אַריעס פון בעקאַנטע אָפּערעס, און דערפאַר פלעגט מען דעם יודישען מוזיקאַנט מכבד זיין מיט אַ גלעזעל משקה, צוואַרפען איהם עטליכע גילדען, מען פלעגט אויך אַריינפיהרען מאַרישען די דיענסט, און דער כלי־זמר האָט מיט איהר געמוזט טאַנצען אַ קאָזאַק. אָפט פלעגען זיך צונויפטרעפען אין הויף אַ דריי׳ פיער אַזעלכע מוזיקאַנטען, און אַזוי פלעגען זיי אַרומוואַנדערען פון דאָרף צו דאָרף פון זונטאָג פריה ביז פרייטאָג, אַזוי אַז דער „יודען־טערצעט“ און „יודען־קוואַרטעט“ איז געוואָרען שפּריכווערטליך.

אַזאַ סאָרט כלי־זמר איז געווען אויך יוסף. יעדען זונטאָג אינדערפריה פלעגט ער זיך מאַכען אין וועג אַריין און יעדען דאָנערשטאָג אָדער שפּעטסטענס פרייטאָג פריה פלעגט ער צוריק אַהיימקומען. ווער האָט איהם אויסגעלערנט די דאָזיגע מלאכה? — אויף די פראַגע האָט יוסף קיינמאָל נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערען.

ער האָט צופעליג אַ מאָל אַ פיעדעל אין די האַנד געקריגען, די פינגער זיינע האָבען זיך אין איהרע סטרונעס פערטשעפּעט און פערשידענע טענער האָבען זיך פון דער פיעדעל אַרויסגעגאָסען; עפּעס האָט זיך ביי איהם אין האַרצען אָבגערופען, און וואָס עס איז געווען, האָט ער נישט געוואוסט: עפּעס וויכעס, עפּעס מילדעס, ווי נאָך קיינמאָל נישט אין זיין גאַנצען לעבען.

פון דענסמאָל אָן האָט ער אָנגעהויבען אָפטער שפּילען אויף דער פיעדעל, און אַ צווייטער כּלי-זמר האָט איהם צוגעלערענט. טיילמאָל פלעגט ער זיך אויפכאַפּען אין מיטען נאַכט, אַראָבשפּרינגען פון בעט, אַראָבכאַפּען די פיעדעל פון דער וואַנד און אָנהויבען שפּיעלען. אין אַזוינע מינוטען פלעגט ער פיהלען ווי עפּעס אינוועניג אין האַרץ זינגט זיך, און ער פלעגט זיך צעוויינען. עס איז אָבער געקומען דערנאָך אַ צייט, ווען ער האָט שוין נישט מעהר געוויינט, און אויך יענע וויכקייט און מילדקייט האָבען זיך נישט מעהר אָבגערופען — דאַן האָט ער שוין רוהיג געשפּיעלט זיינע „מה-יפית'ען", געטאַנצט מיט מאַרישען דעם קאָזאַק, געטרונקען זיין גלעזעל און געכאַפּט זיינע עטליכע גילדען. אָפט פלעגט ער אַהיימקומען אינגאַנצען בשלום, מיט אַ גאַנצען גוף און מיט די עטליכע גילדען אין דער קעשענע, נאָר דאַן פלעגט איהם אָפט פעהלען אַ פּאָלע פון זיין קאַפּאָטע. און ער פלעגט זיך פאַר דעם ווייב פערענטפערען: „שרה! מיר האָבען זיך בלויז אַ שפּאַס געמאַכט, איך און דער הערר גראַף. און דער הערר גראַף, שוין אַ ביסעל אויפגערוימט, האָט אויף מיר אָנגערייצט זיין קאַסטאָר'ן, דעם גרויסען הונד"...

און שרה הערט דאָס אויס און איז זיך גאַנץ גלייכגילטיג; עס האָבען דאָך דאָס געטהון די גרויסע שררות, וואָס דער מאַן האָט די גאַנצע חיונה פון זיי, און זי, מ'שטיינס געזאָגט, וואָס איז זי גאָר? אַ יודיש ווייבעל! און וואָס איז איהר מאַן? אויך נישט מעהר ווי אַנ'אָרעמער יוד — און וואָס פאַר אַ רעכט קען זי גאָר האָבען, זיך צו בעקלאָגען? און איבערהויפּט איז דאָס ווייבעל נישט געווען געוואוינט פיעל צו גריבלען זיך און צו קלערען; זי האָט

נאָר געוואוסט, אַז דריי מאָל אין טאָג דאַרף מען דאַוונען, און דאָס האָט זי געטהון מיט גרויס כוונה, איינדערוואָכען ביי זיך אין שטיבעל און שבת אין דער ווייבערשער שוהל. יעדעס מאָל, ווען דער מאַן פלעגט פון דאָרף צוריקקומען, האָבען איהר ווערטער גע-פעהלט, צו רעדען מיט איהם. ער פלעגט זי פרעגען: „נישטאָ עפּעס צו עסען, שרה?" און זי פלעגט אַלעמאָל ענטפערן: „ס'איז דאָ", און פלעגט איהם דערלאַנגען דאָס עסען, אַ מאָל אַ ביסעל וואַרעמע זופּ, אַ מאָל פיש-יויך מיט אַ קיכעל — מעהר האָט זי נישט געוואוסט...

אָבער דאס דאזיגע רוהיגע, איינפאַכע לעבען איז מיט אַ מאל אַנדערש געווארען; שרה האט אַ טאָכטער געבוירען — די קליי-נע אסתר.

דענסמאל האט זיך ביי שרה'ן צום ערשטען מאל דאס ווייב-ליך-מוטערליכע אבגערופען, זי האט טיעף אויפגעאָטעמט, ווי נאך קיינמאל נישט אין לעבען, זי האט אַליין נישט געוואוסט, וואס מיט איהר איז און פאַרוואס טהוט זי דאס. נאר געפיהלט האט זי ביי זיך דאס ערשטע מאל אין איהר לעבען, אַז זי איז עפּעס, וואס זי איז פריהער נישט געווען, און אַז זי האט יעצט קייטען אויף די הענד, וועלכע זי טראגט זעהר גערן; ערשט יעצט האט זי אנגעהויבען פיהלען דאס ערשטע מאל אין איהר לעבען, גלייך מיט אַלע איהרע, אומגליקליכע טויזענדער שוועסטער, אַז אַ חוץ דעם סידור מיט'ן טייטש-חומש און דער ווייבערשער שוהל האט זי נאך עפּעס אַ חלק אין לעבען, וואס קיין מענש טאר עס נישט בעריהרען, און ווער עס ריהרט עס אָן, בעריהרט איהר נשמה. — דענסמאל האט זי זיך געפיהלט די גליקליכסטע אין דער וועלט, און שטענדיג האט זי יענע גליקליכע צייט דערמאָהנט, און אַלעמאל ווידער דערמאָהנט.

וואונדערבאַר האט דאס קינד אין איהרע אויגען אויסגעזעהען, און עס איז ווירקליך אַ וואונדערבאַר קינד געוועזן!

דער טאַטע איז געווען אַ כלי-זמר, אַ מענש מיט אַ מוזיקאַלי-שער בעגאַבונג — קיין וואונדער נישט, אַז נאך אין דער פריה-סטער יוגענד האט אויך דאס קינד געוויזען, אַז עס וואַקסט אַ מוזי-

קאַלישע קינסטלערין. און דאס מיידעל איז אַלץ עלטער און שענער געווארען און איז ווי אַ בליהענדיגע בלום געוועז, און דאס האַרץ ביי דער מאַמען איז געוואַקסען פאַר נחת.

ווען מען אַהרט עס, אַז אסתר האט נישט אַזאַ שעהן קליידעל, ווי עס טראגען די גבירישע קינדער? זענען די אַנדערע אפשר אויך אַזוי קלוג ווי איהר אסתר, אויך אַזוי שעהן ווי זי און האבען זיי אפשר אויך אַזאַ זיס קול ווי איהר קליינע אסתר? און אויך די קליינע אסתר האט זיך נישט געקימערט וועגען די אַנדערע און האט זיך נישט צוגעקוקט צו זיי און האט מיט זיי קיינמאל נישט געשטיפט און זיך געשפיעלט. שטיל פלעגט זי זיצען פאַר זיך, און פלעגט זיין פערקלעמט. זי איז געוועזן עפּעס גאר אַ בעזונדער קינד. אַלעמאָל, ווען יוסף פלעגט אַהיימקומען פריה פון זיין וועג, שוין דאנערשטאג ביינאכט, פלעגט ער נעהמען צו זיך דאס קינד אויפ׳ן שויס און פלעגט איהר אויף דער פיעדעל פאָרשפּיעלען און פאָרזינגען, און דאס קינד פלעגט זיך טיעף איינהערען און פלעגט פרובען מיט דעם צארטען, דיניטשקען שטימעלע אַלעס פונקט ווי דער פאטער נאכצומאכען! און דער פאטער פלעגט אלעמאל פערזיכערן שרה׳ן, אז אסתר איז צו עפּעס גרויסעס געבוירען און וואלט זי זיין אַ יונגעל, וואָלט זי גאַנץ זיכער אויסגעוואַקסען אַ וועלט-בעריהמטער חזן, עפּעס אַ מין קאַשטאַן, אַ ישראל׳קע שקודער און נאָך אַזעלכע גרויסע.

דאַן איז פּלוצלינג דאָס גרויסע אומגליק געקומען: דער כּלי-זמר איז מיט אַנ׳אומנאַטירליכען טויט געשטאָרבען — דורך אַ גנע-דיגליכען שפּאַס פון אַ הערר גראַף. ביי שרה׳ן אין האַרץ אָבער האָט זיך אַ געדאַנק ענטוויקעלט — אַזוי מאָדנע און פאָרט אמת — אַז עס איז גאָר רעכט און גוט, וואָס דער מאַן איהרער איז גע-שטאָרבען, דען יעצט וועט אסתר נאָר איהר אַליין געהערען, איהר אַליין און מעהר קיינעם נישט. פון יעצט אָן וועט איהר לעבען פעס-טער זיין צוגעקניפּט און איינגעפלאָכטען אין אסתר׳ס לעבען.

די ערשטע צייט האָט זי געקלאָגט און געוויינט, אַז אייביג וועט זי נאָך איהר מאַן טרויערן און אַז קיינעם האָט נאָך נישט פּאַסירט אַזאַ אויסגעפאַלענע שטראָף ווי איהר; אָבער אויך די דאָ-

זיגע ביטערע צייט איז אַריבער. „גאָט האָט דאָך מיר מיין טאָכטער געשאָנקען — פלעגט זי אין ביטערע מינוטען צו זיך אַליין רעדען — און מיין טאָכטער איז אַנ׳אוצר, און גליקליך איז די מאַמע, וואָס פערמאָגט אַזאַ אוצר, און איך, איך בין דאָס די גליקליכע מאַמע״. און טויזענדער מאָל האָט זי די דאָזיגע ווערטער איבערגעחזרט, ביז טייל־מאָל האָט זי שוין אַליין נישט געוואוסט וואָס זי רעדט; טייל־מאָל האָט זיך איהר געדאַכט, אַז ערשט יעצט האָט זי אָנגעהויבען וויסען, ווי טייער איהר טאָכטער איז איהר, אַז איהר האַרץ איז צו ענג, אום צו קענען פערטראָגען די דאָזיגע גרויסע ליעבע צו איהר טאָכטער און אַז דער מאַן איהרער איז נאָר אַ שטערעניש געווען אין איהר ליעבע צו איהר טאָכטער — אָבער די קינדער פון דעם דאָזיגען אומגליקליכען פאָלק זענען נישט שולדיג, ווען זיי זינדיגען אַזוי שווער, דען זיי וויסען נישט וואָס זיי טהוען. טייל־מאָל פלעגט זיך דאָס קינד אויפכאַפּען בייַנאַכט פון שלאָף, און פלעגט זיך שטאַרק דערשרעקען, זעהענדיג ווי די מאַמע זיצט נאַקעט ביי איהר בעטעל און קוקט איהר גלייך אין געזיכט און די ליפּען איהרע שעפּטשען: „יאָ, טאָכטערשי, יאָ, מיין גאָלד־טעכטער׳ל, מיין לעבען! פינף און דרייסיג יאָהר בין איך יעצט אַלט, און ביז דו וועסט אויסוואַקסען, ביז דו וועסט חתונה האָבען, וועל איך שוין זיין אַ יאָהר פופציג — אוי גאָט, אוי גאָט! ווי לאַנג דאָס איז נאָך, און ווער ווייסט וואָס מיר איז נאָך בעשערט צו ליידען ביז יענער צייט!״

און דאָס מיידעל וואַרט וואָס אַ טאָג שענער, וואָס אַ טאָג קליגער און געראָטענער! קומט איהר צו די אויערען עפּעס אַ טאָן פון אַ שפּיעלען אָדער אַ זינגען, דאַן שטרעקט זי זיך אויס אויף דער ערד, ליגענדיג אויפ׳ן בויך, שפּרייט־אויס די הענדטעלעך מיט די פיסלעך, ווי איינער וואָס שווימט, די אויגען קוקען שטייף, די אויערען זענען אויפגעשטעלט, און אַזוי ליגט זי, ווי זי וואָלט אָן אַלץ אין דער וועלט האָבען פערגעסען. אָבער ווער ווייס זיך אין דער יודישער גאַס אויף איהר אומקוקען און זי פערשטעהן? און וואָס ווייסט די מאַמע פון איהר און וואָס האָט זי צו דערצעהלען?

עס קומט קיינעם נישט אויפ׳ן זין אַרויף, אַז אַ מאָל וועט זיין אַ צייט, וואָס טויזענדער וועלען זיך אויף איהר אומקוקען און

וועלען זי פערשטעהן. אויך אסתר אַליין ווייסט נישט, וואָס אין איהר קומט פאָר.

ווי אַ רויז איז זי אויפגעגאַנגען און האָט געבליהט פון טאָג צו טאָג מעהר און פון חודש צו חודש, און ווער עס האָט זי אין דער יודישער גאַס געזעהן, האָט זיך אומגעקוקט און איז שטעהן געבליבען. יעדען טאָג געהט זי יעצט דורך די יודישע גאַס ביז צום עק בריק מיט אַ קוישעל אויף דער האַנד און שרייט: „עפּעל, עפּעל! קאַרשען! באַרנעס! קויפט, קויפט!" — און די מאַמע, די אלמנה, זיצט יעצט אין שטוב און קאָכט אַ זופּ פאַר איהר טאָכטער און גרייט איהר צו אַ ריין קליידעל, און אַז די טאָכטער קומט צוריק פון גאַס, אין אָוועגד, זינגט זי דער מאַמען ליעדעלעך פאָר, און די מאַמע הערט זיך איין און איהרע אויגען ווערען גרויס; טייל-מאָל מאַכט זיך, אַז די טאָכטער צעזינגט זיך און די מאַמע הויבט אָן צו וויינען — דען זי פיהלט זיך אַזוי גליקליך, אַזוי איבערגליק-ליך, און איהר ווילט זיך פלוצים, אַז די צייט זאָל שוין זיין וואָס גיכער אַוועקגעפלויגען און איהרע אויגען זאָלען שוין דערלעבען צו זעהן איהר אסתר'ל געבען איהר בעשערטען: „נאָך זיבען יאָהר, נאָך זעקס, נאָך פינף! אָ, גאָט אין הימעל, טאַטע פאָטער! קרעכצט די אלמנה, — ווי לאַנג איז נאָך די צייט און שווער איז דאָס וואַרטען!"

נאָך פינף און פיער יאָהר, נאָך דריי און צוויי — און אויך די דאָזיגע לאַנגע צייט איז ענדליך אַריבער. אָבער וואָס אַלץ אין דער וועלט וואָלט די אלמנה נישט יעצט געגעבען, אַז יענע צייט זאָל נישט זיין אַריבער, אָדער עס זאָלען זיין אייביגע יאָהרען, וועלכע קענען זיך קיינמאָל נישט ענדיגען! איגצווישען אָבער איז די קליינע אסתר אַ גרויס מיידעל געוואָרען, אַ שעהן רייצענד מיידעל, און קאָן טהון אַלץ, וואָס איהר האַרץ גלוסט. ווי אָבער יענע צייט איז אַריבער, דאָ זענען אַריבער אויך אַלע יענע זיסע חלומות, וואָס עס האָבען זיך געחלומט דער אלמנה וואַכענדיג און שלאָפענדיג, און דענסמאָל איז אַלץ אַזוי אַנדערש געוואָרען, אַזוי אינגאַנצען אַנדערש—אַנדערש פון אָנהויב ביז'ן סוף. דענסמאָל איז אַ שטורמ-ווינד אויפ'ן שטילען הייזעל געקומען און האָט עס אומגעדרעהט,

אַזוי אַז קיין מענשליכע האַנד איז נישט אימשטאַנד געווען דעם שטורם אָבצוהאַלטען, און אויך די אלמנה, און אויך די טאָכטער האָבען נישט די קראַפט געהאַט איהם אָבצוהאַלטען. וואָס ווייסט די אָרימע אַלמנה און וואָס פערשטעהט זי, וואָס עס טהוט זיך? ווער וועט פאַר איהר עפענען דאָס בוך פון לעבען און ווער וועט איהר אויס-טייטשען, וואָס אין איהם שטעהט געשריבען? — אסתּר אָבער האָט יאָ געלייענט אין דעם דאָזיגען וואונדערליכען בוך, וואָס האָט זיך איהר אויפגעעפענט, און עס האָט זיך פון זיך אַליין געלייענט, און אַז דאָס לעבען האָט זיין שטימע צו איהר אויפגעהויבען, האָט איהר שטורמישער גייסט קיין שום גרעניץ נישט מעהר געקענט, דען עס האָט אין איהר ווי אַ פלאַם-פייער זיך אָנגעצונדען, און די שטריק אויף איהרע הענד זענען צעפאַלען ווי אַ פלאַקסענער פאָדים ביים דערשמעקען פייער, און דאָס געוועב, וואָס די געוואוינהייט האָט פערטיג געמאַכט, איז צעקראָכען ווי אַ קלייד וואָס איז פון מאַלען צעפרעסען...

און מערקווירדיג! — נישט די ליעבע האָט דאָסמאָל איהרע וואונדער געוויזען, נאָר אַנדערע פערבאָרגענע רעדלעך האָט די אי-בער אונז געוועלטיגענדע האַנד אין בעוועגונג געזעצט און אַ ניי לעבען איז געשאַפען געוואָרען. —

דאָס בעוועגענדע רעדעל איז דאָסמאָל געווען אַ קליין ליעדעל פון וואָלפגאַנג פאָן געטהע, מיט מוזיק פון לודוויג וואַן בעטהאָווען...

*

גריידאָוו פון יענער זייט בריק.

ריין און ניי און פריש ליעגט עס אויסגעגאָסען, און די וואַ-סערן פון דער וואַרטאַ רינגלען עס אַרום פון אַלע זייטען, און דער „קוריער וואַרשאַווסקי" רופט עס — דאָס קליינע ווענעדיג". אויך די נאַ-טור אַליין שיינט אַנ'אונטערשיעד צו מאַכען; ליכטיג און גאָלד-שטראַה-לענד הויבט זיך די זון אויף איבער דעם דאָזיגען טייל שטאָדט, וועה-רענד זי קוקט פינסטער און פערכמורעט איבער די אַלט-שטאָדט, ווי זי וואָלט חוזק מאַכען פון דעם ביסעל יודען מיט זייער פינסטערען דלות. אָבער די יודען פונ'ם געסעל ווייסען דאָס נישט און פערשטעהן דאָס

נישט; דען די טויטע ווייסען נישט און פערשטעהן נישט! דערצו נאָך האָט דער פּאָליאַק פון תמיד אָן זיי צוגעוואוינט, גרייט צו זיין שטענ־דיג, צו שפּאָט און לאַכען, און אויך די גויים פון דער ניי־שטאָדט פיה־לען נישט, וואָס זיי טהוען שלעכטס און ווי זיי פּייניגען. דער איינציגער יוד, וואָס וואוינט דאָ צווישען זיי, איז ר׳ משה חסיד; ער האַלט דאָ די ווײַנשענק. וואוינען וואוינט ער אין דעם שענסטען הויז פון דער גאַנצער שטאָדט, פּונקט אַנטקעגען דער קירכע „די הייליגע אַננאַ". אין דעם זעלביגען הויז, אינ׳ם אונטערשטען שטאָק, געפינט זיך די איינציגע אַפּ־טייק, וואָס די שטאָדט פערמאָגט. אין דער צווייטער זייט איז די „נאָ־ראָדאָוואַ שקאָלאַ", און אינ׳ם אויבערשטען שטאָק איז דער רעדוטען־זאַל, וואו עס ווערט אין פריהלינג און אין זומער טעאַטער געשפּיעלט.

גריידאָוו איז גאָר אַ קליין שטעדטעל, און דער שטראָם פון דער נייער צייט איז ביז אַהין נאָך נישט געקומען; אָבער פּאָרט ווערט דאָ אין פריהלינג און אין זומער טעאַטער געשפּיעלט און עס קומען אַרטיס־טען און מוזיקער אויף גאַסטראָלען, דען בעמיהט וועגען דעם האָט זיך דער „פּאַן ראַדצאַ"; אַזוי וועניגסטענס זאָגט ער אַליין, און מיר מוזען עס איהם גלויבען. ווער איז דער „פּאַן ראַדצאַ" און פאַר וואָס רופען איהם יודען און קריסטען דער „פּאַן ראַדצאַ"? דאָס לאָזען מיר איבער פאַר די געשיכטס־פאָרשער, און פאַר אונז איז גענוג, ווען מיר ווייסען, אַז דער הערר „ראַדצאַ" האָט אַ שטאַרקע הנאה דערפון, וואָס מען רופט איהם „פּאַן ראַדצאַ", און דעם הערר „ראַדצאַ׳ס" הויפּט־בעשעפטיגונג איז צו זיצען גאַנצע טעג ביי רבי משה שענקער אין דער ווײַנשענק אָדער פאַר׳ן מאַ־גיסטראַט, וואו עס איז אויך „דער סאָנד"; דאָרט זיצט ער זיך אויפ׳ן בענקעל, און דאַרף עמיצער אַנ׳עדות, וואָס זאָל האָבען געזעהן אָדער געהערט עפּעס, איז דער הערר „ראַדצאַ" שטענדיג גרייט צו זיין דער געוואונשטער עדות. אמת דער „פּאַן ראַדצאַ" האָט קיין פּרייז־קוראַנטען פאַר עדות־זאָגען קיינמאָל נישט פערעפענטליכט, און דאָך האָט יעדער גענוי געוואוסט די טאַקסע: עדות זאָגען אָהן שבועה האָט געקאָסט צוויי גילְ־דען פּויליש, מיט אַ שבועה — דריי גילדען; פלעגט ער דאַרפען ביי דער זעלבער „ספּראַווע" צוויי אָדער דריי מאָל זיין, פלעגט ער געבען אַנ׳הנחה אויף אַ דריטעל. נאָר ווידער זאָגען, אַז די פּרייזען ביי איהם זענען געווען „פּרי־פיקס" קען מען אויך נישט. דער „פּאַן ראַדצאַ" איז

בטבע געווען זעהר אַ גוטער מענש, אַ מענש, וואָס לאָזט זיך האַנדלען און האָט אַמאָל פּאַסירט, אַז מען האָט נישט בעצאָהלט די פולע טאַקסע פלעגט ער אויך שווייגען. אַ חוץ די אַלע מעלות טובות, וואָס גאָט האָט איהם געשענקט, האָט דער הערר פּאַלעסקי — אַזוי האָט ער געהייסען — געהאַט אויך עפּעס אַ היטעל מיט אַ גרינעם לאַמפּאַס און אַ קאָקאַרדע; דערצו האָט ער זיך נאָך געלאָזט וואַקסען אַ פּאָר לאַנגע, געדיכטע וואָנ-סעס, און זיך פערשאַפט אַ נאָז פון אַ רויט-בלויען קאָליר; אַזוי אויך האָט דער הערר „ראַדצאַ" פערשטאַנען גאַנץ געלויפיג פראַנצויזיש — און אויך דאָס מוזען מיר איהם גלויבען. ער דערצעהלט אונז, אַז צוריקקו-מענדיג פון פּאַריז, האָט ער דאָס גאַנצע שטעדטעל געמאַכט פאַר געביל-דעטע לייט, ער האָט פאַר זיי אויפגעעפענט אַ נייע וועלט, האָט זיי געגעבען דעם געשמאַק פון מוזיק און קונסט, האָט זיי געלערענט טאַנץ און שפּיל, האָט זיי אויסגעפיינערט און אויסגעאיידעלט דעם עסטעטישען זין און האָט זיי געמאַכט ביסלעכווייז פאַר אמת'ע אייראָפּעער. אַזוי קומט, אַ דאַנק איהם, יעדעס יאָהר קיין גריידאָוו אַ טרופּע אויף אַ גאַסט-שפּיעל, אַזוי שפּיעלט זי עטליכע וואָכען און אַזוי געהט זי ווידער איהר וועג.

און נאָך דעם אַלעם האַלט זיך דער הערר „ראַדצאַ" ביי זיך נישט גרויס און שטאָלצירט נישט מיט זיינע וואוילטהאַטען, וואָס ער טהוט מיט דעם שטעדטעל; ער איז אַזוי ווייט בעשיידען, אַז ער שעמט זיך אַפילו נישט צו זיצען אין אַ יודישער וויינשענק. אַלע וויסען שוין: טרעפט מען נישט דעם הערר „ראַדצאַ" זיצענדיג אויפ'ן בענקעל פאַר'ן מאַגיסטראַט, זיצט ער אין דער וויינשענק ביי ר' מאָשקע'ן.

יודען — פלעגט פּאַלעסקי שטענדיג זאָגען — זענען אָרענטליכע מענשען, זיי געבען ריינעם שפּריט און גיסען קיין קאַפּ וואַסער נישט צו, און דעריבער פּאַסירט אויך אָפט, אַז ער ווערט, נישט ווילענדיג, שכור; אַ חוץ דעם — פלעגט ער מוסיף זיין שטילערהייט — האָבען די יודען נאָך אַ מעלה: ביי זיי קאָן מען קריגען אַמאָל אַ גלעזעל משקה אויף קרייד, ווען עס מאַכט זיך אַמאָל, אַז עס פערפעהלט גראָד דער גראָשען...

און נאָר איהם האָט דער יוד מאָשקע צו פערדאַנקען — אַזוי זאָגט פּאַלעסקי — וואָס ער האָט בעקומען די ערלויבעניש, צו וואוינען אין דער ניי-שטאָדט און זיך דאָרט צו עפענען די וויינשענק. אויב דער



דוד פרישמאַן, סקיצע פון ל. פיליכאָווסקי.



הערר „ראַדצאַ” האַלט זיך דאָסמאָל זעהר געגוי אין דעם אמת, איז שווער צו זאָגען; אמת איז יעדענפאַלס, אַז ער האָט פונ׳ם יודען שעהנע עטליכע הונדערט גילדען גענומען אויף אַוועקגעבען ווייטער צו די פערשידענסטע טשינאָווניקעס אין דער גובערניע; אויב, און וויפיעל, עס האָט זיך אויך ביי איהם אָבגעשטעלט, איז שווער פעסטצושטעלען. ווי די מעשה אָבער איז: ר׳ מאָשקע האָט די ערלויבעניש בעקומען, און האָט פון דאָ אָן אָנגעהויבען וואוינען אין דער ניי־שטאָדט. איבערהויפט איז די גאַנצע מעשה מיט ר׳ מאָשקעס וואוינען אין דער גויאישער גאַס געווען אַ רעכט ביסעל מערקווירדיג. דען ר׳ משה איז געוועזן אַנ׳אומגליקליכער מענש: עס האָבען זיך ביי איהם קיין קינדער נישט געהאַלטען; ווי באַלד עס איז ביי איהם איינס געבוירען געוואָרען, איז עס באַלד געשטאָרבען. דאָ האָט איהם „דער קאָצקער” אַ קופערנע קמיע געגעבען, ער זאָל זי שטענדיג אויפ׳ן האַלז טראָגען; און אויך האָט ער איהם אָנגעזאָגט, ער זאָל באַלד אַרויס פון דער אַלט־שטאָדט און זיך אַריבערציהען אין די ניי־שטאָדט אויף דער אַנדערער זייט בריק, צווישען די גויים. דערהערענדיג דעם רבי׳ס רייד, איז ר׳ משה שטאַרק דערשראָקען געוואָרען: פאַרוואָס הייסט איהם דאָס דער צדיק, ער זאָל זיך אַריינציהען צווישען גויים? וואָס זאָל ער דערמיט מיינען? — עפעס אַ מערקווירדיגע „סגולה”! — עס פערשטעהט זיך, אַז באַלד האָט ר׳ משה געפאָלגט, וואָס דער צדיק האָט איהם געהייסען, און האָט זיך געלאָזט קאָסטען אוצרות געלד ביז ער האָט בעקומען די ערלויבניש צו וואוינען אין דער ניי־שטאָדט. ער האָט זיך בעזעצט אין דער גויאישער גאַס פון יענער זייט בריק. ר׳ משה האָט זיך געעפענט דאָרט אַ ויינשענק, און אַלע איינוואוינער פון דער ניי־שטאָדט האָבען זיין שענק בעזוכט; דאָרט פלעגען זיי זיך צוזאַמענקומען און אָבהאַלטען זייערע אסיפות בייטאָג און דאָרט פלעגען זיי שפיעלען זייערע קאָרטען ביינאַכט און זייער ביליאַרד און שאַך.

ר׳ משה איז געוואַקסען און איז ביסלעכווייז רייך געוואָרן. און איבערהויפט זומער־צייט, ווען די אַקטיאָרען פלעגען קומען, פלעגען חברה גאָר נישט מעהר אָבטרעטען פון ר׳ מאָשקעס שענק; גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט פלעגען זיי דאָרט פערברענגען. דען די אַרטיסטען פלעגען אין איינעם פון די שענק־צימערן מאַכען יעדען טאָג די רע־

פעטיציעס פון די שטיקער, וועלכע האָבען געזאָלט בײנאַכט אויפגעפיהרט ווערען פאַר'ן פובליקום, און דעריבער פלעגט דאָרט אַ גרויסער עולם געוועהנליך זיך צוזאַמענקומען און אַ לעב געבען מיט די אַרטיסטען. עס פערשטעהט זיך, אַז דער „ראַדצאַ" פאַן פאַלעסקי איז אַלע מאָל געווען אין דער שפּיץ, און ווער רעדט נאָך, אַז ער האָט גנעדיגליך געמאַכט אַ ליעבעס-ערקלערונג דער קליינער בלאָנדער קרוליקאָווסקאַ, אַ סובּרעטין מיט אַ רויט פּנים'ל, דענסמאָל איז ער שוין אויף אַ רגע נישט אָבגעטרעטען פון ר' מאָשקע'ס ווײנשענק, און אויף איהם קוקענדיג האָבען אויך די אַנדערע אַזוי געטהון; יעדער האָט זיך אויסגעקליבען זיין מיידעל, דער אַ כאָריסטין, דער עפּעס גרעסערס, יעדער לויט זיין פערמעגען, און ר' מאָשקעס הויז האָט געהילכט פון פרייד און לוסט און שטורמישען לעבען.

און דאָרט, אויף יענער זייט בריק, ליעגט די יודישע גאַס, פערכמאַרעט און פערנעבעלט און שווער עטעמדיג — קיינער אָבער האָט ר' מאָשקען נישט איבעל גענומען, דען אַלע האָבען געוואוסט, אַז וואָס ער טהוט, טהוט ער לויט דעם אויסדריקליכען בעפעהל פונ'ם צדיק.

עס פלעגט זיך מאַכען אַ מאָל, אַז אַ יוד פון דער יודענגאַס איז אַריבער אויף יענער זייט בריק צוליב אַ געשעפט, דאַן פלעגט ער זיך גיך אָבפּטר'ן און פלעגט גיך צוריק אַהיים, און דאָס האָט מען פאַר קיין עוולה נישט געהאַלטען; אַמאָל פלעגט זיך אויך מאַכען, אַז אַ יוד איז אַהינגעגאַנגען מיט עפּעס אַ וועקסעלע אויף אַ פריץ אָדער פלעגט געהן מיט אַ „סומע" צום פריץ, אָדער עפּעס אַ טרעגער אָדער אַ קרעמער, וועלכער טראָגט אַרום זיין סחורה אין די הייזער, פלעגט קומען מיט זיין סחורה. דאָ פלעגט אַזעלכער זיין געשעפט אַזוי גיך ווי מעגליך פּטר'ן און פלעגט גיך צוריק אהיים—אָבער נאָך האָט די בריק געטיילט גאַס פון גאַס, לעבען פון לעבען און מענש פון מענש און איינס איז מיט דעם אַנדערען כמעט נישט געקומען אין בעריהרונג; נאָך איז נישט געקומען דאָס ריינע לופטעל, וואָס זאָל מיט זיך מיטטראָגען איבערן וואַסער יענץ קערענדעל, וועלכעס עס זאָל פערזעונקען אין דער שויס פון דער פרעמדער ערד, אום עס זאָל וואַקסען און זאָל פרוכטען טראָגען...

אָבער אין איינעם פון די שבת-טעג, אין אַ פערכמאַרעט-טרויעריגען טאָג, ווען אַ נאַסער פוילער שנעע איז געגאַנגען — דאָ איז אסתר'ל, די

אַלמנה׳ס טאָכטער, אַריבער איבער די בריק. צום ערשטען מאָל אין לע־בען איז זי אַריבער, און מיט׳ן קויש אויף דער האַנד איז זי אַריין צו ר׳ מאָשקען אין שטוב.

און אַ פרייטאָג איז דאָס געווען. די אַלמנה איז עפּעס קראַנק גע־ווען און אסתר׳ל האָט איבערגענומען איהר אַרבייט אַרויסצוגעהן מיט׳ן ביסעל סחורה אין שטאָדט און צו פערדיענען די עטליכע גראָשען אויף שבת־הוצאות. דער האַלבער טאָג איז אָבער שוין געווען אַוועק, און די עטליכע געלייזטע גראָשענס זענען נאָך געווען אַזוי קנאַפּ און די חלות און ציבעלעס און אייער זענען נאָך געווען אַזוי פיעל. דאָ איז אסתר׳לען געקומען עפּעס אַ געדאַנק אין זין אַריין, און זי האָט אַ מינוט לאַנג געקעמפּט קעגען איהם — אָבער אינדערהיים ליעגט די מאַמע קראַנק און דאָ איז שוין אַזוי שפּעט און באַלד וועט אָנרוקען די נאַכט. זי איז צו־געגאַנגען ביז דער בריק, און האָט זיך אָבער אָבגעשטעלט. אַ פוילער רעגען איז געגאַנגען. עס קומט אָנצוגעהן ראובן דער מעקלער, און זי זעהט, ווי נישט קלערענדיג, געהט ער גיך אַריבער. פון דער קירכע שלאָגט דער גלאָק, טיעף און פייערליך. זי קלערט נישט מעהר לאַנג, און כאַפּט זיך אויף און געהט, אין אַ מינוט שפּעטער איז זי ביי ר׳ מאָשקען אין שטוב. קוים אָבער איז זי די שוועל אַריבערגעטרעטען, איז זי שטעהן געבליבען פערוואונדערט; דען צום ערשטען מאָל אויף איהר לעבען האָט זי אַלע יענע נייע מענשען געזעהן מיט זייער פּראַכט און זייערע מאַניערען, און אַ געדאַנק איז איהר געקומען אין זינען אַריין, אַז עס איז פאַרהאַן עפּעס אַ ניי לעבען, וואָס מוז זיין אָנגענעהמער און וועלכעס איז אַזוי גאַנץ אַנדערש ווי דאָס לעבען אין דער יודענגאַס, און דאָס האַרץ האָט איהר אָנגעהויבען שטאַרק צו קלאַפּען. אויף גיך האָט זי פערקויפט אַלעס, וואָס ביי איהר אין קויש איז געווען, און איז גיך אַרויס פון שטוב און אַרויס פון דער ניי־שטאָדט, דען זי האָט דאָ לענגער נישט געקאָנט אויסהאַלטען.

דער מוטער אָבער האָט זי פון קיין זאַך נישט דערצעהלט, און האָט אַליין נישט געוואוסט, פאַר וואָס נישט. עפּעס האָט זי דעם דאָזיגען טאָג גערעדט און גערעדט, און עס האָט זיך נישט געקלעבט אַ וואָרט צו אַ וואָרט; עפּעס האָט זי זיך שטאַרק פונאַנדערגעלאַכט, גאָרנישט ווי איהר

געוואוינהייט, נאָר מינוטענווייז האָט זי זיך שטאַרק פערטראַכט און איז געוועזן ווי פערחלומ׳ט...

אָבער שוין דעם קומענדיגען זונטאָג, און דאַן מיטוואָך און דאַן פרייטאָג איז אסתר׳ל ווידער אַהין צו ר׳ מאָשקען אין הויז, און דאַן האָט זי אָנגעהויבען קומען טאָג טעגליך, און האָט אַליין נישט געוואוסט, וואָס די געהיימע קראַפט איז, וואָס ציהט זי אַהין.

נייע בעטראַכטונגען האָבען איהר האַרץ אויסגעפילט, זי האָט מיט די אויגען געשלונגען דאָס נייע לעבען, און אַלעס איז איהר עפּעס אַזוי פרעמד געווען, און זי האָט עס נישט פערשטאַנען; טייבמאַל האָט זיך איהר געדאַכט, אַז דאָס נייע לעבען איז זעהר, זעהר ווייט פון איהר, און טייבמאַל ווידער, אַז עס איז גאָר נאָהנט, אַז זי דאַרף נאָר אויס־שטרעקען די האַנד, אום עס צו נעהמען. לאַנגזאַם, לאַנגזאַם איז דער ווינטער אַוועק. רבקה, ר׳ מאָשקעס ווייב, פלעגט מיט איהר רעדען יע־דען טאָג, זי פלעגט איהר דערצעהלען פון אַלעם, וואָס עס קומט פאָר ביי זיי אין הויז אין פריהלינג און זומער, און פונ׳ם גרויסען פאַראַד, וואָס דאָרט טהוט זיך און פון די אַקטיאָרען און די זינגערס און פון דער קליינער קרוליקאָווסקאַ און דער גרויסער קאָוואַלסקאַ און פון די פריצים און שררות און ווי זיי שפּיעלען ביליאַרד און ביינדלעך...

— שפּיעלען! און אין ביינדלעך? — האָט דאָס מיידעל געפרעגט נישט וויסענדיג וואָס מיט איהר טהוט זיך, און איז געווען ווי אין אַ חלום — איהר לאַכט פון מיר, רבקה׳שי! איז מעגליך, אַז ס׳איז פאַר־האַן דערוואַקסענע מענשען, מענשען וואָס זענען שוין מעהר נישט קיין קינדער און זייערע יונגעלשע יאָהרען זענען שוין אַריבער און די דאָזיגע מענשען שפּיעלען זיך ווי די קליינע קינדער?

— נאַטירליך! — האָט רבקה געענטפערט. מיינע לייט שפּיעלען נישט צום צייט־פערטרייב, נאָר צו פערדיענען אַ רעכטען גראָשען. עס טרעפט אָפט, אַז מען גערהט אין אַ געוועט.

איך געדענק פאַראַיאָהרען האָט זיך גראַף קראַשנעצקי געוועט מיט זיינס אַ בעקאַנטען וועגען אַ שפּאַס, וואָס ער האָט געזאָלט מאַכען מיט דעם פריילין ווישניעווסקאַ; איינגעשטעלט האָט מען דעם גראַפס אַ גוט, און דער גראַף האָט דאָס גוט פערשפּיעלט, ווייל דאָס פריילין האָט נישט ערלויבט מיט זיך צו שפּאַסען... דו וואונדערסט זיך, אסתר׳ל — נאָר

יאָ! וואָס האָב איך דיר דאָ געוואָלט זאָגען? — אַהאַ! געבען וועסטו מיר נאָך פאַר אַ פערציג גראָשען אייערבייגעלעך. אויך ציבעלעס וועסטו מיר געבען אַ פונט, און דאַן צוויי מאַנדעל אייער! אייער זענען טייער היינטיגס יאָהר, נישט אמת?...

ווי אַ חלום האָט זיך דאָס נייע לעבען אויפגעראָלט פאַר אסתר׳לס אויגען — זי האָט נישט געוואוסט און האָט נישט פערשטאַנען, וואָס זענען דאָס פאַראַ מענשען, וועלכע קענען אַנגענעהמעס געפינען אין לעבען, און אַז לעבען איז שעהן און אַנגענעהם, און אַז לעבען איז אַזוי בעוועגליך און ריהרעוודיג; דען ביי דער מוטער אין שטוב האָט זי געלעבט און דאָרט איז זי אויסגעוואַקסען, און האָט פון מעהר גאָרנישט געוואוסט, ווי פון דעם קויש, וואָס זי פלעגט אַרומטראָגען, און די תפילות, וואָס די מוטער פלעגט איהר פון סידור אַרויס פאָרלייענען; און די קראַפט, וועלכע ציהט זי אַזוי שטאַרק און מעכטיג צו יענעם אָרט, האָט זי ערשט רעכט נישט פערשטאַנען — נאָר וואָס מעהר רבקה האָט איהר דערצעהלט פון יענעם לעבען, האָט די תאוה אין איהר מעהר און מעהר געברענט, ביז זי האָט זיך אין איהר צעפלאַקערט ווי אַ פלאַם-פייער, און זי האָט געגליהט מיט אַלע איהרע געדאַנקען, צו זעהן דאָס אַלעס מיט די אייגענע אויגען און צו הערען דאָס אַלעס מיט די אייגענע אויערען. און די טעג האָבען זיך געשלעפט, און דער זומער איז געקומען. און דאַן האָט דאָס מיידעל אַלע יענע וואונדער מיט די אייגענע אויגען געזעהן, און דאָס אַלעס איז געווען טויזענד מאָל שענער און וואונדערליכער, ווי זי האָט עס זיך פאָרגעשטעלט...

און דאָך האָבען נאָך די נייע פלאַנצען נישט צו טיעפע וואָרצלען אין איהר האַרץ געשלאָגען, און וואָלט זי יעצט אַ מינוט לאַנג זיך צוריקגעצויגען פון דעם דאזיגען וועג, ווער ווייסט, אויב זי וואָלט נישט אַלעס ווידער פערגעסען און וואָלט ווערען די אייגענע, וואָס פריהער; דאָ אָבער האָט זיך געמאַכט עפּעס אַ זאַך, וואָס האָט אָנגעריהרט גראָד איהר נשמה, און ווי נאָר אין איהר האַרץ האָט זיך דאָס ערשטע טירעל אויפגעמאַכט, דאָ איז דאָס נייע לעבען איינגעדרונגען טיעפער און טיעפער...

און עפּעס נייעס איז געשאַפען געוואָרען.

דער טאָג איז געווען גליהענדיג הייס און די זון האָט געהאַקט

אין דעם קאָפּ פונ׳ם מיידעל, וואָס איז געשטאַנען מיט איהרע קוי-שען פערמאַטערט און פערטראָגען און פערחלשט. שווערפעליג האט זי זיך צוזאַמענגענומען און האָט זיך צוגעשלעפּט ביז צו ר׳ מאָשקעס וויינ-שענק. ווי אַלע מאָל, אַזוי אויך היינט איז דער הערר פּאַלעסקי באַלד צו איהר צוגעקומען, און האָט זיך מיט איהר אין אַ שמועס אַריינגע-לאָזען און האָט איהר צום טויזענדסטען מאָל געזאָגט, אַז ער איז פער-ליעבט אין איהר און געהאַלטען אין איין רופען זי „זשידאָוועטשקאָ קאָכאַנעטשקאָ". דאָס מיידעל אָבער האָט שוין דאָס אַלעס גוט געקענט אויף אויסענווייניג, אַז זי האָט זיך שוין גאָרנישט מעהר איינגעהערט וואָס רעדט ער דאָרט, און נאָר ווען ער האָט געפּרובט מיט זיינע בע-וואַקסענע פינגער איהר אויך אין די באַקען צו קנייפּען, האָט זי זיך געכאַפּט צו ענטלויפען.

פּלוצלינג אָבער איז זי שטעהן געבליבען ווי צוגעשמידט — עפּעס אַ געזאַנג-שטימע האָט זיך געלאָזט הערען פון צווייטען צימער.

עס איז געווען די שטימע פון אַ יונגער זינגערין, ווייך, שמעלציג, עפּעס ווי זיך בעטענדיג—און זי שטעהט ווי צוגעשמידט און האָרכט. פּלוצ-לינג האָט זיך די שטימע ווי אומגעביטען, שטורעמדיג איז זי געקומען, און געוואַלדיג און מעכטיג; עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז עס איז דאָס געוואַלדיגע געשריי פון געפאַנגענעם, וועלכער האָט צום ערשטען מאָל דערפיהלט אַ לופטעל, און ער בעט זיך, מען זאָל איהם שענקען לעבען און פרייהייט און לופט, און דאַן פּלוצלינג וויל ער דאָס אַלעס נעהמען מיט געוואַלד, און שטרעקט אויס זיין מעכטיגע האַנד, און נעהמען וועט ער דאָס אַלעס, ער וועט עס נעהמען, און קיינער וועט זיך איהם נישט קענען אַנטקעגענשטעלען...

דאָס ליעד איז געווען פון וואָלפגאַנג פאָן געטהע און די מוזיק פון לודוויג וואַן בעטהאָווען, און דאָס האָט יעצט אַ קאָנצערט-זינגערין געמאַכט אַ רעפּעטיציע, זיך פאָרברייטענדיג צו דעם היינטיגען ליע-דער-אָווענד.

אסתר׳ל האָט נישט געוואוסט, וואָס אין איהר איז געשעהן; אסתר׳ל האָט פון דעם אינהאַלט פונ׳ם ליעד כמעט גאָרנישט פערשטאַ-נען און אויך נישט פון דער שענקייט פון דער מוזיק, און דאָך האָט ...דער טאָן בעזונדער אַ גאַנצע רעוואָלוציע אין איהר אויפגערודערט,

און הערענדיג יענעם טייל פון די סטראָפען, יענעם רוישענדען, שטורמיש- און געוואַלדיג-רייסענדען טייל, האָט איהר בלוט אָנגעהויבען קאָכען, און פלוצלינג האָט זיך דאָס האַרץ ביי איהר פערקלעמט, און זי איז געשטאַנען מיט אַנ׳אויפגעריסען מויל און אין די אויגען ביי איהר האָט עס געפלאַקערט און געפלאַמט משונה ווילד און עס האָט געשפריצט מיט פונקען. —

דאָס ליעד איז שוין לענגסט געווען געענדיגט, די לעצטע טענער האָבען אָבגעקלונגען פון אַלע זייטען, און דאַן איז געבליבען נאָר נאָך איין-איינציגער פיינער קלאַנג; באַלד איז אויך דער דאָזיגער לעצטער קלאַנג געשטאָרבען. דאָס מיידעל אָבער ווייסט נאָך אַלץ נישט, וואו זי איז און שטעהט נאָך אַלץ ווי צוגענאָגעלט. פון אַ צווייטען צימער אַרויס הערען זיך די אויסרופען פון די ביליאַרד-שפּיעלער: „די מוטער אין ווינקעל!" „אין דער מיטען!" „פינף און פערציג!" „אַכט און פערציג!" און פון דעם אַנדערען צימער הערט מען די שאַך-שפּיעלער: „קעניג!" „היט די קעניגין!" „קעניג מאַט!" — אָבער צו אסתר׳ס אויערען קומט דאָס אַלץ נישט, און זי שווימט נאָך אַלץ אין אַ מין אויפגערעגטען ים פון געדאַנקען אָהן אַ גרונד און אָהן אַ ברעג...

דאָ איז הער פאַלעסקי ווידער צו איהר צוגעגאַנגען: — כאַ—כאַ—כאַ! — לאַכט ער מיט אַ פערשכורטען קול —, ס׳איז דאָך נאָר צום לאַכען! און דאָס רופסט דו זינגען? קלאָר, אַז דו האָסט נאָך מ יי ן שטימע נישט געהערט; יאָ, יאָ, קלאָר, אַז איך האָב דיר נאָך קיינמאָל נישט עפּעס פאָרגעזונגען! זאָל איך? אָט נעהם איך: דאָ, רע, מי, פאַ, סאָל— יאָ, יאָ, און אויך די הויכע „צע" קען איך נעהמען, און אויך דאָס העכסטע — איך קאָן, אַזוי ווי דו זעהסט מיך לעבען, איך קאָן! אָבער שעהן ביסט דו, יאַנקלאָוואַ, ווי דו זעהסט מיך לעבען, דו ביסט שעהן, און אין מיין בילדער-גאַלעריע געפינט זיך אַ בילד — אַנ׳עכטער רובענס — אַזוי ווי דו זעהסט מיך לעבען, אַ פּאָרטרעט פון דער קעניגין אסתר׳קאַ, דעם קעניג זיגמונט׳ס א ווייב... ניין, ניין, קאַזשמיעזש דעם גרויסענס אַ ווייב, און זי איז עהנליך צו דיר, ווי איין איי צום צווייטען. נאָר זעהט נאָר, זעהט נאָר! אָט שטעהט זי דאָ, די בהמה און ווייסט נישט, וואָס עס טהוט זיך מיט איהר; יאַק באַבציע קאָכאַם, עס איז קלאָר, אַז דו האָסט נאָך מ י ך נישט זינגען געהערט, יאַק באַבציע קאָכאַם! אָבער

שעהן איז זי, פשיא־קרעוו — ווילסטו מיר אַ קוש געבען ?

אָבער איידער דער הערר „ראַדצאַ" האָט בעוויזען, זיך געהנטער צו איהר צוצורוקען, איז דאָס מיידעל געוועזען פערשוואונדען. זי האָט קיין איינציג וואָרט זיינס נישט געהערט, זי האָט נישט געוואוסט וואָס מיט איהר איז, און אין קאָפּ האָט עס געקלאַפּט ווי מיט האַמערס.

די אַלמנה האָט גאָרנישט פערשטאַנען, וואָס איז איהר אסתר׳לען היינט געשעהן; איהר אסתר׳ל האָט היינט נישט געגעסען, האָט היינט נישט גערעדט און האָט היינט נישט געזונגען; די ליפּען איהרע זענען גע־בליבען געשלאָסען דעם גאַנצען אָבענד, מיט דעם שטורם אין האַרצען, און אַזוי האָט זי זיך אַוועקגעלעגט שלאָפען. אָבער געשלאָפען איז זי די גאַנצע נאַכט נישט. אָהן אַנ׳אויפהער האָבען אַלץ די טענער פון יע־נעם ליעד אין איהר געאַרבייט. פּלוצלינג זענען איהר אויף די ליפּען אַרויף אויך צוויי־דריי ווערטער פונ׳ם ליעד אַליין, און שטיל האָבען איהרע ליפּען נאָכגעשעפּטשעט: „וואָס האָט מאַן דיר, אָ אַרמעס קינד געטהאַן ?"

וואָס מען האָט מיר געטהון ?! דאָס לעבען האָט מען מיר געראויבט, דאָס האַרץ פון וואָרצעל האָט מען מיר אַרויסגעריסען, מיינע געפיהלען און געדאַנקען האָט מען מיט געוואַלד פערשטיקט! און איך האָב ביז יעצט נישט געלעבט און נישט געפיהלט און נישט געדאַכט און גאָר־נישט האָב איך געוואוסט!...

און פּלוצלינג קומט איהר אויפ׳ן געדאַנק אַרויף, אַז יעצט זענען פאַר איהר אַלע סודות ענטדעקט, קיין זאַך איז נישט מעהר פערבאָרגען פאַר איהר, דער שלייער פאַר איהרע אויגען איז געפאַלען און זי פער־שטעהט יעצט דאָס וואָרט „לעבען" ביז צום גרונד. „אויך איך לעב — האָט זי אַ מינוט געקלערט—אָבער צי האָב איך אויך געוואוסט, אַז איך לעב ? האָב איך עס דען געפיהלט און געשפּירט ?..." און אַ שוידער צוקט איהר דורך אַלע גליעדער אַדורך, דען דאָס ערשטע מאָל אין לעבען גיט זי זיך רעכנונג אָב פונ׳ם לעבען, און אַז דער מענש דאַרף וויסען, אַז ער לעבט. „אַך, גרויס און וואונדערבאַר איז דאָס לעבען, — דאָס האָט דאָך דאָס ליעד אַזוי קלאָר געזאָגט — אָה, וואָלט איך עס נאָר קענען — האָט עס אין איהר געשריגען — וואָלט איך נאָר אויך לעבען און וויסען, אַז איך לעב"...

ווען זי וואָלט זיך יעצט געוואָלט אומקעהרען פונ׳ם וועג, אויף וועלכען זי האָט זיך געשטעלט, ווער ווייסט, צי עס וואָלט איהר שוין געראָטען, דען צו טיעף שוין האָט דאָס נייע לעבען זיינע וואָרצלען אין איהר יונג האַרץ אַריינגעגראָבען...

און אינדערפריה האָט די מוטער זי געפרעגט, צי האָט זי שוין געזאָגט „שמע ישראל”, און אסתר האָט געענטפערט: ניין! און האָט גע-נומען דעם סידור אין האַנד אַריין, און איהרע אויגען האָבען אין איהם אַריינגעגלאָצט...

אויך דער סידור איז עפּעס היינט גאָר אַנדערש ווי אַלע מאָל; דער ריינער געדאַנק, וואָס האָט אַלע מאָל געפּלעגט קומען מיט׳ן סידור צוזאַמען, איז היינט אויסען געבליבען.

„וואָס ביסט דו היינט אַזוי צעטראָגען?” האָט די מוטער זי גע-פרעגט, דערזעהענדיג, אַז אסתר איז אַזוי פערקלערט, און אסתר האָט געענטפערט: „דער קאָפּ טהוט מיר וועה, אוי דער קאָפּ, דער קאָפּ, דער קאָפּ!”

און אין די אויגען איהרע האָבען זיך טרעהרען בעוויזען. — קע-גען אָווענד אָבער איז אסתר ווידער אַוועק איבער די בריק צו ר׳ מאָש-קען אַהין. נישט ווילענדיג האָט זי די אויגען אויפגעהויבען צו דער קירכע, און אויך צו דעם צלם, וואָס הענגט אין דער הויך, און האָט נישט געוואוסט צו וואָס אייגענטליך טהוט זי דאָס. אין דער זעלבער מי-נוט האָט זי דערהערט, ווי מען זינגט אין דעם הויז אַנטקעגען, און איהרע ליפּען האָבען שטיל אַרויסגערעדט: „אָט איז דאָס הויז, אָדער די „ביהנע”, ווי רבקה ר׳ מאָשקעס רופט דאָס אָן, און דאָרטען זינגען די זינגער און די זינגערינס יעדען אָוועגד. אָה, ווען איך וואָלט דאָרטען קענען אַריינקומען און אַלעס הערען און אַלעס זעהן”...

אַריינקומענדיג צו ר׳ מאָשקען, האָט איהר רבקה באַלד דערצעהלט וועגען די זינגער און זינגערינס און אַז מאָרגען אָוועגד וועט מען זינ-גען ביי איהר. — און מאָרגען און איבערמאָרגען און יעדען ווייטערען טאָג איז אסתר געקומען מיט דעם קויש צו ר׳ מאָשקען, און האָט גע-הערט ליעדער זינגען, און איהר האַרץ האָט זיך צוגענייגט צו זיי אַלץ מעהר און מעהר...

און אין דער היים זיצט די אלמנה אַליין אין איהר שטיבעל, און

ווארט טאָג-טעגליך אויף איהר איינציגע טאָכטער ביז זי קומט אָן. — וואָס איז מיט איהר טאָכטער די לעצטע צייט פּאַרגעקומען? וואָס קומט זי יעצט עפּעס אַזוי שפּעט? — דו גרויסער גאָט! וואָס פאַר אַנ'איבער־קעהרעניש איז דאָ ביי איהר טאָכטער צו זעהן! איז דאָס די זעלביגע אסתר'ל? איז דאָס דאָס פּשוט'ע, פרומע קינד פון פאַר חדשים און וואָ־כען און טעג?...

אַ שרעקליכער געדאַנק בליצט פלוצלינג דורכ'ן מוח פון דער אָרעמער: „ניין, ניין, נאָר דאָס נישט, נאָר דאָס נישט! זאָל אפשר אסתר'ל זיין אַראָב פון גלייכען וועג און איז זי אפשר נישט מעהר קיין עהר־ליך, יודיש קינד?"...

דער זאָק צוזאַמען מיט די שטריקנאָדלען פאַלען איהר אַרויס פון די ציטערדיגע פינגער: — „אָה, גאָט פון אַברהם, פון יצחק און יעקב! זאָל דאָך אַ שלעכטע מחשבה אין דעם האַרץ פון מיין איינציגער טאָכ־טער קיינמאָל נישט אַריינקומען, זאָל איהר ריינע נשמה קיינמאָל נישט בעפלעקט ווערען, זאָל זי נאָר אויף קיין קרומען וועג נישט אַראָבקו־מען! אוי גאָט פון מיינע פאָטערס, גרויסער, הייליגער גאָט! און האָט דאָס קינד שוין געזינדיגט, איז איהר נשמה שוין פערפלעקט געוואָרען, דאַן הייל זי, גאָט, הייל זי, בעניי אין איהר דעם גייסט, און ברענג זי מיר ריין און גוט צוריק!..."

און טעג געהן אַוועק און טעג קומען אָן, און אסתר'ס זינד האָט זיך אַלץ גרעבער און גרעבער געפלאָכטען, און נישט וויסענדיג און נישט פיהלענדיג איז איהר האַרץ געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר ווידערשפּעניסטיג, אַזוי אַז זי האָט, אָהן צו וויסען וואָס זי וויל, אָנ־געהויבען דער מאַמען מאַכען פאָרוואורפען, וואָס זי האָט זי אָבגעהאַל־טען פונ'ם וועג פון לעבען. און וואָס מעהר זי האָט זיך געשטאַרקט, צו דערהאַלטען די אַלטע געביידע ווי עס איז, האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר איהר פונדאַמענט געבויגען ביז צום פאַלען. עס האָט נאָר געפעהלט, עס זאָל קומען דער ווינד און זאָל דערלאַנגען דעם שאָקעל, אַזוי אַז די געביידע זאָל אויף שטיקלעך צעפאַלען און איהרע שטיקלעך זאָלען צעטראָגען ווערען אין אַלע עקען פון דער וועלט...

און יענער טאָג איז אויך געקומען. דאָ איז אין דער יודענגאַס

עפעס פאַרגעקומען, וואָס די האָר האָבען זיך יעדען געשטעלט קאַפויר, צס הערענדיג.

דען אין איין שעהנעם פריהמאָרגען איז פערשוואונדען געוואָרען שרה־די־אלמנה'ס טאָכטער, און קיינער האָט נישט געוואוסט, וואו און ווי אַזוי — אין דעם זעלבען טאָג, אָבער, איז אויך אַוועק פון שטאָדט די טרופע שוישפּיעלער, וועלכע האָבען געגעבען פאָרשטעלונגען אויף דער בּיהנע...

דאָ האָט זיך די אלמנה אויפגעכאַפּט, איז אַריבער איבער די בּריק און האָט דאָס מיידעל געזוכט אין דער גויאישער גאַס, דאַן איז זי אַוועק אויך פון שטאָדט און איז געגאַנגען זוכען די פערשוואונדענע, און האָט זי געזוכט חדשים און יאָהרען לאַנג, און איז חדשים און יאָהרען נישט צוריקגעקומען, און קיינער האָט נישט געוואוסט, וואָס מיט איהר איז געשעהן...

און ערשט נאָך פיעל, פיעל יאָהרען איז זי ענדליך צוריקגעקומען... זי האָט אויסגעזעהן אַלט, הגם זי איז קוים געווען פופציג יאָהר אַלט, און גרין דאָס פּנים, און שטאַר און אומבּעוועגליך, און האַלבּ־אָפּען זענען אַלעמאָל געווען איהרע ליפּען און אויף זיי האָט אַרומגעבּלאָנדזשעט אַ שטענדיגער שמייכעל; דאָס בּלוט האָט איינעם געקענט געגליווערט ווערען אין די אָדערן, זעהענדיג דעם דאָזיגען שמייכעל. אָבער דער טאָכטערס נאָמען האָט זי קיינמאָל נישט דערמאָהנט, אַזוי ווי זי וואָלט האָבען אינגאַנצען זי פערגעסען. אַ גאַנצען טאָג האָט זי פלייסיג געאַרבּייט, נישט וועלענדיג אָבּרוהען זיך אַפילו אויף אַ רגע; ס'איז איהר קיין שום אַרבּייט נישט צו שווער געווען, און כמעט גאַנצע נעכט האָט זי תהילים געזאָגט. און מערקווירדיג: יעדען טאָג פלעגט זי קומען מיט'ן קוישעל צו ר' מאָשקען אין שענק, פּונקט אַזוי ווי די טאָכטער פלעגט טהון, און יעדען טאָג, קומענדיג אויף די גויאישע גאַס, פלעגט זי זיך אַוועקשטעלען אַנטקעגען דער קירכע און פלעגט אויפהויבּען די אויגען און קוקען אויף דעם צלם, וואָס הענגט אין דער הויך, און אַמאָל פלעגט זיך אויך אַ טרעהר אין איהרע אויגען בּעוויזען. נאָר יעדעס יאָהר, אין דעם טאָג, ווען אסתר איז פערשוואונדען געוואָרען, פלעגט די אלמנה אַ וואַקסען ליכט אָנצינדען, ווי נאָך אַ געשטאָרבּענעם,

און פלעגט אַ גאַנצען טאָג תהילים זאָגען און דאַן אַ גאַנצע נאַכט...
אַזוי זענען פיעל, פיעל יאָהרען אַריבער...

*

אַנ'איינפאַכע מעשה איז דאָ צו דערצעהלען: דער איינפאַכער לעבענסלויף פון אַ קינסטלערין...

ווי אַ בלום אין פעלד איז זי אין דער יודענגאַס אויפגעוואַקסען, קיינער האָט פון איהר נישט געוואוסט, קיינער האָט זי נישט בעמערקט, און פון הימעל איז אַ פייער געפאַלען, און אַ פונק איז אויך ביי איהר אין האַרצען פערבליבען, און דער פונק איז אויפגעפלאַקערט און צו אַ פלאַם פייער געוואָרען — און אַזוי איז דאָס מיידעל אין פערלויף פון עטליכע יאָהר אַ בעריהמטע זינגערין געוואָרען. אויף די ערשטע ביהנען אין לאַנד און אין אויסלאַנד איז זי אויפגעטרעטען, און האָט הערצער ענטציקט און עראָבערט — אָבער גליקליך און צופריעדען איז דאָס מיידעל נישט געוואָרען, און די פיעל לויב האָבען איר אונרוהיג האַרץ נישט געזעטיגט, און דאָס האַרץ איז איהר געבליבען שווער, אַזוי שווער... און ווען זי פלעגט אַ מינוט-לאַנג זיין אַליין מיט זיך, דאָ איז דאָס האַרץ איהרס שווער געוואָרען ביז צום פלאַצען, דען די איינפאַכע געשיכטע פון איהר לעבען איז איהר פאָרגעקומען אַזוי וואונדערליך און אויסגעוואָרפען — אין אַזעלכע מינוטען פלעגט זי חלומען מיט אָפענע אויגען און איבערקוקען איהר לעבען פונ'ם ערשטען טאָג ביז אויפ'ן לעצטען, און דאָ האָט דאָס האַרץ אַזוי וועה געטהון...

צוערשט די קינדער-יאָהרען: — זי איז נאָך גאָר אַ קליין מיידעל ביים טאַטען אין קליינעם שטיבעל אויפ'ן פעלד; דער טאַטע איהרער איז געשטאָרבען אַ דאַנק דעם חסד פון עפּעס אַ פריץ, איינעם פון זיינע ברויט-געבער, וואָס האָט זיך מיט איהם אַ „שפּאַס" ערלויבט. און די מאַמע האָט זי ליעב געהאַט, אַזוי העליש און אונהיימליך ליעב, מעהר ווי דאָס לעבען און שטאַרקער ווי דער טויט, אַז דאָס האַרץ בלייבט נאָך יעצט פערציטערט, ווען זי דערמאָהנט זיך אָן יענער ליעבע. די מאַמע דערצעהלט איהר יעדען טאָג איהרע מעשיות און קלאָגט זיך אויף יענע לייט, וועלכע הייסען קאַטאָליקען, דען אַ קאַטאָליק איז געוועזען אויך דער מערדער פון איהר טאַטען, און יענער זאָמען, וועלכען די

מאַמע האָט פערזייהט, האָט פּרוכטען געטראָגען, דען דאָס מיידעל האָט אָנגעזאַפּט זיך מיט אַנ'אומענדליכער פעראַכטונג צו אַלע יענע מענשען, און די שנאה איז גרעסער געוואָרען מיט יעדען טאָג.

איהר האַרץ אָבער האָט זי געצויגען אַלעמאָל צו יעדעם נייען, און אַ פייער האָט זיך צעפלאַקערט אין איהר נשמה און אַלעס נייע און פרעמדע האָט זי געצויגען. אַזוי זענען אַוועק איהרע קינדער-יאָהרען, די בעסטע און שענסטע יאָהרען פונם מענשענס לעבען און די געטער האָבען איהר געגעבען אַ מתנה, אַ מערקווירדיג מוזיקאַליש געהער און אַ שטימע הערצער צו בעצווינגען. פלעגט איהר שווער ווערען אויפ'ן האַרץ, פלעגט זי זיך פונאַנדערזינגען, און אַלץ איז אַזוי גוט און גרינג געוואָרען און דאָ האָט איהר אַ גאָטס-פינגער אָנגעוויזען דעם וועג, אויף וועלכען זי זאָל געהן. און מערקווירדיג! די געהיימע קראַפט, וואָס הערשט איבער אונז, בעדיענט זיך אַמאָל מיט וואונדערבאַרע מיטלען. דווקא יענער עקעל און יענע שנאָה צו די פרעמדע האָבען די אומגעקעהרטע ווירקונג געהאַט: זיי האָבען זי נעהנטער געבראַכט צו יענעם לעבען. עפּעס אַ דירעקטאָר פון אַ וואַנדערטרופּע האָט זי דענסמאָל געזעהן און איהר שטימע געהערט און האָט זי מיט זיך מיטגענומען...

דאָס איז פאַר איהר געווען אַ שרעקליכע צייט — אַ קאַמף אין דריגען און אַ קאַמף אין דרויסען! די מוטער האָט זי נאָכגעיאָגט פון שטאָדט צו שטאָדט און פון אָרט צו אָרט, און דאָס מיידעל האָט זיך יעדעס מאָל פאַר איהר בעהאַלטען און האָט זי נישט געוואָלט זעהן און ווען אויך ס'זאָל איהר דאָס לעבען קאָסטען. צו יענער צייט איז זי קיין קאַליש געקומען, און דאָרט האָט זי איהרע ערשטע בילדונג בעקומען, אום ווענינגסטענס רעדען און ענטפערן צו קענען — אָבער שוין דענסמאָל זענען איהר פיעל גדולים געלעגען צו איהרע פיס. וואָס אָבער האָט דאָס מיידעל דענסמאָל פערשטאַנען פונ'ם גאַנצען כבוד, וואָס מען האָט איהר אָבגעגעבען? אויך אין יענע טעג האָט זי רוה און צופריעדענהייט נישט געשפּירט, דען שוין ווידער האָט זי געהערט די טריט פון דער מוטער, וועלכע איז איהר נאָכגעלאָפען. זי איז אַוועק פון דאָרט און איז געקומען קיין וואַרשאָ; דאָרט האָט זי פיעל געלערנט, די פערשידענסטע פּעכער, דאָרט האָט זי אויך די מוזיק-שולע בעזוכט, דאָרט האָט זי אויך די פערשידענסטע לעהרער ביי זיך איינדערהיים געהאַט, דען פיעל

פראָטעקטאָרען האָט זי דאָרט געהאַט, וועלכע האָבען זיך זעהר אינטערעסירט מיט איהר; אָבער דאָס פיעל לערנען האָט גאָרנישט געוואָלט קיין ענדע נעהמען, עס האָט ערשט אייגענטליך געהאַט אָנגעהויבען! דאַן האָט מען זי אין די קלויסטער-שולע קיין פולאַווי געשיקט, און דאָרט איז זי געווען דאָס איינציגע יודישע קינד אין דעם דאָזיגען קאַטוילישען אינסטיטוט...

קלויסטער-שולע! ווי לייכט רעדט זיך איהר היינט דאָס דאָזיגע וואָרט אַרויס, אָבער ווי שווער האָט זי דענסמאָל געקעמפט מיט זיך! ווי זי האָט דאָס ערשטע מאָל דאָס וואָרט דערהערט, האָט זי אַ ציטער געגעבען, עפּעס איז דער דאָזיגער אינסטיטוט געווען גאָר נישט ווי פון דער וועלט, און ווען זי איז צום ערשטען מאָל אַריבערגעטרעטען יענע שוועל, האָט זי זיך צעוויינט: זי האָט זיך געצוואונגען, מיט אַ פעסטער האַנד אַרויסצורייסען פון איהר האַרץ אַלע איהרע קינדער-ערינערונגען, וועלכע זענען איהר אַזוי ליעב געווען, אויבוואויל זיי זענען אַזוי משונה׳דיג און ווילד געווען. וואָס געהט זי יעצט נאָך אָן דער מאַמעס היים? וואָס בינדט זי יעצט נאָך צו איהר פאָלק און איהר געבורט? — זי האָט פון טאָג צו טאָג מעהר געלערנט דאָס נייע לעבען און פון טאָג צו טאָג איז זי מעהר פערבונדען געוואָרען מיט דער נייער געזעלשאַפט. דאָס נייע לעבען האָט יעצט איהר גאַנץ טראַכטען אויסגעפולט — און איהר פאָלק און געבורט און גלויבען האָט זי פערגעסען און זיי זענען איהר נישט מעהר געקומען אויפ׳ן זין.

דאַן האָט זי איהר לאַנד פערלאָזען און איז געקומען קיין קראקא און דאַן קיין לעמבערג; דאַן האָט זי אויך די דאָזיגע ערטער פערלאָזען און איז אין יענעם לאַנד געפאָהרען, וואו דער הימעל איז שטענדיג בלוי און וואו די ציטרינען הערען קיינמאָל נישט אויף צו בליהען, דאָס לאַנד, וואָס גוטע מלאָכים האָבען אַ נאָמען געגעבען איטאַליען...

ווען זי איז פון איהר רייזע צוריקגעקומען, איז זי ווידער אין לעמבערג געבליבען, און דאָרט איז זי דאָס ערשטע מאָל אויפגעטרעטען. זי געדענקט עס נאָך, ווי עס וואָלט ערשט נעכטען געווען, און אַלץ, וואָס איז איהר דענסמאָל דורך די געדאַנקען געגאַנגען און אַלץ, וואָס זי האָט דורכגעפיהלט: זי האָט די ביהנע בעטרעטען און האָט נישט געוואוסט וואָס עס טהוט זיך מיט איהר, און דאָס האַרץ האָט

נישט אויפגעהערט צו זעצען — און אַ פרייטאָג־צו־נאַכטס איז עס גע־
ווען. דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבען, און זי שטעהט פאַר'ן פובלי־
קום — און מערקווירדיג: דער ערשטער געדאַנק איז געווען — די מאַמע!
גאָר פלוצלינג איז עס איהר געקומען; זי האָט זיך דערמאָהנט אָן דער
מאַמען, וועלכע זי האָט אַזוי מוטווילליג אַוועקגעוואָרפען און פערגעסען,
און די געשטאַלט פון דער קליינער פרוי, מיט דעם עהרליכען געזיכט,
איז ווי לעבעדיג געשטאַנען פאַר איהרע אויגען; יעצט אין דער זעלבי־
גער שעה שטעהט זי דאָרט אַ וודאי אין גריידאָוו איבער די שבת־ליכט
און מאַכט די ברכה... די פיס האָבען איהר אָנגעהויבען זיך וואַקלען
און עס איז איהר פינסטער געוואָרען אין די אויגען: אַ מינוט האָט זיך
איהר געדאַכט, אַז דאָס טעאַטער איז לעדיג, און אַ מינוט, אַז עס איז
פאַק און פול; פלוצלינג האָט עס אָנגעהויבען צו רעש'ן, און זי איז
צו זיך געקומען; דאָס האָט איהר דאָס פובליקום אַפלאָדירטביים ערש־
טען אַרויסטרעטען. זי האָט זיך זאָגאַר נישט פערנייגט און האָט איהר
ערשטע אַריע געזונגען; דעם גרויסען פובליקום איז איהר געזאַנג נישט
איבריג געפעלען. אַזעלכע אָווענדען זענען אָבער נישט צום צווייטען
מאָל געקומען, און אויך אַזעלכע עראינערונגען האָבען זי נישט מעהר
געקוועהלט; די קומענדיגע טעג האָבען מיטגעבראַכט מיט זיך פיעל לע־
בען און בעוועגונג און בערוישונג...

דאַן איז עס געווען אין קראקא — דאָרט האָט זי דעם ערשטען
בלומען־בוקעט בעקומען; דאָרט האָט איהר אויער די ערשטע ליעבעס־
שבועה געהערט; דאָרט איז איהר די ערשטע סאָנעטע געווידמעט גע־
וואָרען און דאָרט האָט זיך צוליעב איהר אַ גימנאַזיסט, אַ קינד פון אַכט־
צעהן יאָהר, דאָס לעבען גענומען, פון גרויסער אומגליקליכער
ליעבע...

דאַן האָבען זיך אָנגעהויבען די צייטען פון רויש און טרוימעריי־
ען און פאַנטאַזיעס, די בעסטע צייטען פון איהר לעבען — דען זי האָט
דענסמאָל נישט פיעל געטראַכט און געדאַכט. אויף די הענד האָט מען
זי געטראָגען, יעדעס מויל איז פול געווען מיט איהר לויב, יעדע קניה
האָט זיך פאַר איהר געבייגט, גראַפען האָבען זיך וועגען איהר ליעבע
בעמיהט, אַדעל־לייט האָבען זיך וועגען איהר געוועט און האָבען האָב
און גוט פערלוירען, און זי איז ווי אַ קעניגין שטאָלץ און מיט אַ הויך

געבויגענעם קאָפּ געגאַנגען און האָט זיי אַלעמען אָבגעוויזען. אויך וולאַ־דיסלאַוו גראַף זאַוואָנסקי איז געקומען און האָט ביי איהר די ערלויבניש געבעטען, ער זאָל מעגען פון איהר שוך שאַמפּאַניער טרינקען, און זי איז אַזוי גנעדיג געווען און האָט איהם געלאָזען טרינקען, און האָט גע־קוקט און האָט געשמייכעלט. דאַן האָט זי די גאָלדענע יוגענד געמאַכט פּאַר שקלאַפּען צו זיך, זי האָט זייער קראַפט אויסגעזאָגט און האָט זיי־ער בלוט געטרונקען, און ווייטער און ווייטער האָט זי אַלץ איהרע פיי־לען אָבגעשאָסען אָהן מיטלייד און אָהן רחמנות. צו יענער צייט איז איהר אַ מענשענהאַרץ אַזוי פּיעל געווען ווי אַ שפּילעכעל צום צייטפער־טרייב — און פון דער מוטער האָט זי וועהרענד דער גאַנצער צייט נישט געטראַכט.

אָבער אויך איהר טאָג איז געקומען — אויך איהר האַרץ איז געפאַנגען געגאַנגען, און זי איז אַרויס פונ׳ם קאַמף מיט אָפענע וואונ־דען...

דער יונגער מאַן איז געווען אַ שפּראָס פון אַן׳אַלט־אַדעליגער פאַ־מיליע, דער יונגער גראַף וואַצלאַוו פאָן שימאַנאָווסקי, אַ שעהנער, יונגער מענש פון הויכען וואוקס, מיט בלויע אויגען און בלאָנדע האָר, און אָט צו דעם דאָזיגען האָט דאָס מיידעל מיט די שוואַרצע אויגען און שוואַר־צע האָר זיך געפיהלט אַהין געצויגען; ער אָבער האָט זיך צו איהר נאָר לאַנגזאַם און צוריקהאַלטעוודיג גענעהנטערט, ווי עס וואָלט זיין גע־גען זיין עהרע. — דאָס גראַד איז איהר געפעלען געוואָרען; עס איז געווען פאַר איהר עפּעס נייעס, און זי האָט איהם ליעב געהאַט. — וואָס געהן זי אָן צערעמאָניעס? וואָס פאַר אַ ווערט האָבען ביי איהר רעלי־גיעזע מנהגים?... אַ קורצע צייט איז זי געווען גליקליך און צופריעדען, אַ קורצע צייט האָט עס אויפגעהערט אין איהר האַרץ צו גריבלען און צו גראָבען, און זי האָט געמיינט, אַז אָט וועט די דאָזיגע רוה שוין בלייבען אויף אייביג. זי האָט דעם דאָזיגען מאַן אַ קינד געבוירען — און דער גראַף וואַצלאַוו פאָן שימאַנאָווסקי האָט זיך געפיהרט ווי עס פיהרען זיך כמעט אַלע פון זיין שטאַנד אין אַזעלכע פאַלען: ער האָט די געלאָזט זיצען און האָט פון זיין ווייב נישט געוואָלט וויסען און זיין זוהן האָט ער נישט געקענט... דאָס האָט אַ טיעפען ריס אין איהר האַרץ געריסען, און זי איז פערשוואונדען געוואָרען פון דער געזעלשאַפט און

האָט זיך לאַנג נישט געוויזען מעהר אויף דער סצענע. דענסמאָל איז אויך דאָס איינציגע קינד ביי איהר געשטאָרבען. ביסלעכווייז האָט זי ווידער איהרע קרעפטען געזאַמעלט און האָט ווידער אָנגעהויבען זיך ווייזען אויף דער ביהנע; זי האָט צו אַ נייעם לעבען דערוואַכט און זי האָט זיך בערוישט און האָט ווילד געלעבט, און נאָר איהר געזיכט איז געבליבען מאָדנע בלייך און אין די אויגען האָט אַלע מאָל געבליצט אַ מאָדנע פייער...

און איהר רוה איז געווען אויף אייביק אַוועק. — צו יענער צייט איז די ערינערונג אָן די מוטער אין איהר פלוצלינג דערוואַכט; און זי האָט זיך קיין מנוחה נישט געקענט מעהר געפינען. מערקווירדיג! יאָהרען אַנג האָט זי די מוטער נישט געדענקט און האָט נישט געטראַכט וועגען איהר און זי איז איהר פרעמד געווען, און פלוצלינג האָט זי די ערינערונג אָן איהר מיט איהר גאַנצער קראַפט און מאַכט געפאַקט און האָט זי נישט מעהר אָבגעלאָזען. אָהן רוה האָט עס זי געיאָגט פון אָרט צו אָרט, און באַלד האָט זי געמוזט אַוועק פון דער טרופע, צו וועלכער זי האָט געהערט, און זי האָט געוואַנדערט פון שטאָדט צו שטאָדט און פון טרופע צו טרופע, און קיין רוה האָט זי אַ־ץ נישט געקענט געפינען. זי איז געוואָרען אַ וואַנדער-זינגערין, און זי איז אויפגעטרעטען יעדען אָוועגד און זי האָט געזונגען און האָט זיך געוואָלט בערוישען מיט איהר זינגען. —

זאָל זי יעצט געהן זוכען איהר מוטער? וועט זי נאָך געפינען זי אין גריידאָוו? לעבט זי נאָך? און וואָס וועט זי איהר זאָגען, אַז זי וועט זי דאָס ערשטע מאָל ווידער זעהן?

אַ משונהדיגער געדאַנק!

זי, די שוישפילערין, וועלכע רעדט צו אַ פובליקום פון טויזענדער מענשען און וועלכע ווייסט טויזענדער אַרטען פון שפּראַכען און געפיהלען נאָכצומאַכען, זי ווייסט יעצט נישט און געפינט נישט די ערשטע ווערטער, וועלכע זי האָט צו זאָגען אַן־אַלטער, אָרימער יודישער פרוי! וועט די מוטער קענען נאָך פריינדליך צו איהר רעדען? וועט זי איהר נישט דעם רעשט ביסעל יאָהרען פערביטערן, ווען זי וועט זיך יעצט פאַר איהר ווייזען?...

אָבער אויך אין אַזעלכע מינוטען האָט קיינער פון דרויסען נישט

געקענט בעמערקען די גרויסע שרעקליכע איבערקעהרעניש אין איהר הארץ, און זעהענדיג זי אַזוי אין גאַס, שטאָלץ און מיט אַ פערריסענעם קאָפּ און מיט פעסטע זיכערע טריט געהענדיג, איז קיי־נעם נישט געקומען אין זין אַריין, אַז איהר איז אַזוי ביטער...

טײַלמאָל, אָבער, איז איהר ביטער געוואָרען שוין גאָר צו זעהר, צו זעהר!..

און אהן אַנ׳אויפהער און אָהן רוה האָט זי געוואַנדערט פון שטאָדט צו שטאָדט, און האָט ענטציקט הערצער און האָט בע־רוישט צוהערער, און אָהן אַנ׳אויפהער און אָהן רוה האט זי אַלץ ווייטער געוואַנדערט און געוואַנדערט, ווי ווען בייזע רוחות וואָלטען זי יאָגען — און יאָהרען, פיעל יאָהרען זענען אַריבער און ענדליך איז זי אויך אָנגעקומען אין גריידאָוו...

*

דער „פּאַן ראַדצאַ״ פּאַלעסקי, אמת, איז נישט קיין געוועהנליכער מענש — אָבער, זעהט איהר, די עלטער האָט אויך איהם נישט פער־שוינט, און ווי זי איז אָנגעקומען, האָט זי איהם געצוואונגען אַביסעל אַנדערש ווי פריהער צו לעבען. אַנשטאָט בראָנפען טרינקט ער יעצט ריינעם שפּירט, און אַנשטאָט ווייַן — אַ גלעזעל וואַרימען גראָג; און פאַר דעם מאַגיסטראַט זיצט ער שוין אויך נישט מעהר, און דאַרף איהם עמיצער האָבען פאַר אַנ׳עדות, זוכט מען איהם אויף ביי רבקה רבי מאָשקעס אלמנה, אין דער וויינשענק, דען דאָרטען האָט ער זיך יעצט בעזעצט איינגאַנצען; ער קומט שוין נישט מעהר ווי אַמאָל צו די דיענסטען און קעכינס, וועלכע ער פלעגט מאַכען זיינע פייערדיגע ליעבעס־ערקלערונגען, אום דאַן צו קענען דערצעהלען פאַר אַלעמען, אַז ער האָט געהאַט אַ ליעבעס־בעציהונג מיט עפּעס אַ כראַבינע אָדער אַ גרויסער פּריצה׳טע — היינט זיצט ער נאָר נאָך אין שענק־הויז ביים גלעזעל שפּירטוס אָדער גראָג מיט אַ רויט־בלויער נאָז און איז אַלעמאָל שטאַרק פערקלערט.

דער הערר „ראַדצאַ״ איז אַנ׳אַלטער מאַן געוואָרען.

דער הערר „ראַדצאַ״ איז היינט ביים בעסטען הומאָר, און דאָס גלעזעל שטעהט פאַר איהם פול ביז צום ראַנד, און אויך די יודען

האָבען איהם נישט געקענט היינט אין פעס אַריינבּרענגען, דאַדורך וואָס זיי האָבען איהם דאָס ביסעל געלד, וואָס ער האָט פון זיי גנעדיגליך פערלאַנגט, נישט געוואָלט בּאָרגען; ער האָט זאָגאַר נישט אָבגעענטפערט גראָב דער אלמנה רבקה, ר׳ מאָשקעס ווייב, וועלכע האָט איהם אייגענטליך אַביסעל בעליידיגט דערמיט, וואָס זי האָט געפאָדערט ביי איהם, ער זאָל בעצאָהלען וואָס עס קומט — דען דער „פאַן ראַדצאַ" איז בטבע אַ גוטהערציגער און טראָגט קיינעם נישט נאָך קיין שנאה; און דאָך, זעהט איהר, איז דער „פאַן ראַדצאַ" געווען נאָך אין דעם אָווענד פון דעמזעלביגען טאָג שטאַרק דערצערנט און זעהר פערדריסליך — און קיינער האָט נישט געוואוסט, צוליעב וואָס.

וועגען אַנ׳עהרען-בעליידיגונג איז עס געגאַנגען. מען האָט היינט דעם גנעדיגליכען הערר דעם האָנאָר גערירט.

אויך היינט איז שרה די אלמנה געקומען, אַזוי ווי אַלע טעג, צו רבקה׳ן אין די ווייננשענק מיט׳ן קויש אין דער האַנד. נישט איינמאָל שוין האָט שרה דאָ געטראָפען דעם פאַן ראַדצאַ פאַלעסקי און נישט איינמאָל שוין האָט ער דאָ מיט איהר גנעדיגליך געפלוידערט; היינט אָבער איז ער געווען גאָר בעזונדערס פריינדליך צו איהר, און האָט זי זאָגאַר אָנגערופען ביים נאָמען:

יאַנקלאָוואַ! (אַזוי בעליעבט זיין גנאָדען צו טיטולירען אַלע יודישע פרויען אָהן אויסנאַהם, ווען ער איז ביי גוטען הומאָר) ווי געהט עס יעצט, יאַנקלאָוואַ? און מיט וואָס האַנדעלט איהר יעצט? איהר זענט אַ גוטע יודענע, דעריבער פרעג איך — און וואָס בערך פערדיענט איהר יעצט?

— איך דאַנק זעהר דעם גנעדיגליכען הערר פאַר׳ן נאָכפרעגען זיך — האָט שרה טרוקען געענטפערט, אַ דאַנק גאָט פאַר׳ן שטיקעל ברויט... אַמאָל, נאַטירליך, האָט זיך בעסער געלעבט, אָבער דער הערר ווייסט דאָך: עס געהט פערשיעדען אין לעבען...

— אויב איך ווייס! אַז מענשען זאָגען: פאַלעסקי ווייסט, ווייסט ער. — יאַנקלאָוואַ, איהר מיינט געוויס יענע צייטען, ווען די קליינע יאַנקלאָוואַ איז נאָך אינדערהיים געווען... האַ, האַ, האַ! פאַלעסקי פערשטעהט...

די אלמנה האָט נישט געענטפערט, און אויך איהר געזיכט האָט זיך נישט געביטען אינ'ם אויסדרוק.

— אָה, אַ שעהן מיידעל געווען, די קליינע! — האָט פּאַלעסקי ווייטער גערעדט. — האַ, האַ, האַ! איך גלויב אייך אויפ'ן וואָרט, אַז דענסמאָל זענען געווען בעסערע צייטען. וואָס זאָל מען זיך דאָ וואונדערן! אַ שעהן מיידעל... כראַביעס און שליאַכטעס קענען זי און ווייסען פון איהר... דאָס מיידעל איז קלוג און פעריאָגט נישט קיין מענשען... און פאַרוואָס זאָל איך דאָ נישט גלויבען, אַז עס זענען דענסמאָל געווען בעסערע צייטען? פאַרוואָס זאָל איך נישט פערשטעהן, אַז אויך דער מאַמען איז אַ גוטער גראָשען אָבגעפאַלען און זי האָט איהר געבראַכט יעדען טאָג עטליכע גילדען און יעדע נאַכט אַ פיינעם גאַסט?...

אמת, דער הערר „ראַדצאַ" איז נישט אַבי-ווער, ער איז אַן'אַריס־טאָקראַט און אַ מענש מיט אַ פיינעם געשמאַק און אַמאָל האָט ער פערשטאַנען זאָגאַר פראַנצויזיש, און האָט שוין עפּעס געהאַט צו טהון מיט פרויען פון דעם גרויסען אַדעל, און אויך דיענסטען און קעכינס האָט ער נישט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנד — אָבער קלוג ווי שלמה המלך איז ער פאָרט נישט געווען! איבריגענס, ווער קען זאָ־גען פון זיך, אַז ער מאַכט קיינמאָל נישט עפּעס אַ נאַרישקייט? מען קען דעריבער דעם הערר פּאַלעסקי נישט בעשולדיגען, אַז ער האָט הייַנטיגס מאָל נישט געקענט פאָראויסזעהן, וואָס פאַר אַ ווירקונג זיי־נע עטליכע ווערטער וועלען האָבען אויף די אַלטע יודישע פרוי; ווי אָבער ער האָט אַ קוק געגעבען צום אָרט, וואו די פרוי איז גע־שטאַנען, איז ער געוואָרען שטאַר פאַר שטוינען: דאָס אָרט איז געווען לעדיג און די אַלמנה איז אין שוין שטוב נישט מעהר געווען. זי איז געלאָפען אַוועק, אַוועק, ווי מען לויפט פאַר אַ פייער...

פּאַלעסקי האָט געקאָכט און גערעש'ט און עס האָט אים געצוּנ־דען און ער האָט פאַר גרויס גרימצאָרן אַ גרויסען זופּ געטהון פונ'ם גלעזעל, און דעם גאַנצען טאָג און נאָך ביינאַכט האָט ער זיך נישט געקענט בערוהיגען. — אַ יודישע פרוי האָט זיך אונטערשטאַנען, איהם צום נאַרען צו מאַכען! איהם, דעם פוילישען אַדעלמאַן, וואָס האָט גנעדיגליך מיט איהר אַביסעל געפּלוידערט, און זי האָט איהם

איבערגעלאָזען אַליין אין מיטען רעדען, ווי ער וואָלט זיין עפּעס אַ נאַריש יונגעל פון גאַס אַראָב און נישט אַ שליאַכטשיץ פון דער שליאַכטאַ. האַ, האַ, האַ! ווען דאָס אַ מענש וועלען גלויבען, אַז אַנ׳-אַלטע יודענע קען אויך נאָך אַמאָל ברוגז ווערען דערפאַר, וואָס זי הערט, אַז עס געפעלט איינעם אַ יונגערע און שענערע? זאָגאַר די פּרוי, וואָס שטעהט שוין מיט איין פוס אין גרוב, ווערט נאָך אייפער-זיכטיג אויף אַ יונג שעהן מיידעל, און מעג דאָס מיידעל זיין אפילו איהר אייגענע טאָכטער? האָט איהר געזעהן אַביסעל? די אַלטע איז אויף מיר בייז געוואָרען דערפאַר, וואָס איך האָב געזאָגט, אַז אַמאָל, אין די יונגע יאָהרען, איז מיר די קליינע געפעלען... ווייזט אויס, אַז די אַלטע האָט אויך יעצט נאָך חשק, אַז עמיצער זאָל זיך אין איהר פערליעבען. זי מוז זיין יעצט געגאַנגען, אום נאָך בייטאָג צו מאַכען זיך עפּעס אַ בעשטעלונג אויף ביינאַכט...

דער הערר „ראַדצאַ” האָט אויך דאָסמאָל אַ טעות — די אַלמנה איז נישט געגאַנגען מאַכען בעשטעלונגען בייטאָג אויף ביינאַכט; זי איז ווי אַנ׳אונטערגעשאָסענער הירש געלאָפען, וואו די אויגען האָ-בען זי געטראָגען, זי איז אין איין אָטעם די בריק אַריבערגעלאָפען און האָט עס נישט געמערקט, זי איז די שוהל-גאַס פאַרבייגעשטורמט און האָט עס נישט געוואוסט, זי האָט זיך אין איהר שטיבעל אַריינ-געריסען און האָט עס נישט דערקענט, און שטונדענלאַנג איז זי אָב-געזעסען שטום און שרעקליך און די אויגען האָבען שטאַר געקוקט פאַר זיך; נאָר מינוטענווייז האָבען זיך ווערטער פון מויל אַרויסגע-ריסען, פּירכטערליך און שרעקליך, און זי האָט נישט געוואוסט, אַז זי רעדט זיי: „אָה, רבונו של עולם! וואָלט ליעבערשט אַ דונער פון הימעל אין איהר איינגעשלאָגען... וואָלט איך זי פאַר מיינע אוי-גען געזעהן אַ טויטע... איך זאָל נאָר נישט דאַרפען אַליין זי דערהרג׳ע-נען... איך זאָל נאָר נישט דאַרפען יעצט שווערען, אַז איך, איך אַליין, וועל איהר דעם קאָפּ צושפּאַלטען און וועל זי מיט די אייגע-נע הענד דערהרג׳ענען!...” און זי איז נאָך אַלץ געזעסען אויף דעם אייגענעם אָרט, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף די הענד, און זי האָט נישט בעמערקט, ווי דער טאָג איז אַוועק און ווי די נאַכט איז גע-קומען, און זי האָט נישט פערשטאַנען די שפּראַך פון די לוסטיגע

לבנה-שטראַהלען,וועלכע זענען אויף איהר געזיכט געפאַלען און האָבען איבער איהר אומגליק געלאַכט...

די פרוי האָט דאָס אַלעס נישט פערשטאַנען — דען ווער איז זי, אַז זי זאָל פערשטעהן... ווי אַ שאָטען שוועבט פאַר איהר פאַרביי די צראַינערונג פון אַלץ, וואָס איז געשעהן און זי געדענקט פּלוצלינג די ווערטער, וועלכע אסתר פלעגט אַזוי אָפט רעדען, איידער זי איז אַוועק, און גערעדט האָט זי אַלץ וועגען לעבען, וועגען בעוועגונג, וועגען פיה-לען, און אַז אַ מענש דאַרף וויסען און פיהלען, אַז ער לעבט — ביי איהר זענען אָבער יענע קלאָרע און דייטליכע ווערטער אויסגעקומען אַזוי נאַריש, ווי עפּעס פון אַ „בבאָ-מעשה” אַרויס. און זי געדענקט נאָך ווי היינט, ווי דאָס מיידעל איז געשטאַנען מיט אַ צעהיצט פּנים און אין די אויגען האָט געברענט אַ ווילד פייערל, און אַלע אברים האָבען מיטגע-רעדט, און דאָס גאַנצע שטיבעל איז ווי מיט אַ העל ליכט בעגאָסען גע-וואָרען. וואָס האָט אייגענטליך די טאָכטער פון איהר פערלאַנגט, וואָס האָט זי געוואָלט?... שטענדיג אַלץ דאָס אייגענע וואָרט: זי וויל לעבען — אָבער וואָס איז דער טייטש „לעבען” און וואָס איז דאָס אַזוינס?! — ווי אַ בליץ פליהט איהר דורך דורכ'ן מוח איהר אייגען ביסעל לעבען אינ-גאַנצען: אויך אין איהר פענסטער האָט אַמאָל געשיינט די זון, זי איז נאָך געווען גאָר אַ יונג מיידעל ביי איהר טאַטען, דעם „מלמד”, אין שטוב; דער פאָטער האָט זי זעהר ליעב געהאַט, ער פלעגט איהר אָפט מאַכען נייע קליידלעך, און שבת פלעגט זי זיין אויסגעפּוצט ווי אַ כלה; זי איז דענסמאָל אַ שעהן מיידעל געווען, ביז דער טאַטע איז אַמאָל צו איהר צו געקומען און האָט איהר געזאָגט: „מזל-טוב דיר, דו ביזט אַ כלה!” ווער דער חתן איהרער איז געווען האָט זי נישט געוואוסט, און איהר איז אויך אויפ'ן זין גאָרנישט אַרויפגעקומען, צו פרעגען ווער ער איז, דען וואָס געהט זי דאָס אינגאַנצען אָן? זי ווייסט נאָר, אַז דער טאַטע האָט עטליכע מאָל געזאָגט, אַז דער חתן האָט נישט די אייגענע פּרנסה וואָס ער, ער איז נישט קיין באַנק-קוועטשער, ער איז אַ וועלטליכער מענש — נאָר וואָס וואָלט עס איהר אויסמאַכען, ווען ער זאָל אפילו יאָ זיין אַ „מלמד” און נישט אַ „וועלטליכער מענש”? וואָס האָט שרה דענסמאָל געוואוסט פון וועלט און פון די דאָזיגע, וועלכע הייסען מענשען?... דער ווינטער איז אַוועק, און ל"ג-בעומר איז געווען די חתונה. דעם

מאַן קוקען גלייך אין די אויגען האָט זי זיך געשעמט, און אויך האָט זי גאָרנישט געהאַט די לוסט איהם אַריינצוקוקען אין פנים... דענסמאָל פלעגט נאָך איהר יוסף נישט אַרויסגעהן יעדען זונטאָג אין דאָרף, ווי ער האָט עס שפּעטער געטהון, דען ער האָט געהאַט זיין בעשעפטיגונג אין דער שטאָדט; יעדען אָוועגד, ווען ער פלעגט קומען פון גאַס זענען זיי ביידע געזעסען ווי צוויי שטומע, זיי האָבען נישט געהאַט קיין ווערטער צו רעדען איינער מיט'ן אַנדערען; פלעגט איהם אָנהויבען הונגערן, פלעגט ער אַרויסרעדען די פּאָר ווערטער: „שרה, גיב עפּעס עסען", און זי פלעגט איהם דערויף ענטפערן: „געה וואַש זיך" — וואָס קען זי האָבען נאָך צו איהם צו רעדען? אַזוי זענען אַוועק עטליכע יאָהר, און זיי האָבען נישט געוואוסט, אַז דאָס לעבען איז נאָך אַנדערש... און אויף אַזאַ לעבען האָט אסתר געזאָגט: „דאָס הייסט נישט לעבען! גאָט וויל נישט — פלעגט זי שטענדיג זאָגען — אַז מיר זאָלען זיין ווי די געשטאָרבענע, וועלכע ווייסען פון גאָרנישט, און אַז עלטערן זאָלען ערציהען קינדער צו שקלאַפען; גאָט וויל נישט, אַז דער מענש זאָל לעבען און זאָל נישט וויסען אַז ער לעבט און נישט פיהלען אַז ער האָט אַ נשמה אין לייב און אַ געפיהל אין האַרץ"...

— און די אַנדערע פעלקער? — שרייט עס יעצט ביי דער אלמנה אין האַרץ — ווייסען זיי אפשר, אַזביים מענשען איז דאָ אַ געפיהל און אַ האַרץ? איז דער גראַף רופין גאָשטשינסקי, דער מערדער פון איהר מאַן, איז ד ע ר אפשר געווען אַ מענש מיט אַ האַרץ און מיט אַ געפיהל?...

און ווי שטורמישע כוואַליעס שיטען זיך אויס איבער איהר די ביטערע עראינערונגען מיט אַלע זייערע איינצעלהייטען, אַלעס ווי זי האָט עס געהערט פון איהר מאַן פאַר'ן טויט. — יוסף איז דענסמאָל, ווי געוועהנליך, זונטאָג פריה אַרויס אין וועג, און איז די גאַנצע וואָך געבליבען אונטערוועגס. דער דאָנערשטאָג איז געקומען, און דער מאַן איז נישטאָ; ס'איז אַוועק די נאַכט, און דער מאַן איז נישט געוועזן, און אויך דער פרייטאָג איז שוין אַוועק אַ האַלבער, עס איז שוין פרייטאָג נאָכמיטאָג, און נישט צו הערען און נישט צו זעהן. „ווייסט גאָט, וואָס איהם איז דאָרט צוגעקומען?" — טראַכט די פרוי טרויעריג און גלאָצט אין פייער אַריין, און די קליי-

נע אסתר פרעגט: „וועט דער טאַטעשי שוין קיינמאָל נישט קומען ?...״ און דערווייל געהט אַוועק אַ שעה נאָך אַ שעה, אין דער יודישער גאַס צינדט מען שוין ליכט, און ער איז נאָך אַלץ נישט צו זעהן. שרה׳ן איז אַרויפגעקומען אויפן געדאַנק: „דאָס האָבען אַוודאַי יוסף און עפּעס אַ גראַף זיך ווידער מסתמא אַ שפּאַס געמאַכט, ווי זייער שטייגער איז, און אַ גראַף, זייענדיג אפשר אַ ביסעל שיכּור, האָט מסתמא ווידער אָנגערייצט אויף מיין מאַן עפּעס אַ „קאַסטאָר״, אַ הונד...״

— שרה איז נישט ווייט געווען פונ׳ם אמת. דען ווי יוסף איז געקומען קיין גאָשטשינאָוו, אין שלאָס פונ׳ם גראַף רופין גאָשטשינסקי, האָט איהם דער גראַף בעשטעלט אויף דאָנערשטאָג אָוועגד צו עפּעס אַ באַל, און יוסף איז געקומען און האָט אַ גאַנצע נאַכט געשפּיעלט און האָט משמח געווען די געסט און האָט געכאַפּט אויך אַ טענצעל מיט דער גראָבער קאַשקא. קעגען מאָרגען איז ער אַ מינוט איינגעשלאָפען מידערהייט. פלוצלינג דערפיהלט ער, ווי מען נעהמט איהם אָן פאַר די פּלייצע און מען טרייסעלט איהם.

— וואָס שלאָפסט דו דאָ ווידער, דו, פּוילער, יודישער הונד ? שפּיעל אונז עפּעס אַ שטיקעל פון מאָניושקאָ, אָדער עפּעס פון ד י י ג ע שטיקלעך. דו הערסט, יוד, צי נישט ? שטעה-אויף און שפּיעל, די געסט וואַרטען. און מאָרגען איז ביי אונז דער גאַנצער טאָג אַ פאָרטזעצונג פון דער היינטיגער נאַכט.

— אָבער יאַשניע וויעלמאָזשני פּאַניע ! ווי זאָל איך דאָס, און מאָרגען מוז איך דאָך אַהיים... מאָרגען ביינאַכט איז שבת... האָט יוסף געפּרובט ענטפערן.

— וואָס ? דו, יודישע, היגטישע מאָרדע ! דו וואַגסט מיר אָבצוזאָגען ? דו ?! — און פלוצלינג האָט ער אויפגעהערט רעדען און האָט אַראָבגעוואָרפען דעם פענסנע פון דער נאָז : — ווייסטו וואָס גאָר ? מיר איז איינגעפאַלען אַן׳אויסגעצייכענטער געדאַנק. מאָשקו, איצקו, יאַנקלע, אָדער ווי דו הייסט דיר דאָרט ! איך ערלויב דיר, מיין שמחה צו פערשטערען, און דו מעגסט דיר אַהיימגעהן צו דיין זשידובקע, וואָס דו האָסט זיך פלוצלינג אַזוי פערבענקט נאָך איהר ; אָבער איין תנאי נעהם איך אויס מיט דיר : דו טאָרסט נישט געהן אַהיים צופוס און אויך נישט מיט אַ וואָגען ; נאָר דאָ, פאַר מיינע אויגען און

פאַר די אויגען פון מיינע געסט, וועט מען דיך אַריינלאָזען אין וואַסער אַריין, און דו וועסט דיר דורכשווימען דעם טייך די אַנדערטהאַלבען וויאָרסט. נאַטירליך, קענסטו אַלעמאָל צושווימען צום ברעג און אויסרוהען אַ ביסעל. יאָ, ריכטיג: אויך דיין קאַפּאָטע טאָרסט דו נישט אויסטהון — האָסטו געהערט?

דער יוד איז געשטאַנען, ווי דער שלאַג וואָלט איהם האָבען געטראָפען, און דער גראַף האָט דערוויילע גאַנץ פריינדליך גערעדט: „און זעהסטו: פאַר דיין כבוד וועגען האָב איך היינט געלאָזט מאַכען אַ גוטע וועטשערע; נאָר אַזוי ווי דו ביזט דאָך זעהר אָבגעהיט אין עסען, וועל איך דיר געבען נאָר צו טרינקען, אַזוי, אַז דו מעגסט טרינקען וויפיעל עס קען אַריין אין דיר... אָבער דו הערסט, יוד? זאָל דיר נאָר נישט איינפאַלען מיך צו ווצלען נאַרען; נישט דו און נישט קיינער פון דיין יודישער שווינדלער-באַנדע וועט מיך נאַרען. איבריגענס וועל איך אויך מיטשיקען מיט דיר איינעם פון מיינע מענשען, וועלכער וועט דיך בעגלייטען אויפ'ן פערד דעם גאַנצען ברעג...”

און אין געגענוואַרט פון גראַף רופין גאָשטשינסקי מיט זיינע געסט האָט מען דעם יוד אַריינגעלאָזען אין וואַסער אָנגעטהוענערהייט; דער אומגליקליכער האָט זיך נישט מעהר געפּרובט בעטען און איז געשוואומען. אָט דאָס איז עס געווען, וואָס שרה האָט דענסמאָל געמוזט אַזוי לאַנג וואַרטען אויף איהר מאַן און דעריבער איז יוסף דענסמאָל אַזוי שפּעט אַהיימגעקומען.

דאָך איז יוסף אויך נאָך יענעם שבת געגאַנגען ווידער אין וועג אַריין ווי אַלע מאָל; אָבער שוין דינסטאָג איז ער געווען צוריקגעקומען, נישט ווי געוועהנליך. שרה האָט זיך דערשראָקען. „האָסט אפשר אַנ'אוצר געפונען, יוסף?” האָט זי איהם אויף אַ געלעכטער געפרעגט. ער האָט דערויף נישט געענטפערט און האָט נאָר געזאָגט, אַז ס'איז איהם קאַלט און עס שטעכט איהם אין האַרצען און עס ברעכען איהם די גליעדער. שרה איז באַלד געלאָפען נאָך שמואל דעם „רופא” און דאַן האָט מען אויך דעם דאָקטאָר גאָלדענטהאַל געבראַכט, און דאַן האָט מען אַ לונגען-ענטצינדונג געפונען און דאַן האָט מען געוואַרט אויף גאָטס הילף. גאָט איז אָבער נישט געווען דאָסמאָל גנעדיג — אויפ'ן דריטען טאָג איז דער אומגליקליכער געשטאָרבען.

דער גראַף גאַשטשינסקי, אָבער, איז יאָ געווען, ווי אַלע מאָל, זעהר גנעדיגליך: ער האָט דורך אַ דיענער צוגעשיקט צו דער יונגער אַלמנה אַ מתנה פון פופציג פוילישע גולדען, „דערפאַר וואָס דער יוד האָט נישט איינמאָל און נישט צוויימאָל איהם און זיינע געסט אויסגעצייכענט אונ-טערהאַלטען".

— איז אַ זאַ מענש אפשר גערעכט? — האָט עס אין איהר יעצט ווילד געשריגען — רופט מען דאָס אפשר האַרץ און געפיהל? איז אפשר מיין טאָכטער גאָר גערעכט, אַז זי געהט אין די וועגען פון די דאָזיגע מענשען און זיי געפעלען איהר?...

ווי שרעקליך און פירכטערליך איז געווען די שנאָה, וועלכע זי האָט צו יענער צייט אין איהר האַרץ געפיהלט צו אַלע די דאָזיגע מענ-שען! און אויך אין איהר טאָכטערס האַרץ האָט זי געפּרובט די דאָזיגע שנאה צו פערפלאַנצען — און דאָ איז עפּעס מיטאַמאָל אַ ווינד געקומען און דעם מיידעל'ס האַרץ איז פּלוצלינג פערוואַנדעלט געוואָרען. פערשאָלטען אויף אייביג זאָלען זיין די מענשען, וועלכע האָבען איהר גן-עדן פערוויסט! פערשאָלטען אויף אייביג — די מענשען, וועלכע האָבען פעראומרייניגט דאָס האַרץ פון איהר איינציג קינד, די, וועלכע האָבען מיט אַ גיפטיגער צונג איהרע אויערען בעלעקט און האָבען אין זיי גיפט און טויט געטריפט און האָבען גערעדט צו איהר פאַלש און אומעהרליך, די, וועלכע האָבען זי אָבשפענסטיג געמאַכט פון איהר מוטער און האָבען איהר אַנ'אַנדערען וועג געוויזען, פול מיט זינד געגען גאָט און געגען לייטען, פערשאָלטען זאָלען די מענשען זיין, וועלכע האָבען זי געמאַכט פאַר אויס טאָכטער, פערשאָלטען, פערשאָלטען זאָלען די דאָ-זיגע מענשען זיין אויף אייביג!...

די ערשטע טעג איז זי געווען ווי אַ משוגענע און האָט נישט געוואוסט, וואָס אייגענטליך טהוט זיך דאָ. הערענדיג, אַז די טאָכטער איז אַוועק פון גריידאָוו, איז זי אויך אַוועק פון דער שטאָדט, און הע-רענדיג, אַז זי געפינט זיך אין קאַליש, איז זי אויך געפאָהרען אַהין; דאָרט האָט זי זיך דערוואוסט, אַז איהר אסתר האָט מען אַוועקגעפיהרט קיין וואַרשאָ, וואו זי וועט אָנקומען אין זינגהויז; די אַלמנה האָט נישט רעכט פערשטאַנען, וואָס דאָס איז אַזעלכעס, און האָט געמיינט, אַז די טאָכטער איהרע איז שוין אַ „גויה" געוואָרען און זי זינגט עפענטליך

ווי די גויאישע מיידלעך אין גריידאָוו — און זי איז געלאָפען קיין וואַרשאָ.

וואו אַהין זיך צו ווענדען, האָט זי נישט געוואוסט — אָבער דער־פון האָט זי זיך גאָר נישט געמאַכט; זי ווייסט נאָר איינס, אַז איהר טאָכטער געפינט זיך דאָרט, דעריבער מוז זי אויך דאָרט זיין; זי מוז זי זעהן! און מוז מיט איהר רעדען, און זאָל זי אַפילו וויסען, אַז זי וועט מוזען די גאַנצע שטאָדט מיט אַ זיפּ דורכזיפּען. וואו איז דאָס הויז וואָס מען זינגט דאָרט? —

און גוטע מענשען האָבען איהר געוויזען, און זי איז אַוועק ביז צום גרויסען טעאַטער.

יענער טאָג איז געוועזען שרעקליך, אָבער נאָך שרעקליכער איז גע־וועזען דער אָווענד. אין קאָרידאָר פון׳ם גרויסען הויז איז זי געשטאַנען און געוואַרט; זי איז צום שווייצאַר צוגעגאַנגען: „בעסטער הערר! איהר האָט דאָך אויך אַמאָל געהאַט אַ מאַמע און אויך אייערע קינדער האָבען אַ מאַמע — קענט איהר מיר נישט זאָגען דורך וואַנען קומען דאָ אַריין די זינגערינס?״ — דער שווייצאַר האָט זי אָנגעקוקט פערוואונדערט, דאַן האָט ער איהר עפּעס געענטפערט, און זי איז געשטאַנען און געשטאַנען און האָט אַלץ געהאָרכט, און יעדע מינוט האָט זיך איהר געדאַכט, אַז אָט הערט זי אסתר׳ס שטימע. — „דו, גאָט איבער דער וועלט, גאָט פון רחמים און פערגעבונג, דו, גרויסער גאָט — האָט זי שטיל אין האַרצען געבעטען — קום נישט מיט איהר אין משפט, לאָז נישט דאָס קינד אום־קומען פאַר איהרע גרויסע זינד, דען איך מיט מיין לעבען בין ערב פאַר איהר, און זי אָבער איז ריין!...״ און אַזוי איז זי געשטאַנען פערטיעפט אין געדאַנקען און האָט זיך נישט גערוהרט פון׳ם אָרט. ווידעראַמאָל דערמאָהנט זי זיך די קלאָרע און דייטליכע ווערטער, וואָס אסתר האָט איהר אין די לעצטע טעג געזאָגט: „גאָט וויל נישט, אַז דער מענש זאָל נישט פיהלען און וויסען און זאָל נישט קענען זיין אייגענעם איך״— איז די טאָכטער אויך יעצט נאָך גערעכט? איז עס ווירקליך גאָר קיין זינד נישט, אַזוי צו זינגען אין כאָר צוזאַמען מיט גויאישע בחורים? איז דען דאָס נישט באמת אַ גרויסע „עבירה״?

ווי שרעקליך האָט די אומגליקליכע אין יענע מינוטען געליטען! זי האָט זיך פּלוצלינג דערמאָהנט, אַז אויך ביי איהר אין האַרץ האָט זיך

אַריינגעגנבעט עפּעס אַ שטיקעל צוויפעל, הערענדיג אסתּר׳ס ווערטער, וועלכע זי האָט אַזוי קלאָר, און אַזוי זיכער גערעדט, און דענסמאָל האָט זי זיך אַליין געפרעגט: צי האָבען טאַקי איהרע עלטערן און אורעלטערן רעכט געהאַט, אַז אַזוי האָבען זיי געלעבט און אַזוי האָבען זיי זייערע קינדער ערצויגען? האָבען זיי ווירקליך ריכטיג געטהון, אַז זיי האָבען זיי נישט געלאָזט צוזאַמענלעבען מיט די לעבעדיגע און דאָס לעבען געניסען? — אוי גאָט, אוי גאָט, אוי גאָט! דאָס קען דאָך נישט זיין, און אסתּר זינדיגט דאָך באמת קעגען גאָט און קעגען איהר מאַמע! — אַ גרויסער טומעל האָט איהרע געדאַנקען פּלוצלינג איבערגעריסען; אַ רוישענדע בראַוואָ-פּאַטשעריי האָט פערהילכט דאָס טעאַטער און האָט זיך געהערט ביז אין קאָרידאָר, און אַז זי האָט דעם שווייצאַר געפרעגט, אויב ער ווייסט נישט וועגען איהר טאָכטער אסתּר, וואָס לערנט זיך דאָ אין דעם דאָזיגען הויז דאָס זינגען, האָט ער איהר געענטפערט, אַז נישט דאָ אין דעם דאָזיגען הויז לערנט מען זיך זינגען.

ווי אַ פייל איז זי אַרויס אויף דער גאַס און האָט שוין מעהר קיין וואָרט נישט געהערט. — אומזיסט אַלזאָ בין איך דאָ אַזוי לאַנג אָבגעשטאַנען — האָט איהר האַרץ אין איהר געוויינט — אומזיסט דעם אָוונד פערבראַכט, און אסתּר איז גאָרנישט דאָ. ווער ווייסט? אפשר איז זי שוין ערגעץ ביי אַ פריץ אין הויף, אפשר עסט זי שוין גאָר צוזאַמען מיט זיי. — און אויך דער שרעקליכסטער געדאַנק האָט זי נישט פערשוינט: אפשר האָט זי גאָר שוין אויפגעהערט אַ יודיש קינד צו זיין...

אָבער אַזעלכע קוועהלענדע נעכט זענען נישט זעלטען געווען און נישט אַזוי געשווינד האָבען זיי אויפגעהערט. זי האָט זיך דערוואוסט, אַז די טאָכטער איז קיין לובלין געפאָהרען; איז זי אויך קיין לובלין געפאָהרען; דאָרטען ווידער האָט מען איהר געזאָגט, אַז דאָס מיידעל איז שוין אַוועק און זי געפינט זיך אין פּולאַווי אין דער קלויסטער-שולע. — די אלמנה האָט נישט רעכט פערשטאַנען דאָס נייע, גרויסע אומגליק, וואָס איז איהר דאָ געשעהן, און זי האָט געוואָלט די טאָכטער נאָר זעהן און הערען פון איהר אייגען מויל, אויב זי וויל, אַז די מוטער זאָל שטאַרבען. זי איז אָנגעקומען ביז צו דער קלויסטער-שולע — און יענע עטליכע מינוטען וועט זי אויף איהר לעבען לאַנג נישט מעהר פערגעסען, און ווען זי וועט אַפילו טויזענד יאָהר אַלט ווערען. ביז צו

דער שוועל פון יענער שולע פאַר אַדעליגע טעכטער איז זי געקומען, אָבער אינעווענינ אַריין האָט מען זי נישט געלאָזט.

— פאַרוואָס?

— ווייל איהר זענט אַ יודישע פרוי! — ווי אַ פייל פלוצלינג אין האַרץ איז איהר דאָס דאָזיגע וואָרט געווען. און די טאָכטער איהרע? איז זי נישט מעהר קיין יודיש-קינד? האָט זי שוין אויפגעהערט זיין אַ יודיש-קינד? און אויך פון דעם דאָזיגען וואָרט איז זי נישט אין חלשות געפאַלען, און נאָר עפּעס אַ שרעקליכע רוהיגקייט איז איבער איהר געקומען, און רוהיג שטיל איז זי צוריק קיין גריידאָוו. אָבער פון יענעם טאָג אָן האָט זי דער טאָכטערס נאָמען נישט מעהר פאַר'ן מויל געבראַכט; פון יענעם טאָג אָן האָט זי אויפגעהערט זיין אַ מוטער פון אַ טאָכטער...

דאַן זענען געקומען יענע טעג, וואָס איהר גאַנץ לעבען איז געווען תחינות און תהילים — אָבער אויך דענסמאָל האָט זיך אין איהרע אויגען קיין טרעהר נישט בעוויזען.

און אַ לאַנגע, זעהר לאַנגע צייט איז זי נישט געווען קיין מאַמע פון אַ טאָכטער — דען איהר האַרץ איז געווען פערשלאָסען, און די בעוואוינער פון דער יידישער גאַס האָבען געקאָנט עדות זאָגען, אַז זי האָט שוין איהר טאָכטער אינגאַנצען פערגעסען און אויך איהרע וואונדען זענען אַוודאי שוין פערהיילט. אָבער וואונדערליך איז דער צופאַל: גראָד היינט האָט זי געגען איהר ווילען געדענקט אָן איהר און אָן אַלץ וואָס זי האָט געטהון; גראָד היינט האָט זי פאַלעסקי אַזוי שאַרף דערמאָהנט, גראָד היינט — ווערענד די טאָכטער איז שוין געשטאַנען הינטער איהר רוקען, און זי האָט נישט געוואוסט, אַז אסתר איז קיין גריידאָוו געקומען...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

די שרעקליך, לאַנגע נאַכט, וואָס האָט זיך גאָרנישט געוואָלט ענדיגען, איז צום סוף דאָך אַריבער. אָבער פיעל נייעס האָט זי מיטגעבראַכט מיט זיך.

און דעם טאָג דערויף האָט מען זיך אין דער יודישער גאַס מערקווירדיגע מעשיות דערצעהלט: אסתר די אלמנה'ס איז ווידער צוריק אין דער שטאָדט, זי מיט אַ באַנדע שוישפּיעלער, און זי איז נישט מעהר קיין יודיש-קינד. דאַן האָט מען דערצעהלט, אַז זי האָט זיך איינגעשטעלט און איז געקומען צו דער מוטער, אום זי צו בעטען, זי זאָל

איהר מוחל זיין, אָבער די אלמנה איז מיט אַ גרויס געוואַלד אַרויס קעגען איהר און האָט איהר בעפויהלען, תיכף פון איהר שטוב אַרויסצוגעהן. און אַז דאָס מיידעל האָט נאָך אַביסעל געוואַרט, איז די אַלטע אַרויסגעלאָפען ווילד אין די גאַס אַריין, און איז געלאָפען ווי מען אַנטלויפט פון אַ ווילדער חיה...

אָבער די קינסטלערין האָט די שטאָדט אויך דאַן נישט פערלאָזט, דען זי האָט זיך געטראַכט: איך וועל דאָ עטליכע טעג בלייבען און וועל איהר האַרץ מיט געוואַלד מיר עראָבערן.

און איהר רעכנונג איז נישט גאַנץ פאַלש געווען: דען יעדען טאָג, ווען אסתּר פלעגט אויפטרעטען אויף דער ביהנע, איז די אלמנה אַלעמאָל געווען נישט ווייט פון איהר און איהר בעהאַלטענערהייט ווי אַ שאָטען נאָכגעגאַנגען. נאַטירליך, אינעווייניג אינ׳ם שפיעלהויז, איז זי נישט אַריינגעגאַנגען און האָט איהר טאָכטער נישט געהערט פון דער ביהנע אַראָב, נאָר יעדעס מאָל איז זי געזעסען אַנטקעגען דעם הויז, אויף דעם טרעפּעל פון דער קירכע „שוויענטאַ אַננאַ”, און די אויגען האָבען זיך אַריינגעגראָבערט אין די פענסטער פונ ם הויז אַנטקעגען. וואָס געהט עס זי אָן, וואָס זי זיצט דאָ אויף דער טרעפּ פון דעם דאָזיגען הויז דאָ? וואָס פאַר אַנ׳עבירה טהוט זי דאָ, ווען זי ווייסט גאָרנישט אַליין, וואָס זי טהוט?... זי זיצט אַזוי יעדעס מאָל דעם גאַנצען אָוענד, די הענד צונויפגעלעגט איינע אין די אַנדערע און די אויגען אויסגעגלאָצט אויף איין אָרט און די ליפּען מורמלען עפּעס; טיילמאָל כאַפּט זי זיך פּלוצלינג אויף, שטעלט זיך אַהין, אַ העליש פייער צינדט זיך איהר אָן אין די אויגען, איהרע ביידע פויסטען פרעסען זיך ווילד צונויף און ווילדע ווערטער רייסען זיך איהר אַרויס פון מויל — דערנאָך פאַלט איהר ווידער אָן אַ שטיינערנע רוה און זי זעצט זיך צוריק אויף דער שוועל פון דער קירכע און קוקט שטאַר שטונדען־לאַנג אויף איין אָרט.

און טעג געהען און טעג קומען; אויך די זומער־מאָנאַטען זענען אַוועק און די „ימים־נוראים” זענען געקומען.

און אסתּר איז אויך אין די ימים־נוראים יעדען אָוענד אויפגעטרעטען, און אויך אין די ראש־השנה־אָווענדען, און אויך אין די עשרת־ימי־תשובה־אָווענדען איז זי אויפגעטרעטען און האָט געזונגען. — געטראַכט האָט זי זיך: ווער זיך מיר נישט איינגעבען זי צו בעצווינגען

דורך ליעבע און רחמנות, וועל איך זי צוציהען צו זיך מיט געוואַלט, דען רייצען וועל איך זי אַזוי לאַנג, ביז עס וועט מיר געלינגען, צו קענען זיך אויף די קניה פאַר איהר וואַרפען און ווערען איהר צוריק אַ טאָכטער...

דאָ אָבער איז געשעהן עפּעס, אַזוי אונגלויבליכס און משונה׳דיגס, אַז מען וועט עס קוים גלויבען — און דאָך איז עס אמת, אַזוי שרעקליך אמת.

די נויטווענדיגקייט האָט רעגירט און געאַרבייט...

*

...ווי זיילען וואָלקענס און נעבעל שטייגט עס אויף פאַר מיר, און די וואָלקענס און דער נעבעל ציהען אין מיין האַרץ אַריין און לעגען דיך אַזוי שווער אויף מיין גאַנץ פיהלען און דריקען אַזוי שווער אויף מיין גאַנץ טראַכטען. משונה׳דיג און פרעמד וועט קלינגען דאָס, וואָס איך וועל דערצעהלען, און פיעל וועלען עס נישט גלויבען, דען זיי וועלען נישט גלויבען קענען — אָבער מיט מיין מאַרך שרייב איך וועגען די דאָזיגע פּאַסירונגען, און אמת זענען זיי און שרעקליך זענען זיי. אָבער אויך יענע קינדער פון אומגליקליכען פאָלק האָבען קיין שולד נישט, דען זיי זינדיגען און ווייסען נישט; אין זייערע הענד קלעבט דאָס בלוט, און זיי ווייסען עס נישט, און זיי ווייסען און שפּירען עס אויך דאַן נישט, ווען מען ווייזט עס זיי; אַ לאַנגע נאַכט, אַ פינסטערע, באַנגע נאַכט האָט זייער האַרץ שטומפּ געמאַכט, און דערווייל האָט די נויטווענדיגקייט רעגירט און געאַרבייט...

איך וויל דערצעהלען.

די נאַכט פון „כל נדרי” איז געקומען. נאָך ערב־יום־כפור האָבען די טעאַטער־מענשען אויסגעקלעבט זייערע אַפישען אין אלע גאַסענווינקלען, אין וועלכע זיי האָבען דעם פובליקום געמאָלדען, אַז היינט ביינאַכט וועט דאָס פריילין ערנעסטאַ די רודיני (אסתר גאָלדשטיין) אויפטרעטען אַלס וויאָלעטאַ אין „לאַ טראַוויאַטאַ” — און הערר פאַלעסקי און זיינע קאָלעגען האָבען זיך זעהר געפרעהט.

אסתר האָט נישט געקענט פאַראויסזעהן די פאָלגען פון דעם דאָזיגען אָווענד. איהר געזיכט איז געווען אַ ביסעל בלייך, אָבער איהר

יידישע פרץ שולן
ביבליאָטעק
מאָנטרעאַל

גאַנג איז געווען פעסט און זיכער; זי האָט אַ מינוט געצעגערט, און באַלד אָבער האָט זי אָנגעהויבען זינגען. אַ דונער פון אַפּלאָדיסמענטען האָט זיך געלאָזט הערען, דען די זינגערין האָט היינט בערוישענד שעהן געזונגען, און די קינסטלערין האָט דאָס פּובליקום אין זיין רויש געזעהן און האָט זיך זעלבער בערוישט...

און פאַר דער טהיר פון׳ם טעאַטער איז געשטאַנען אַ יודישע פרוי, געבוקט און פערהילט, און שטום ווי אַ שטיין. וואָס געהט זי אָן דער היינטיגער יום-הקדוש, דער הייליגער יום-כפור? וואָס געהט עס זי אָן, אַז זי איז היינט צו „כל נדרי״ נישט אין שוהל געווען? נאַטירליך איז עס דאָס ערשטע מאָל אין איהר לעבען, אַז זי איז נישט אין שוהל געווען — אָבער זי ווייסט עס גאָרנישט. ווי אַ וויסטען חלום געדענקט זי עפּעס, אַז יודענעס האָבען גרויסע ליכט אין שוהל געטראָגען און זי האָט היינטיגס יאָהר קיין ליכט נישט געמאַכט, אָבער באַלד דערויף איז אויך דער דאָזיגער חלום פערשוואונדען, און זי ווייסט מעהר גאָרנישט וועגען וואָס זי האָט נאָר וואָס געטראַכט. פון מינוט צו מינוט געהט אַ ציטער איבער איהר פּנים, ווי די צייט וואָלט איהר זיין צו לאַנג און זי האָט נאָך אַ גרויסע אַרבייט היינט פאַר זיך.

און אין טעאַטער האָט דאָס אַפּלאָדירען נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט. די זינגערין ווערט עטליכע מאָל אַרויסגערופען נאָכדעם ווי דער פאָרהאַנג איז שוין געפאַלען, און דאָס פּובליקום רופט: „בראַוואָ, רודיני! בראַוויסימאָ!״ — דאָס שטיק איז אויס. דאָס פּובליקום צעגעהט זיך איינציגווייז. ווער קימערט זיך וועגען אַנ׳אַלטער יודישער פרוי, וועלכע שטעהט ביי דער טהיר? — אויך די טעאַטער-לייט זענען זיך איינציגווייז צעגאַנגען.

און אויך די זינגערין איז אַרויסגעקומען.

און דאָס אונגלויבליכע איז געשעהן: די אַלמנה האָט זיך מיט אימפּעט אויף איהר אַרויפגעוואָרפען, האָט אַרומגעקלאַמערט אַרום דעם האַלז איהרע הענד און האָט זי אָנגעהויבען שטיקען. פּלוצלינג האָט דאָס מיידעל געשפּירט, ווי עפּעס שפּיציגעס און שאַרפעס האָט איהר האַלז בעריהרט, און נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, און דאָס בלוט האָט אָנגעהויבען גיסען זיך. אַ שרעקליך געשריי האָט זיך געלאָזט הערען. און ווען מענשען זענען זיך צונויפגעלאָפען נאָך עטליכע מינוטען, האָבען זיי

פרישמאַן אויף אַ בעזוך אין די קויהלען-גרובענס



פרישמאַן שפיעלט שאַכמאַט

געפונען, ווי אַ מיידעל וואַלגערט זיך אין אַ טייך בלוט, קוים וואָס זי לעבט נאָך, און נעבען איהר קניהט אַנ׳אַלטע יודישע פרוי, וועלכע קושט זי און קושט אָהן אויפהער און לאַכט מיט אַ ווילד, שרעקליך הויך געלעכטער...

איך האָב נאָר ווייניג נאָך צו דערצעהלען:

אסתר׳ס וואונדען זענען געוועזן לעבענסגעפעהרליכע און זי איז מיט עטליכע טעג שפּעטער געשטאָרבען, און די אלמנה האָט מען אָבגעפיהרט אין דעם געפענגעניש אין דער גובערניע; דער רעגירונגסדאָקטאָר, אָבער, און דער געפענגעניש-דאָקטאָר האָבען באַלד ערקלערט, אַז די פרוי איז משוגע, און אַזוי האָט מען זי פון דאָרט אָבגעשיקט אין אַ דול-הויז. באַלד, אָבער, האָבען די דאָקטוירים איינגעזעהן, אַז זי איז אונהיילבאַר, און אַזוי ווי זי געהערט צו די משוגענע, וועלכע זענען פאַר׳ן פובליקום נישט געפעהרליך, האָט מען זי אינגאַנצען פריי געלאָזט. און די משוגענע איז אַוועק צו-פוס און איז אָנגעקומען ביז גריידאָוו און ביז צום עק בריק און האָט זיך דאָרט אַוועקגעזעצט, און אַזוי איז זי געזעסען און האָט געזונגען ליעדער און געזאָגט אויסענווענינ תהלים גאַנצע טעג נאַכאַנאַנד...

און נאָך עפּעס מוז איך צוגעבען: דער „קוריער וואַרשאַווסקי" האָט געשריבען צו יענער צייט פאָלגענדעס: „פון גריידאָוו שרייבט מען אונז, אַז אַ יודישע פרוי האָט דאָרט דער׳הרג׳עט איהר איינציגע טאָכטער — און ווייסט איהר, וואָס די אורזאַך דערפון איז געווען? גאַנץ איינפאַך: די פרוי איז געוועזן פון דער סעקטע „ח ס י ד י ם" און די טאָכטער „אַנ׳אויפגעקלערטע" — אָט אַזוי איז דאָס דאָזיגע פאָלק..."

# הזכרת נשמות

בישט פון אַ טויטען אָדער פון אַ טויטער, ניין, פון אַ לעבעדיגען מענשען וויל איך אייך דערצעהלען, ווי מען האט איהם מזכיר-נשמות געווען... און דאָס איז אַ טרויעריגע מעשה און עס נעהמט אָן אַזוי שטאַרק ביים האַרצען, ווען מען דערמאָהנט זיך אָן איהר, דאָס נישט ווילענדיג שטעלען זיך מיר טרעהרען אין די אויגען און מיר דאַכט זיך פלוצלינג, אַז עפּעס אַ געדיכטער שלייער וויל מיר די ליעבע, ליכטיגע וועלט פינסטער מאַכען.

און דרויסען איז די גרויסע, ווייטע וועלט אַזוי ליעב און אַזוי ליכטיג, אַז ס'איז פשוט אַ מחיה אַרויסצוקוקען. וואַרימע, לוסטיגע שטראַהלען לאָזען זיך אַראָב פונ'ם בלויען הימעל און טאַנצען אַריין דורך מיין פענסטער, און טאַנצען אַרום אויף מיין בויגען פּאַפּיר, און אַליין פיהל איך ווי מיין קראַנק, אָרעם האַרץ הויבט זיך אָן צו דערקוויקען און זיינע אַלטע וואונדען הויבען אָן זיך צוצוהיילען, נאָך אַ ביסעל, ליעבע, וואַרימע שטראַהלען, נאָך אַ קליין ביסעלע נאָר! — אָבער ניין, ווייטער וויל עס שוין נישט! טרויעריגע געדאַנקען און טרויעריגע ערינערונגען הויבען אָן פּלוצלינג מיט די שטראַהלען מיט-אַריינצוטאַנצען, און טאַנצען מיר אַריין טיעף, טיעף אין מיין האַרץ, און גראָבען און נאָגען מיר אויף פונדאָסניי די אַלטע וואונדען. — פון וואַנען קומט עס, דאָס דער ליעבער, ליכטיגער פריהמאָרגען ברענגט אָפט מיט זיך די טרויעריגסטע און שמערצליכסטע געדאַנקען מיט? פון וואַנען קומט עס, דאָס דער גאָלדענער פאָדעם, וואָס גאָט אַליין האָט געשפּינען און האָט איהם אַ נאָמען געגעבען „שטראַהל", ברענגט-מיט מיט זיך

זעהר אָפּט אַנ'אומעטיגע עראינערונג, וואָס שפּינט זיך און שפּינט זיך אָהן אויפהער אין אונזער האַרץ, ביז עס ווערט פון איהם אַ געדיכטער שלייער, וואָס פערפינסטערט אונז דאָס לעבען?

לויטער טרויעריגע געדאַנקען און בילדער זענען עס, וועלכע דער היינטיגער פריהמאָרגען האָט מיר געבראַכט אויף זיינע גאָלדענע פעדעם. זענען טאַקע, אפשר, די אייגענע גאָלדענע פעדעם שולדיג דערין, וואָס איך האָב זיך פלוצלינג היינט דערמאָהנט אָן יענע גאָלדענע פעדעם פון אסתר'קעס לאָקען?

אסתר'קע מיט איהרע בלאָנדע לאָקען, וואָס פלאַטערען אַרום אויף איהר קאָפּ, שטעהט מיר פלוצלינג פאַר די אויגען; אַזעלכע גאָלדענע, בלאָנדע לאָקען האָב איך קיינמאָל מעהר אין מיין לעבען ניט'ט געזעהן.

און אַז איך דערמאָהן זיך אָן אסתר'קען, איז עס שוין קיין וואונדער מעהר נישט, דאָס איך דערמאָהן זיך אויך אָן איהר פאָטער, דעם רייכען שמואל מרדכי ראָזענגאָלד; נעבען איהם דערמאָהן איך זיך אויך, גאַנץ נאַטירליך, אָן דעם ווילדען גראַף, גראַף „ווינצענטי שטשעגולסקי, און דאַן קעהר איך מיך ווידער אום צו דעם רייכען ראָזענגאָלד און דערמאָהן זיך פלוצלינג ווי ער איז גרוי געוואָרען — איבער נאַכט — כאָטש ער איז נישט מעהר אַלט געוועזן ווי פערציג יאָהר.

פלוצלינג שטעהט מיר לעבעדיג פאַר די אויגען יענער טאָג פון שבועות, דער צווייטער טאָג יום-טוב...

פונקט אַקעגען דעם פּאַרק, דאָרט וואו עס ענדיגט זיך די ברייטע אַלעע, קומענדיג פון דער „ענגלישער גאַס", דערהויבט זיך אויף אַ בערגעל ליעגענדיג, דער גרויסער פיערעקידיגער מאַרק מיט זיינע קליינע, ווייסע הייזלעך; און פון מאַרק אַרויסגעהענדיג, ציהט זיך אַוועק אָן אַ זייט די שמאָלע, לאַנגע גאַס, די יודענגאַס, אָדער ווי די יודען אַליין רופען זי: „די שוהל-גאַס", און ענדיגט זיך ווידער אונטען אין טהאָל. פארצייטענס האָבען יודען נאָר אין דער שוהל-גאַס אַליין געוואוינט. היינט אָבער זעהט מען שוין, ווי עס שטעהט שטאָלץ און הויך אין גרויסען מאַרק דאָס גרויסע, רויטע הויז פונ'ם „העררן" ראָזענגאָלד, דאָרט, פונקט אַקעגען דעם קלויסטער „שוויענטאַ אַננאַ". און ביים עק פון דער שוהל-גאַס זעהט מען דאָס הויז מיט די שוואַרצע, פינסטערע לאָדענס, וואָס זענען אייביג פערמאַכט, און אַלטע לייט ווילען נאָך

דערצעהלען די מעשה פון דעם אַלטען גראַף סטאַניסלאַוו שטשעגולסקי, דעם זיידען פון דעם איצטיגען גראַף, וואָס וואוינט דרויסען אין פּאַרק, און ווי דער אַלטער גראַף האָט געלעבט דאָ אין דעם דאָזיגען הויז עטליכע חדשים מיט אַ יודישער טאָכטער, און ווי דער אַלטער רב, ר׳ משה׳לע זכרונו לברכה, האָט דאָס דאָזיגע הויז געלעגט אין חרם אַריין, און ווי קיינער וואוינט נישט דרינען ביז צום היינטיגען טאָג. — אַ ביסעל ווייטער שטעהט די אַלטע שוהל; דאָס איז אַ הויכע אַלטע געביידע, מיט גרויסע הילצערנע ווענד און מיט אַ ווייסען בלעכערנעם דאַך, און אָט די דאָזיגע גרויסע הילצערנע ווענד קוקען שוין שעהנע עטליכע הונדערט יאָהר אין די וואָלקענס אַריין, גלייך ווי זיי זאָלען וועלען דערגעהן די סודות פון דעם, וואָס טהוט זיך דאָרט אָב. דאָך ווער מיר סודות, וואָס מיר סודות? — הינטער דער שוהל, אין דער מיטען פון דעם גרינעם פעלד, ציהט זיך אין דער ברייט דאָס שעהנע בלאַנקע וואַסער פון דעם טייך וואַרטאַ, און די כוואַליעס רוישען און מורמלען, שעפּטשען און פּלוידערן, אפשר אויך שוין שעהנע עטליכע הונדערט יאָהר, גלייך ווי זיי זאָלען וועלען ענטפערן אויף די אייביגע שאלות פון די אייביגע סודות, און אַלע הערען די זעלבע תשובות און קיינער קען זיי נישט פערשטעהן... אָבער ווען מען געהט צוריק פון דאַנען ביז אין דעם פיערעקידיגען מאַרק אַריין, הויך אויף דעם באַרג, און מען דערבליקט פון איין זייט אין טהאָל די אַלטע, גרויע שוהל, און פון דער אַנדערער זייט, אין טהאָל, דעם גרינעם גרויסען פּאַרק, מיט זיינע וואונדערליכע בוימער און מיט זיין אַלטען גרויען פּאַלאַץ, וואָס זיינע הויכע שטיינערנע ווענד קוקען אַריין אין די וואָלקענס, מי יודע וויפיעל שעהנע עטליכע הונדערט יאָהר שוין, — דאָ קומט אַמאָל אַ מענשען, נישט ווילענדיג, אין זין אַריין די פראַגע: שטעהען נישט די דאָזיגע אַלטע ווענד פון פּאַלאַץ און פרעגען זיי נישט, וואָס איז דער אונטערשייד צווישען אונז דאָ און צווישען יענע הילצערנע ווענד דאָרט, וואָס קוקען אויך אין די וואָלקענס אַריין גלייך ווי מיר? און אַמאָל גאָר דאַכט זיך אָב, אַז זיי פרעגען: ווי ווייט איז פון אונז, דאָ, ביז צו יענע הילצערנע, גרויע ווענד דאָרטען?... און נעבען דעם פּאַלאַץ הערט מען דאָס וואַסער פון דער וואַרטאַ ווי זיינע כוואַליעס רוישען און מורמלען, שעפּטשען און פּלוידערן, גלייך ווי זיי וואָלטען ענטפערן אויף אַלע

שאלות, און אַלע הערען די תשובות און קיינער קען זיי נישט פערשטעהן...

אָבער נישט אַזעלכע און נישט עהנליכע געדאַנקען האָב איך געטראַכט דענסמאָל, אין יענעם צווייטען טאָג שבועות אין דער פריה, בעת איך בין דורכגעגאַנגען די גאַנצע אַלעע און די „ענגלישע-גאַס” און דעם מאַרק און צום סוף אויך די לאַנגע שוהל-גאַס. וואָס ווייסט אַ קינד פון אַזעלכע געדאַנקען? ווי קומט עס צו איהם צו וועלען וויסען, ווי ווייט עס איז פון אַ פאַלאַץ פון אַ פוילישען גראַף ביז צו אַנ׳אַלטער, גרויער שוהל?... שטיל און רוהיג בין איך זיך געגאַנגען און בעגלייט האָבען מיך נאָר די זיסע שטראַהלען פון דער ליכטיגער זון. אָפט איז מיר פאָרגעקומען, אַזוי ווי איך וואָלט מיך האָבען פערפלאָנטערט אין די לאַנגע גאָלדענע פעדעם און ווי איך וואָלט שוין גאָרנישט קענען מעהר אַרויסדרעהען זיך פון זיי. אַמאָל האָב איך זיך אַוועקגעשטעלט און בעטראַכט די פרישע, גרינע בוימער, מיט זייער פרישען לעבען, און אַמאָל האָב איך זיך אַוועקגעשטעלט, בעטראַכטענדיג דאָס געלע זאַמד אויף דער ערד, וואָס האָט אָנגעהויבען פינקלען און בלישטשען אין ליכטיגען שיין, און צום סוף גאָר זענען מיר געפעלען געוואָרען די יודישע פענסטער אין דער שוהל-גאַס מיט זייער גרינס, מיט דעם שילף און מיט דעם געמויזעכץ, און מיט די אויסגעמאָלטע, פאַפירענע בלעטלעך, וואָס עס זענען געווען אויסגעקלעבט דערמיט אַלע יודישע פענסטער. שטיל און רוהיג איז זיך געגאַנגען דער איבעריגער עולם, גלייך ווי זיי וואָלטען צעהלען זייערע שריט; ווייטער, ווייטער האָבען זיי זיך געלאָזען, ביז אין שוהל אַריין — און אויף דער גאַנצער יודישער גאַס האָט דאָסמאָל גערוהט עפּעס אַ מין הייליגקייט, אַ מין הימלישע, געטליכע רוה, דאָס יעדער אַליין פאַר זיך איז פאָרגעקומען עפּעס הייליג און ערהאַבען אויף עטליכע אויגענבליק. דאָ האָבען גערוישט זיידענע קליידער און געפלאַטערט פרישע, נייע סטענגעס פון די ווייבערישע קעפ אַראָב, און נייע, אַטלאַסענע רעק און זיידענע קאַפּטאַנעס פון די מענער האָבען געקנאָטערט אומעטום. פּלוצלינג האָט זיך דער עולם אָבגעשטעלט און פּלאַץ געמאַכט: דער נגיד פון דער שטאָדט, ר׳ שמואל מרדכי ראָזענגאָלד, געהט, און ביי איהם אָן אַ זייט געהט אַנ׳אַלט פּאָר-פאָלק, און זיי געהען אָנגעלעהנט אויף שטעקענס, אָבער אַז מען קוקט זיך גוט-צו צו זייער זוהן, ר׳ שמואל מרדכי׳ן, קען זיך פּלוצלינג איינעם אָבדאַכטען, אַז ער

איז גאָר נאָך עלטער פון זיינע אַלטע עלטערן, אַזוי געל איז זיין פּנים און אַזוי גרוי איז זיין באָרד און אַזוי געבראָכען איז זיין גאַנצע געשטאַלט. אָבער פלוצלינג האָט ער זיך הויך אויפגעריכט, און ערשט דאָ זעהט מען ווי גרויס און הויך ער איז; זיינע אויגען פינקלען פלוצלינג שטאַרק און ער קוקט ווילד אַרום זיך, און דאַן ווידער בויגט ער מיט אַמאָל זיין קאָפּ אַראָב און געהט ווי געבראָכען ווייטער. איך אָבער האָב דענס־מאָל נאָך גאָרנישט געוואוסט פון אַזעלכע זאַכן — וואָס ווייסט אַ קינד וואָס עס הייסט גרויע האָר ביי אַ מענשען וואָס איז נישט אַלט? וואָס פערשטעהט אַ קינד, וואָס עס בעדייטען אויגען וואָס הויבען אָן פלוצלינג צו פינקלען און ווילד צו קוקען. — איך בין זיך רוהיג ווייטער געגאַנ־גען, און עס איז מיר געוועזן יום־טוב׳דיג אויפ׳ן האַרצען; איך האָב דעם חזן געהערט און דאָס לייענען געהערט און דעם בעל־מפטיר. דאָ אָבער האָט דער שמש אויסגערופען דאָס וואָרט „יזכור״, און איך האָב ערשט אָנגעהויבען עטוואָס צו זעהן און צו הערען...

„יזכור״?

און זיידענע קליידער האָבען אָנגעהויבען צו רוישען, און פרישע, נייע סטענגעס צו פלאַטערן, און נייע, אַטלאַסענע קאַפּטאַנעס האָבען גע־קנאַטערט; פון דער ווייבער־שוהל אַראָב האָבען זיך אָנגעהויבען לאָזען פיעל, פיעל ווייבער, און פון פאָליש אַרויס פיעל, פיעל מאַנספערשוינען — גליקליכע, צופריעדענע געזיכטער, אַלע וואָס האָבען נאָך טאַטע־מאַמע! דרויסען איז מען פרעהליך, לוסטיג, מען שטיפט, מען לאַכט; און דרי־נען — דרינען איז אַ הייליגער, שטילער טרויער געקומען איבער אַלע וואָס שטעהען נאָך דאָרט. לאַנגזאַם, לאַנגזאַם פלאַקערן די פיעל ליכט אַרום און אַרום; די שאָטענס אויף דער וואַנד בעוועגען זיך גאַנץ לאַנג־זאַם, און אַלץ איז אַזוי הייליג, אַזוי שטיל און אַזוי טרויעריג, און דאָך אַזוי זיס און אַזוי אַנגענעהם: איז עס טאַקי אמת, דאָס די נשמות פון די טויטע קומען זיך צונויף בעת דעם „יזכור״ אין שוהל אַריין? ווערען באמת אַלטע וואונדען געהיילט, און אַלע וועהטאָגען, וואָס די זעלביגע אָרעמע נשמות האָבען אין לעבען אַמאָל געליטען, ווערען יעצט פער־גלעט און געזונד געמאַכט? — איך האָב זיך פערגנב׳עט אַריינצוקוקען דורך אַ שפּאַלט פון דער טהיר, אפשר וועל איך עפּעס קענען דערזעהן אַ נשמה און ווי אַזוי וויזט זי זיך אויס? אפשר וועל איך גאָר דערזעהן די

קליינע רחל׳ע, מיין רבי׳נס קליין טאָכטערל, וואָס איז געשטאָרבען און נאָך וועלכער איך האָב געבענקט און געגאַרט נאָך איהר אַזוי זעהר, אַזוי זעהר?

און ווי איך האָב אַריינגעקוקט, האָט מיר אָנגעהויבען מיין פּנים צו ברענען און מיין האַרץ צו קלאַפּען; איך האָב דערזעהן ר׳ שמואל מרדכי ראָזענגאָלד, דעם טלית איבער די פּלייצעס און אַ מחזור אין דער האַנד; זיינע ליפּען האָבען זיך אָבער גאָר נישט בעוועגט און נאָר זיינע אויגען האָבען זעהר שאַרף און זעהר אויפגעריסען געבליקט אויף דעם ספר אין דער האַנד...

ר׳ שמואל מרדכי ביי „יזכור״? און זיין טאַטע-מאַמע? — האָט זיך מיר שיער נישט אַרויסגעריסען אַ פראַגע פונ׳ם מויל — לעבען זיי דען נישט?

און ווידער האָב איך געקוקט און האָב דערבליקט דעם אַלטען, ר׳ שמואל מרדכי׳ס פאָטער, און ווידער האָב איך דורכגעזעהן דאָס גאַנצע קהל ווייבער, וואָס איז געשטאַנען אין דרויסען און האָב זיך גאַנץ געטנוי דערמאָהנט, דאָס די אַלטע — זיין מוטער — איז אויבען, אַ לעבעדיגע, אין דער ווייבער-שול. ווי קומט עס, דאָס אַ יוד, וואָס האָט טאַטע-מאַמע זאָל שטעהן דרינען ביי „יזכור״? האָבען איהם טאַטע-מאַמע גאָר נישט געזעהן, דאָס זיי האָבען איהם נישט אַרויסגעטריבען? האָט דער עולם אַזוי פּיעל דרך-ארץ פאַר איהם, דאָס זיי האָבען נישט געוואָגט צו איהם צו צוגעהן און איהם בעטען אַרויסגעהן? וועמען, וועמען איז ער דען מזכיר-נשמות?

נאַריש קינד איינס! איך האָב דענסמאָל נאָך גאָרנישט פערשטאַ-נען, אַז עס טרעפט אַמאָל, דאָס אַ מענש איז מזכיר אַפילו דאָס, וואָס שטעהט גאָרנישט אין מחזור — נאָר דאָס האַרץ איז מזכיר...

ערשט שפּעטער, פּיעל יאָהרען שפּעטער, האָב איך ערפאַהרען, דאָס ער האָט מזכיר-נשמות געווען זיינע אַ טאָכטער...

נישט טאַטע-מאַמע, ווי דער מנהג-ישראל איז, נאָר אַ טאָכטער האָט ער מזכיר געווען, און דערצו נאָך וואָס פאַר אַ טאָכטער — אַ לע-בעדיגע... און ערשט שפּעטער, פּיעל יאָהרען שפּעטער, האָב איך ער-פאַהרען, דאָס נאָך דערזעלבער טאָכטער איז ער אַמאָל שבעה געזעסען אויף דער ערד, זיבען טעג און זיבען נעכט...

נאָך אַ לעבעדיגער?!...

יאָ, זי איז אַ לעבעדיגע, אָבער ער האָט אַלעמאָל געזאָגט, אַז זי איז אַ געשטאָרבענע — און דאָס איז אַ טרויעריגע מעשה און נעהמט אָן אַזוי שטאַרק ביים האַרצען, ווען מען דערמאָהנט זיך אָן איהר; גאָרנישט ווילענדיג שטעלען מיר זיך טרעהרען אין די אויגען און מיר דאַכט זיך פלוצלינג, אַז עפּעס אַ געדיכטער שלייער וויל מיר די ליעבע, ליכטיגע וועלט פינסטער מאַכען. און דרויסען איז די גרויסע, ווייסע וועלט אַזוי ליעב און אַזוי ליכטיג, אַז ס'איז פּשוט אַ ליעבע הנאה ארויס-צובליקען...

*

אויך דענסמאָל, אין יענעם טאָג פון שבועות, איז די גרויסע, ווייסע וועלט געווען אַזוי ליעב און אַזוי ליכטיג, אַזוי זיס און דערקוויקענד.

גרויסע זומער-פויגעלעך, מיט פליגעלעך פון אַלערליי פאַרבען, זע-נען אַרום און אַרום געפלויגען, און אַ גרויסער זשוק האָט זיך פאַר מיר פאַרבייגעכאַפּט און האָט מיר אַ זיסען סוד אין אויער אַריינ-געברומט — ווער ווייסט נישט אָט די דאָזיגע, זיסע, הייליגע סודות? עס איז דער סוד פון דעם לעבען ווי ס'ווערט בעגייט, דער סוד פון דער נאַטור ווי זי ווערט יונג, דער סוד פונ'ם קראַנקען האַרצען ווי ס'ווערט געזונד — דרינען אָבער, אין דער שוהל, האָבען זיך אַנדערע סודות געהערט, אויך זיס און הייליג, אָבער זיי קומען פונ'ם מויל פון טויטע נשמות און געהען אַריין אינ'ם האַרץ פון האַלב-טויטע מענשען, זיי קומען פון יענער וועלט און ווילען אַריבערשלעפּען צו זיך די וועלט; עס זענען סודות פונ'ם טויט, ווי ער איז זיס; סודות פון דער נאַטור, ווי זי איז שוין אייביג רוהיג! סודות פון דעם אָרעמען האַרץ, ווי עס הערט שוין אויף אייביג צו ליידען, און דאָס אַלעס איז אַזוי זיס און אַזוי הייליג, אַז דאָס האַרץ צעגעהט זיך פּשוט צוקער-זיס, און עס ווילט זיך פלוצלינג, אַז דאָס האַרץ זאָל זיך אַזוי צעגעהן ביז צום לעצטען טראָפּען און עס זאָל שוין קיינמאָל מעהר נישט ליידען און עס זאָל שוין גאָר זיין אַ סוף — עס ווילט זיך שטאַרבען, עס ווילט זיך שלאָפען דעם גרויסען לאַנגען שלאָף...

שטיל און רוהיג שטעהט דער חזן מיט דער ספר-תורה אין דער האַנד, שטיל און רוהיג שטעהט דער עולם מיט די טליתים טיעף איבער'ן

קאָפּ, און מיט דעם מחזור אין דער האַנד שטעהט ר׳ שמואל מרדכי שטיל, ווי אַ מת, און אפילו זיינע ליפּען בעוועגען זיך נישט...

„יזכור אלהים נשמת..." גאָט זאָל געדענקען די נשמה פון — — פון וועמען?...

זיינע אויגען גלאָצען טיעף, טיעף אַריין, אין דעם מחזור, און די אותיות הויבען אָן אַרומצוטאַנצען פאַר זיינע אויגען. — פון וועמען? פון וועמען? פרעגט ער נאָך אַמאָל זיך אַליין: די נשמה פון מיין טאָכטער? זי זאָל גאָט געדענקען? אָ ניין, גערעכטער גאָט, אָ ניין! זי זאָל גאָרנישט געדאַכט ווערען! דאָס וועט זיין בעסער פאַר איהר און פאַר אַלעמען! ער אַליין, דער טאַטע פון איהר, ער אַליין איז דאָך גאָר קיין גאָט נישט און ער אַליין האָט קיינמאָל נישט געוואָלט זי מעהר געדענקען; ער אַליין האָט זיך צוגעשוואוירען, איין מאָל און צעהן מאָל און הונדערט מאָל, אַז זי איז געשטאָרבען, און אַז ער וועט קיינמאָל, קיינמאָל מעהר זי נישט געדענקען. האָט ער געהאַלטען זיין שבועה? האָט ער באמת קיינמאָל מעהר נישט געדענקט אָן איהר?...

— ניין! איך בין אַ ליגנער, אַ לייכטזין, אַ מענש, וואָס האַלט קיין שבועה נישט! — האָט זיין האַרץ אין איהם ווילד געשריען—פון יעצט אָן, אָבער, פון יעצט אָן, שווער איך, נישט מעהר אָן איהר צו געדענקען!...

און ווי צו להכעיס זענען איהם אָבער אין דעם אויגענבליק טאַקי טויזענדער מחשבות און עראינערונגען אָנגעקומען.

ער געדענקט פּלוצלינג יענעם טאָג, פאַר אַכצעהן יאָהר, בעת זיין ווייב, רבקה לאה, זכרונה לברכה, איז געשטאָרבען. קאַלט און ווינדיג איז דער טאָג געווען, און דער שנעע איז געגאַנגען אינאיינעם פאָרט, און פון אַלע דעכער האָט געפייפט און געבלאָזען. און דאָ איז ער געגאַנגען, פערטרויערט און פעריאָמערט, אַהיים פון דער לויה, און נאָך איהם איז נאָכגעגאַנגען נישט קיין גרויסער עולם. ער געדענקט, ווי זיי האָבען זיך געסוד׳עט און ווי זיינע אויערען האָבען דערהערט דאָס וואָרט, דאָס ער זעהט אויס געטרייסט. דאָ אָבער איז ער אַריין צו זיך אין שטוב, און זיין אסתר׳ל, די יתומה, איז איהם אַנטקעגענגעקומען. זי איז דאָך אפילו דענסמאָל מעהר נישט אַלט געווען ווי פיער יאָהר, אָבער ווער עס האָט דאָס קינד דענסמאָל געזעהן, דער האָט עס אודאי קיינמאָל שוין נישט מעהר פערגעסען. מען רעדט גאָרנישט פון די לאַנגע,

גאָלדענע לאָקען, מען רעדט אויך נישט פון דעם פּיסקעלע דעם זיסען, אויך פון דעם שעהנעם פּנים׳ל, וואָס איז געווען ווי אָבגעמאָלט, רעדט מען נישט, און נאָר די אויגען, אָט יענע גרויסע, בלויע אויגען, דאָס האָט מען נאָך קיינמאָל נישט געזעהן אַזוינס ביי אַ קינד. ער געדענקט נאָר דאָס איינע, דאָס ווי ער האָט זי דערזעהן, האָט ער אָנגעהויבען צו וויינען, אַזוי שטאַרק ווי ער האָט נאָך קיינמאָל נישט אין זיין לעבען געוויינט, און דאָ איז ער אַרויפגעפאַלען אויף דעם קינד, און האָט עס אָנגעהויבען צו קושען און צו האַלזען און האָט עס אַזוי שטאַרק צוגעפּרעסט צו זיך, ביז דאָס קינד האָט אָנגעהויבען הויך צו שרייען. און דערנאָך, געדענקט ער, ווי זיי האָבען מעריב געדאַווענט, און ער האָט דאָס קינד אַלץ נישט אָבגעלאָזען פון דער האַנד, און דערנאָך ביי דער שמונה־עשרה האָט ער עס גענומען פּלוצלינג אויף דעם אָרעם און האָט זיך דערמיט צוזאַמען געשאָקעלט, און אַלע האָבען איהם אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם. וואָס זאָגט איהר, עולם, וואָס זאָגט איהר צו מיין יתומה׳לע? האָט ער עטליכע מאָל אויסגערופען, און ער געדענקט נאָך ווי זיין קול איז איהם אַליין פאָרגעקומען עפּעס ווי משונה׳דיג. דער עולם אָבער איז זיך באַלד פונאַנדערגעגאַנגען און האָט איהם נישט מעהר אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם.

פּלוצלינג געדענקט ער, ווי ס׳איז אַמאָל צו איהם אַריינגעגאַנגען איטשע־בער דער שדכן און האָט צו איהם געזאָגט: „ר׳ שמואל מרדכי! איך האָב אַ שידוך פאַר אייערטוועגען גאָר אַנ׳אַנטיקל...״ און ווי ער האָט דעם אומשולדיגען שדכן דערלאַנגט אַ שטאַרקען פּאַטש, דאָס ער איז שיער נישט אומגעפאַלען. דערנאָך זענען געקומען די צייטען, ווען אויך זיין פאָטער און זיין מוטער האָבען איהם אָנגעהויבען צו קוועהלען, דאָס ער זאָל אַ שידוך טהון — און אַלץ אומזיסט. דאַן געדענקט ער, ווי זיין מוטער איז אַמאָל צו איהם צוגעגאַנגען און איהם געזאָגט: „ס׳טייטש? דו ביסט דאָך נאָך גאָר אַ יונגער־מאַן, גאָר אַ יונג בוימעל, מיינסטו באמת צו פערזיצען?״ און ער האָט דאַן פעסט און רוהיג געענטפערט: „יאָ, פערזיצען וועל איך!״ און דערויף האָט איהם די מוטער געזאָגט: „און אַז איך וועל גוזר זיין אויף דיר בגזרת כבוד אם, וועסטו אויך נישט פאָלגען?״ און קלאָר און דייטליך האָט ער דערויף געענטפערט: „מאַמע, טהו דאָס נישט, דען איך וועל נישט קע־נען פאָלגען!״ און איז געבליבען אַנ׳אַלמן ביז יעצט. — האָט ער דען

געקענט אַנדערש טהון? האָט ער אפשר געקענט דערלאָזען, אַז אַזאַ טאָכטער׳ל זאָל קריגען אַ שטיפמוטער?

דאַן זענען יאָהרען אַוועקגעגאַנגען, שעהנע עטליכע יאָהרען, און די גאָלדענע לאָקען זענען געוואָרען גאָלדענער און די בלויע אויגען זענען געוואָרען בלויער — און יודען און קריסטען האָבען אומעטום גערעדט פון אסתּר׳לען, פון אסתּר׳קען...

ער געדענקט, ווי עס זענען געווען צייטען, וואָס ער פלעגט האָבען קנאה אויף אַלע, וואָס האָבען גענומען אסתּר׳לס נאָמען אין מויל אַריין; עס האָט איהם געקרענקט, דאָס ס׳איז נאָך אַנדערע מענשען אויך פערגינען צו רעדען פון איהר גליק, ווי איהם אַליין נאָר וואָלט זיין דערלויבט זי ביים נאָמען צו רופען און אויף איהר צו קוקען, און אַנדערע טאָרען דאָס גאָרנישט. — זי איז שוין געווען אַ מיידעל פון דרייצעהן, פיערצעהן יאָהר, און דאָך האָט נאָך אַלץ איהר בעטעל געמוזט שטעהן אַלעמאָל נעבען זיין בעט, און אָפט איז ער געלעגען ביינאַכט און האָט געהאָרכט, געהאָרכט, און האָט געצעהלט, ווי עס געהט ביי איהר דער אָטעם ביים שלאָפען.

פאַרוואָס, פאַרוואָס, האָט ער זי נישט גענומען דענסמאָל און איז נישט אַוועק מיט איהר ערגעץ ווייט, ווייט, ערגעץ הינטער די הרי־חושך? פאַרוואָס איז איהם דאָס גאָרנישט איינגעפאַלען, אַז עס איז אַ סכנה, אַזאַ בליצענדיגען אוצר נישט צו פערבעהאַלטען, אַז קיין מענטשליך אויג זאָל איהם נישט זעהן? — האָט איהם זיין גרויס פערמעגען געשטערט דערין, אַז ער האָט נישט געקענט זיך אויפהויבען און אַוועק, אום נישט אַ תל צו מאַכען דערפון? איז עס אמת וואָס קריסטען און יודען פלעגען זאָגען אויף איהם, אַז ער איז אַ מענש, וואָס איהם איז טייער נאָר זיין געלד, און אַ חוץ דעם גאָרנישט מעהר? — אמת, ער איז געווען אַ פראָצענטניק, און האָט ליעב געהאַט צו פערדיענען אַ גוטען גראָשען, פאַרוואָס דען נישט, ער וויל דאָס גאָרנישט לייקענען — אָבער פאַרוואָס זענען זיי נישט געקומען אַמאָל אַריין צו איהם אין שטוב, ביינאַכט, בעת ער האָט גענומען אסתּר׳לען אויף זיין שויס אַרויף, און פאַרוואָס האָבען זיי נישט געגעבען אַמאָל אַ קוק אין זיין האַרץ אַריין, אום צו וויסען, ווי ליעב ער האָט זי געהאַט, און ווי וואָלט ער

זיין אימשטאַנד אָבצוגעבען פאַר איהר זיין געלד און זיין פערמעגען און זיין לעבען און זיין אַלעס?...

און ווידער זענען איהם געקומען אין זינען אַריין די פוילישע פריצים און די אַדעל-לייט און די אָפּיציערען און אַלע, וואָס זענען געקומען צו יענער צייט צו איהם זיך געלד ביי איהם לייהען. ער גע-דענקט נאָך ווי היינט, ווי דער גראַף ווינצענטי שטשעגוולסקי האָט מיט איהם געמאַכט אַ גרויס געשעפט, אַ געלד-געשעפט, אויף 30 פּראָצענט יעהרליך, און ווי דער גראַף האָט געקוקט אויף אסתר'לען, און ווי ער האָט געזאָגט: „פּאַניע ראָזענגאָלד! איך ווייס עס, דו האָסט דאָך הנאה פון אַ גוט פּראָצענטעל; נו, גוט, איך גיב דיר גאַנצע דריי פּראָצענט אַ חודש, נאָר בתנאַי, אַז דו זאָלסט מיר אָוועקגעבען דיין טאָכטער'ל די אסתר'קא!" ער געדענקט, דאָס ער איז עפּעס ביים אָנפאַנג גאָרנישט בייז געוועזען אויף דעם שפּאַס וואָס דער הער גראַף האָט זיך דערלויבט, און דאָס ער האָט רוהיג געענטפערט: „דריי פּראָצענט, הער גראַף, דאָס איז וועניג, זעהר וועניג!" און נאָר שפּעטער, ערשט ביינאַכט, האָט עס איהם פערדראָסען און וועה געטהון, פאַר די ווערטער, וואָס אַ שררה קען אַלץ רעדען צו אַ יודישען טאַטען פון אַ יודישער טאָכטער.

ער געדענקט גאַנץ גוט, ווי דער גראַף איז דענסמאָל אַרויסגע-גאַנגען און האָט געזאָגט צו כליעבניקאָוון, דעם בלויען אָפיציער: „גלויב מיר, עס וועט נאָך אַמאָל ווערען אַ געשעפט! אַ יוד קאָן אַלץ טהון גיב איהם נאָר אַ פּאָר פּראָצענט מעהר!..."

פּלוצלינג האָט זיך איהם אַ פיגור געשטעלט פאַר זיינע אויגען, אַזוי ווי לעבעדיג, און שיער נישט האָט ער אויפגעהויבען די הענד צו כאַפּען זי: איהרע גאָלדענע לאָקען זענען געווען יעצט פיעל בלויער און עפּעס אַ מין כישוף האָט געשטעקט אין אַלע איהרע אברים.

און איינמאָל ביינאַכט, ווי ער איז שוין געווען איינגעשלאָפען, געדענקט ער ווי זיין אסתר'ל האָט איהם געוועקט:

— טאַטע, דו שלאָפסט?

— וואָס איז, קינד, וואָס איז דיר?

— גאָרנישט, גלאַט אַזוי...

און ווי ער האָט אָנגעהויבען דרעמלען צום צווייטען מאָל, האָט זי איהם ווייטער געוועקט:

— טאַטע!

— ביסטו קראַנק, נשמה'לע? פעהלט דיר עפּעס, חלילה?

— ניין, ניין... נאָר עפּעס פרעגען האָב איך געוואָלט ביי דיר. אָדער ניין... איך וויל שוין גאָרנישט פרעגען...

— פרעג, פרעג, מיין לעבען.

— גאָרנישט! דאָך... זאָג נאָר: איז אמת וואָס מען דערצעהלט פון אַלטען גראַף שטשעגולסקי; פון דעם ווילדען גראַף סטאַניסלאַוו, דעם זיידען פונ'ם יעצטיגען גראַף ווינצענטי? איז אמת, אַז ער האָט אַמאָל געגזל'ט אַ יודישע טאָכטער און האָט מיט איהר געוואוינט דריי·בען, אינ'ם חרם-הויז, און אַז זי איז צום סוף געשטאָרבען, האָט ער גענומען און האָט אויסגעשטאָכען איהרעביידע שוואַרצע אויגען, און האָט זיך געמאַכט צוויי גאָלדענע רינגען, און די אויגען האָט ער אַריינגעזעצט אין די רינגען אַנשטאט בריליאַנטען, און האָט זי געטראָגען ביז אין זיין טויט אַריין?...

ווער האָט דיר דאָס דערצעהלט, אסתר'ל?

זי איז אָבער שוין געוועזען אַזוי טיעף פערקלערט און האָט שוין גאָרנישט געוואוסט און האָט שוין גאָרנישט געהערט וואָס מען רעדט צו איהר, און האָט גלאַט אַזוי געמאַכט!

— הע?...

און דערנאָך האָט זי געשוויגען, און אויך איהר אָטעם האט זיך נישט געהערט ביים שלאָפען די גאַנצע נאַכט.

דאַן, געדענקט ער, ווי זי האט איהם אַמאָל ווידער געוועקט ביינאַכט, און האט פּלוצלינג אַ פרעג געטהון: טאַטע, דו שלאָפסט?— און דערנאך האט זי געפרעגט: איז אמת, וואס זיי זאָגען, אַז יודען זענען בלוטזויגער, און אַז דו אַליין, טאַטע, ווען דו לייהסט זיי געלד, נעהמסטו צו ביי זיי דאס לעבען? ער דערמאָהנט זיך נאָך, אַזוי ווי דאס וואלט זיין ערשט יעצט, ווי זיין בלוט האט אין איהם אָנגעהויבען צו קאָכען און ווי ס'איז איהם עפּעס געווארען שלעכט ווי נאָך קיינמאל נישט. איז ער דאָס שולדיג אין דער מעשה מיט דעם פּראָצענט? איז ער דען באמת אַ בלוט-זויגער ווי זיי מיינען, אָדער ווי זיי ווילען דעם יונגען קינד איינרעדען? — ער געדענקט ווי ער האט שוין געוואלט אסתר'ן בעפעהלען נישט מעהר צו רע·

דען מיט די אָפיציערען און מיט די פריצים; אָבער ווי דער צוויי־טער טאג איז געקומען און ער האט געזעהן דעם כבוד וואס אס־תּר׳ל האט, ווי זי האט דערהאַלטען די איינלאַדונג צו קומען ביי־נאַכט צום באַל ביים בירגערמייסטער, האט ער נישט געהאַט מעהר דעם מוט איהר צו זאגען אַ וואָרט.

ניין — האָט יעצט זיין האַרץ אין איהם ווילד געשריען — איך האָב קיינמאָל קיין מוט נישט געהאַט! איך האָב מיט אייגענע אויגען געזעהן, ווי דער גיפט האָט אָנגעהויבען אַריינצוגעהן אין איהר קערפּער אַריין און האָב נישט דעם מוט געהאַט זי נישט צו דערלאָזען עס צו טרינקען. איך אַליין האָב געזעהן ווי עס האָבען זיך אָנגעהויבען צו שאַרען אַרום איהר די גאַנצע חברה, די פריצים און די אַדעל־לייט און אָפיציערען, און האָב איהר נישט קיין איינציג מאָל געזאָגט: „טאָכ־טער! איך פערוועהר עס דיר!” איך אַליין האָב געזעהן ווי זי האָט אָנגעהויבען צו לייענען ביכער און ביכלעך, וואָס זענען געווען פיעל ערגער ווי גיפט, און האָב נישט געזאָגט: ניין! — און אַז אַלע האָבען מיר שוין אויסגעריסען די אויגען און האָבען געטייטעלט מיט די פינגער נאָך איהר, און אַז איך אַליין האָב שוין בעמערקט אַז זיי האָבען זי פשוט געמאַכט פאַר אַ שונא־ישראל, האָב איך אַלץ נאָך געשוויגען און זי נאָך אַלץ גערעכט געמאַכט. נו, ווער איז אַצינד שולדיג, זי אָדער איך?

נאָר איינמאָל, געדענקט ער, נאָר איינמאָל האָט ער געהאַט מיט איהר אַ שאַרפע מחלוקה. עס איז געווען דענסמאָל, ווען זי האָט אָנגע־הויבען עפּעס רעדען איבער דאָס לעבען, און וואָס לעבען בעדייט און וואָס פאַר אַ בעגריף עס קען האָבען פון לעבען אַ מענש, וואָס דאָס געלד איז ביי איהם די נשמה, און ווי אַ יוד קען איבערהויפּט נישט וויסען קיינמאָל וואָס לעבען הייסט, — דענסמאָל האָט ער איהר שאַרף געענטפערט. אָבער דערנאָך איז ווידער געוואָרען זיין שטימע מילד און וייך, און אַז ער איז אַליין געווען ביי זיך אין צימער זענען עפּעס זיינע אויגען נאַסליך געוואָרען. דאַן, געדענקט ער, ווי די קריסטען האָ־בען געפונען פאַר איהר אַ ניי, מאָדנע וואָרט, עפּעס, אַ וואָרט וואָס איז איהם אויסגעקומען אַלעמאָל אַזוי פרעמד — זיי האָבען זי גערופען: „קאָקעטקאַ”.

וואָס איז דאָס איהם אָנגעגאַנגען? — ער האָט געטהון אַלץ וואָס אַ טאַטע קען נאָר טהון פאַר זיין איינציגער טאָכטער; ער האָט געלאָזען פאַר איהר די בעסטע שידוכים רעדען, און האָט געוואָלט זיין גאַנץ פערמעגען איהר אַוועקגעבען; אָבער זי האָט נישט געוואָלט. איהר זענען אַלע שידוכים נישט געפעלען געוואָרען. אַזוי זענען יאָהרען פאַרביי געגאַנגען. נאָר איינמאָל, געדענקט ער, ווי ער האָט געהאַט אַ מיאוס'ע סצענע מיט איטשע-בער דעם שדכן, וואָס איז אַריינגעגאַנגען צו איהם און האָט איהם גערעדט אַ שידוך, עפּעס נישט אַזוי אַ פיינעם, און ווי ער האָט זיך אַ ביסעל געקרימט. דאָ האָט זיך דער שדכן אָבגערופען: ר' שמואל מרדכי! איהר פערגעסט, אַז דאָס בחור'ל איז מיט אַלע מעלות? איהר פערגעסט, אַז ער איז פריי פון מיליטער? און דאַגעגען ווידער אייער טאָכטער, האָט נישט קיין פּאַראַיבעל, וואָס מען זאָגט אויף איהר, אַז זי איז נישט פריי פון מיליטער... די אָפּיציערען...

ער געדענקט, אַז ער האָט דעם שדכן אַרויסגעוואָרפען פאַר דעם נאַרישען וויץ; ער געדענקט, ווי ער האָט דענסמאָל גאַנץ גוט פערשטאַנען, דאָס איטשע-בער האָט זיך בלויז געוואָלט אָן איהם נוקם זיין פאַר אַ פּאַטש וואָס ער האָט איהם אַמאָל געגעבען — אָבער שלאָפען האָט ער שוין פאָרט נישט געקענט, נישט יענע נאַכט און נישט אין דערויף קומענדיגע נעכט.

און דאַן זענען געקומען יענע טעג, ווען דער גראַף ווינצענטי שטשעגולסקי האָט אָנגעהויבען צו קומען אין זיין הויז אַריין זעהר אָפט. אמת, שעהן איז ער קיינמאָל נישט געווען, דאָס האָט ער אַליין אויך געוואוסט, נאָר עפּעס איז געלעגען אין זיינע אויגען, וואָס ער ווייסט גאָרנישט וואָס עס איז אַזעלכעס געווען, און איבער דעם, ווען ער איז ווילד געוואָרען, אַזוי ווי זיין פאָטער און ווי זיין זיידע, דאָ ערשט איז ער געווען אינטערעסאַנט, גאַנץ אָהן גלייכען. אָבער ער ווייסט גאַנץ גענוי און בעשטימט, אַז זיין טאָכטער, זיין אסתר, האָט איהם קיינמאָל נישט געקענט ליידען און האָט זיך תמיד געפלעגט צו בעהאַלטען פאַר איהם. איינמאָל, האָט זי אַפילו איהם אין פנים אַריין געזאָגט, אַז זי קען איהם אויף די אויגען נישט זעהן...

און דאַן זענען ווידער געקומען די צייטען, ווען זי פלעגט געהן שפּאַצירען רעגעלמעסיג יעדען טאָג אין דעם פּאַרק.

האָט ער איהר אַ כשוף אָנגעטהון? האָבען רוחות און שדים איהם געהאָלפען?

— ניין, ניין, מעהר וויל איך שוין נישט געדענקען, איך וויל נישט, איך וויל נישט! — האָט ער פלוצלינג מיט אַ הויכער שטימע זיך אָרו סגערעדט און די יודען וואָס זענען געשטאַנען נעבען איהם ביים דאַוונען האָבען איהם שטאַרק אָנגעקוקט.

אָבער ווי אויף להכעיס האָט ער זיך ווידער פערטראַכט און האָט קלאָר און דייטליך געדענקט יענע פינסטערע און בייזע נאַכט, ווי זיין אסתר איז פון זיין הויז אַוועקגעגאַנגען און איז נישט מעהר צוריקגעקומען...

דריי טעג און דריי נעכט האָט ער זי געזוכט, און זי איז אַלץ נישט געווען, דערנאָך ערשט איז איהם אָנגעקומען די פינס-טערע, די שוואַרצע בשורה וועגען איהר.

דער ווילדער גראַף, גראַף ווינצענטי שטשעגוּלסקי, האָט זי מיט זיך מיטגענומען... און זי האָט אויפגעהערט צו זיין אַ יידיש-קינד...

דאָ איז ער אַהיימגעקומען שטיל און רוהיג, און האָט אַראָב-געלאָזען די פאָרהאַנגען פאַר די פענסטער און האָט פערהאָנגען די שפיגלען אין אַלע חדרים און האָט אָנגעצונדען אַ קליין לעמפעלע מיט אייל, און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קליין פוסענבענקעלע, און איז געזעסען שבעה זיעבען טעג און זיעבען נעכט.

און אויפ׳ן אַכטען טאָג איז געקומען עפּעס איינער פון די אָפיציערען, דאַכט זיך כלעבניקאָוו, און האָט זיך געוואָלט געלד לייהען ווי תמיד, און ער, דער יוד, האָט איהם נישט געוואָלט לייהען מיט די זעלבע קאָנדיציעס ווי ביז יעצט, און האָט זיך גע-הייסען געבען אַ האַלבען פּראָצענט פער חודש מעהר, ווי ביז אַהער.

און אַלע האָבען אויף איהם געזאָגט, גויים און יודען, אַז ער איז אַ שלעכטער מענש מיט אַ שלעכט האַרץ, אַ בלוט-זויגער, אַ פּראָצענטניק און דאָס קינד הויבט איהם גאָר נישט אָן צו אַהרען.

אָבער, ביינאַכט! ביינאַכט! אַז ער איז ביינאַכט, געלעגען אַליין אויף זיין געלעגער, וואָס האָט ער דאָ אַלץ נישט איבערגע-ליטען און איבערגעקעמפט מיט זיך! — איינמאָל איז ער געווען,

פרישמאַן אין יאָהר תרע"ג

דאַכט זיך, פּראָסט משוגע ווי אַלע משוגעים וואָס קלעטערען אויף גלייכע ווענד.

ווי אַזוי? ווי אַזוי האָט זי גאָר געקענט איהם פערלאָזען? מיט וואָס האָט זי דער מכשף גענומען? מיט וועלכען כישוף? — ווי אַזוי? ווי אַזוי?...

און דאָ, געדענקט ער, ווי עס האָט זיך איינמאָל ביי איהם אויפגעמאַכט די טהיר, און עס איז אַריין אַ געשטאַלט מיט גאָלדע-נע לאָקען און מיט בלויע אויגען און האָט צו איהם געזאָגט מיט אַ שטימע פון אַ מלאך:

— טאַטע!

ער, אָבער, האָט זי אָנגעכאַפּט און האָט זי אַרויסגעשליידערט און האָט צוגעקלאַפּט די טהיר הינטער איהר. און דערנאָך — — — דערנאָך, געדענקט ער נאָר, ווי ער איז אויפגעשטאַנען צומאָרגענס אינ-דערפריה און איז צוגעגאַנגען צום שפּיגעל און האָט זיך אָנגעקוקט, דאָ האָט ער געזעהן ווי ער איז פּלוצלינג גרוי געוואָרען ווי אַ טויב — איבער נאַכט — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— ר' שמואל-מרדכי!

ער האָט זיך אומגעקוקט און האָט דערזעהן דעם שמש.

— ר' שמואל מרדכי! גוט יום-טוב אייך! דער עולם האָט שוין אָבגעדאַווענט מוסף און געהט שוין אַוועק און איהר שטעהט נאָך אַלץ איינגעהילט אין דעם טלית...

— וו—אָ—אָ—אָ—ס?

און ער איז אַרויסגעגאַנגען, שטיל און לאַנגזאַם, און איז זיך רוהיג געגאַנגען. „מיט וועלכען כישוף האָט ער זי גענומען? — ווי אַזוי? — ווי אַזוי?..."

יום-טוב'דיג און לאַנגזאַם איז זיך דער עולם געגאַנגען פון שוהל; זיידענע קאַפּאָטעס האָבען געקנאָטערט און אַטלאַסענע קליידער האָבען גערוישט; אַלץ הייליג, אַלץ צופריעדען, און אַלץ האָט גערעדט און פון אַלעמען האָט מען גערעדט.

— שלעכט, שלעכט מיט איהם! — האָט זיך אָבגערופען דער דין, געהענדיג נעבען מיין פאָטער — ער איז פערמרה-שחורה'ט און רעדט

מיט קיינעם נישט. ווי געפעלט אייך גאָר די מעשה? ער איז דאָך געבליבען אין שוהל בשעת „יזכור"...

— אַנ׳אַפּיקורס! ווי איך בין אַ יוד, אַנ׳אַפּיקורס! — האָט זיך אָבגערופען מיין מלמד וואָס איז צוגעקומען צו אונז. און ר׳ שמואל-מרדכי איז אַלץ נאָך געגאַנגען, שטייף און רוהיג, און האָט דעם קאָפּ זעהר הויך און אויפגעריסען געהאַלטען.

„...מיט וועלכען כישוף — ווי אַזוי? ווי אַזוי?..."

*

די בוימער פון פּאַרק שטעהען שטיל און בעוועגען זיך נישט און זייערע צווייגען שטרעקען זיך אין די לופט אַריין. שאָטענס ליע-גען אויסגעשפּרייט אויף דער ערד און אויף די בייטען, און נאָר טיילמאָל בעוועגען זיי זיך שוועבענדיג אַמאָל אַהין און אַמאָל אַהער. און נאָר ווען עס קומט אַ ווינד און דערלאַנגט אַ פאָהר צווישען די צווייגען, דאָ שאָקלען זיי זיך פּלוצלינג, רוישענדיג און פּילדע-רענדיג, און די בוימער סוד׳ען זיך דאַן איינער מיטן אַנדערען אויף זייער וואונדערליכער שפּראַך.

אַנ׳אַלטע דיקע סאָסנע שטעהט אין דער מיטען פּאַרק, גע-בוקט און איינגעבויגען, און איהרע צווייגען פערשפּרייטען אַ גרוי-סען שאָטען אַרום און אַרום. ווער צעהלט אַלע יענע וואונדערליכע מעשה׳לעך, וואָס די דאָזיגע זקנה האָט אין איהר לעבען שוין גע-הערט? ווער צעהלט אַלע יענע מענשען, וועלכע זענען שוין אין איהר שאָטען געזעסען, און האָבען געזיפצט, אָדער האָבען געפרעהט זיך?...

איבער׳ן גראָז קומט אַ ווינד צו פאָהרען, און די גרעזלעך בע-וועגען זיך אַ מינוט לאַנג, דאַן שאָקלען זיך אויך די גרינע בלע-טער אויבען, דאַן רוישען הויך און שטאַרק אַלע צווייגען פון די גרויסע בוימער, וועלכע שטרעקען זיך אין די לופט אַריין, און די בוימער דערצעהלען איינער דעם אַנדערען מעשיות, פון אַלעם וואָס זיי האָבען געזעהן און פון אַלעם וואָס זיי ווייסען.

זיי דערצעהלען פון אַ שטאָלצען גראַף, מיט גרויסע און שוואַר-

צע אויגען, וועלכער פלעגט קומען אָפט און אַרומשפּאַצירען דאָ, צווישען זייערע צווייגען, און טיילמאָל פלעגט ער זיך צעזינגען, און טיילמאָל פלעגט ער זיך צעוויינען, אַמאָל, ווייל עס איז איהם אַזוי גוט אויפ׳ן האַרצען געווען, און אַמאָל, ווייל דאָס האַרץ האָט זיך איהם שיער נישט צעזעצט פאַר גרויס לייד! און אָפט פלעגט ער זיצען אַ גאַנצען ליעבען טאָג, אָדער אַ גאַנצע ליעבע נאַכט, און פלעגט חלום׳ען פאַר זיך מיט אָפענע אויגען, און פלוצלינג פלעגט ער זיך אויפכאַפּען און פלעגט שרייען אויפ׳ן קול: „אַ העליש פייער ברענט אין מיר!” — און דאַן דערצעהלען די בוימער ווידער פון אַ בעטריבט-טרויעריג פּנים׳ל, וועלכעס פלעגט זיך אָפט צווישען די בייטען בעווייזען, און פון גאָלדענע לאָקען און בלויע אויגען, וועלכע דאָס דאָזיגע פּנים׳ל האָט געהאַט, און ווי די דאָזיגע געשטאַלט פלעגט זיך טעגליך בעווייזען, און פלעגט נישט לאַכען און פלעגט נישט לוסטיג זיין, און ווי זי פלעגט טיילמאָל קומען און זיך וואַרפען אויפ׳ן גראָז און פערגראָבען דאָס פּנים׳ל אין איהרע קליינע צאַרטע הענדטעלעך, און עס פלעגט זיך הערען פלוצלינג אַ האַרצרייסענדער קרעכץ: „אוי, ווי ביטער איז מיר! די וועלט איז אַזוי ענג, אַז עס איז נישט מעגליך, אָבצוזעטעמען!...

און פלוצלינג רוישען די בוימער הויך און מורמלען און שעפּטשען שטיל, און איינער דערצעהלט דעם צווייטען דעם שטילען וואונדערליכען סוד, ווי עס האָט זיך אַ קוש געהערט, שטיל און הייליג, און ווי פון אַלע פיער עקען איז דער ווינד געקומען און האָט אויפגעכאַפּט דאָס ווידער-קול פון דעם דאָזיגען הייליגען, ריינעם קוש און האָט איהם אַוועקגעטראָגען הויך, אויבען ארויף צום הימעל... און דאַן בלייבען די בוימער שטום אַ מינוט לאַנג, און דאַן דערצעהלען זיי מיט אַ שטיל קול, קוים וואָס מען הערט, אַז איינמאָל אין אַ זומער-אָוועגד האָבען גליהענדיגע, זיסע ליפּען אַרויסגערעדט דאָס וואָרט: „איך האָב דיך ליעב!” און אַנדערע גליהענדיגע, זיסע ליפּען, קוים וואָס מען האָט געהערט, האָבען שטיל נאָכגעשעפּטשעט: „איך האָב דיך ליעב!”...

דאַן דערצעהלען זיי, ווי דאָס מיידעל פלעגט קומען אין פּאַרק אַריין און פלעגט זיך פליקען גרינע בלעטלעך און געלע בלומעלעך,

און פליגט צונויפקליבען די גרינע בלעטלעך און די געלע בלומעלעך און איז געווען טויט-טרויעריג...

און ווידער דערצעהלען זיי, ווי דאָס מיידעל פליגט קומען אין פּאַרק אַריין, און פליגט טאַנצען און שפּרינגען און לאַכען און זינגען און פליגט זיין הימעלס-לוסטיג, און די גרינע בלעטלעך פון די בוי-מער פליגט זי קושען, און די געלע בלומעלעך פון די בייטען פליגט זי צופּרעסען צום האַרץ, און פליגט זיי קושען און קושען...

און דאַן דערצעהלען זיי, ווי דאָס מיידעל איז איינמאָל געקו-מען און האָט זיך אויסגערופען: דערלעז מיך, מיין מלאָך, דערלעז מיך, דען מיר איז אַזוי ענג! צווישען אַ פאָלק מיט געשטאָרבענע הערצער זיך איך, וועלכע קענען קיינמאָל נישט פיהלען און קיינמאָל נישט ווי-סען, וואָס עס קען זיך אָבטהון ביים מענשען אינעווייניג. דערלעז מיך, מיין מלאָך, דערלעז מיך! דען איך האָב זיי פיינד און מיין האַרץ וועט צעבראָכען אין מיר. דערלעז מיך, מיין מלאָך און רעטער, דער-לעז מיך גיך!...

און דאַן דערצעהלען זיי שטיל, ווי דער שטאָלצער מענש איז איינמאָל געקומען, אָהן טרייסט און אין פערצווייפלונג, און די האָר פון קאָפּ האָט ער זיך געריסען און אויסגערופען האָט ער זיך:

„ווי קען איך דאָס! — זאָל איך זי אפשר גאָר פאַר אַ ווייב מיר נעהמען?... און זאָל איך הערען יעדען טאָג דאָס געשפּעט פון מיינע פריינד און בעקאַנטע? און אפשר זאָל איך זי מיר פאַר אַ ווייב נעה-מען, זיי צו להכעיס? —"

און די בוימער רוישען און שאָקלען זיך און אַ פילדערן פאָהרט דורך פלוצלינג צווישען זייערע צווייגען, און הויך דערצעהלען זיי דעם וואונדערליכען סוד פון אַ צווייטען הייליגען קוש, און ווי די ווינטען זענען געקומען און האָבען אַוועקגעטראָגען דאָס ווידער-קול פון דעם דאָזיגען קוש אין די ווייטע, הויכע הימלען, און ווי גליהענדיגע, זיסע לי-פּען האָבען שעפּטשענדיג אַרויסגערעדט די גליהענדיגע זיסע ווערטער: „איך האָב דיך ליעב! איך האָב דיך ליעב!"

שטיל! — די בוימער דערצעהלען יעצט, ווי דאָס מיידעל מיט די בלויע אויגען און די גאָלדענע לאָקען האָט זיך בעזעצט דאָ אַנטקעגען,

אין דעם גרויסען פּאַלאַץ, וועלכער איז גרעסער און העכער פון די גרעסטע און העכסטע בוימער פונ׳ם פּאַרק.

און די צווייגען בעוועגען זיך יעצט שטיל, און פּאַמעלעך דער־צעהלען זיי, ווי עס זענען געקומען ריינע שעה׳ן און הייליגע מינוטען פּאַר צוויי ריינע, גוטע מענשען, וועלכע האָבען געוואוינט אינ׳ם אַל־טען פּאַלאַץ.

שטיל! — די אַלטע סאָסנע האָט זיך יעצט צוגעבויגען צו אַ יונג בעראָזעווע בוימעל, וועלכעס שטעהט נעבען איהר, און האָט איהם אַ זאָג געגעבען: „קינד! יונג ביסטו און איך בין אַלט; איך האָב מורא, דו וועסט נאָך נישט פערשטעהן, וואָס איך זאָג דיר דאָ! אָבער מיינסטו אפשר, אַז די דאָזיגע דאָ, די מיט די גאָלד־לאָקען און מיט די בלוי־אויגען, איז גליקליך און צופריעדען? ניין, מיין קינד! מיך זאָלסטו פרעגען, איך בין אַלט און פערשטעה זיך אויף אַזעלכע זאַ־כען בעסער פון דיר. זי נאַרט זיך אַליין, ווען זי רעדט זיך איין, אַז איהר פאָטער און איהר פאַמיליע און איהרע בעקאַנטע און איהר פאָלק זענען אַלע פערגעסען שוין און זיי געהען זי גאָרנישט מעהר אָן — אָבער עס וועט קומען אַ צייט...״

יעצט בעוועגען זיך די בוימער מעכטיג און דערצעהלען, ווי דאָס יונגע מיידעל איז געקומען איינמאָל אין פאַרק אַריין, גליקליך און צו־פרידען, דען אין דעם דאָזיגען טאָג האָט זי אַוועקגעוואָרפען פון זיך, ווי מען וואַרפט אַוועק אַ פּאָר אַלטע אָבגעטראָגענע שיך, איהר פאָטער און איהר פאַמיליע און איהרע בעקאַנטע און איהר פאָלק און האָט שוין יעצט אַ נייעם פאָטער און אַ נייע פאַמיליע, נייע בעקאַנטע און אַ ניי פאָלק. ענדליך האָט זי קיין מגע־ומשא נישט מעהר מיט אָט יענעם האַרט־האַרציגען פאָלק, וואָס זיינע הענד טריפען פון בלוט פון זיינע אייגענע קינדער, אויפגעהערט האָט דאָס פאָלק, אויפגעהערט האָט דער שאַנד־צייכען אויף איהר שטערען, אַז זי אַליין האָט זיך אַמאָל וואָס אָנגעהערט מיט דעם דאָזיגען פאָלק!...

די אַלטע סאָסנע בויגט זיך יעצט צו צום יונגען בעראָזעווען בוימעל און דערלאַנגט איהם אַ זאָג: „זי האָט אַ טעות, מיין קינד, זי האָט אַ טעות! זי נאַרט זיך אַליין — דען קומען וועט אַמאָל אַ טאָג...״

שטיל. — די בוימער צעשאָקלען זיך פּלוצלינג און שטעקען צו־

נויף די קעפּ, און זיי דערצעהלען זיך פון דער יונגער גרעפין מיט די בלויע אויגען און די גאָלדענע לאָקען און ווי זי וואוינט יעצט אינ'ם פּאַלאַץ דאָ אַנטקעגען; און דאַן דערצעהלען זיי, ווי עס גלאַנצט דער פּאַלאַץ פון פרייד און לוסט, פון בעלער און סוּארעען, פון שפּיעל און געזאַנג; און דאַן דערצעהלען זיי פון פירשטען און גראַפען, וועלכע בעזוכען דעם פּאַלאַץ, און ווי עס זאָגט אַמאָל איין אַדעל-דאַמע צו דער צווייטער: קוקט זיך נאָר-צו צו דער דאָזיגער „זשידובקא!" און דאַן ווידער דערצעהלען זיי, ווי דאָס פּנים פון דער יונגער גרעפין שטראַהלט אייביג פון גליק און צופרידענהייט, און ווי זי שפּרינגט און טאַנצט פּאַר לויטער נחת, און ווי קיינמאָל שוין קומט איהר נישט מעהר אין זין אַריין די עראינערונג אָן פריהערע צייטען...

די אַלטע סאָסנע וויל עס נישט גלויבען. זי זאָגט: דאָס יונגע מענשל נאַרט זיך נאָר, זי נאַרט זיך אַליין, ווייל זי וויל פּערטוי-בען דעם שטורם אין איהר אייגען האַרץ, און אפשר ווייס זי אַליין נישט, ווי זעהר זי גאַרט און ציהט זיך צו איהר טאַטען, וועלכער, אמת, איז אַ בלוט-זויגער, אַ פּראָצענטניק, און וועלכער איז פאָרט אַזוי ליעב און פול נשמה ווי קיין צווייטער...

דאַן צעשאָקלען זיך די בוימער און דערצעהלען, ווי זיי האָבען געזעהן איינמאָל די בלאָנדע גרעפין, צוריקקומענדיג פון שטאָדט, פון אַ בעזוך ביי אַ יודען, וועלכער וואוינט אינ'ם פּיערעקעדיגען מאַרק, אַנטקעגען דער „שוויענטאַ-אַננאַ", און דאַן האָט איהר גאַנץ פּנים גע-פלאַמט און עס האָט געקאָכט אין איהר און געזידט. דאָ האָט זי מיט אַ פּירכטערליכער שטימע זיך אויסגערופען: איך האָב פּערבויגען מיין שטאָלץ און בין צו איהם אַהיימגעגאַנגען, און האָב איהם נישט געוואָלט פרעמד זיין; דאָ האָט ע ר זיך גאָר דערדרייסט און האָט מיך פון זיין שוועל אַוועקגעיאָגט, ווי מען יאָגט אַוועק אַ משוגע'נעם הונד, און די טהיר האָט ער הינטער זיך צוגעהאקט, אַזוי אַז איך שווער היינט פונ'ם גאַנצען האַרצען: פרעמד וועל איך איהם זיין פון היינט אָן און פרעמד צו אַלע מענשען, וועלכע זענען מיר אַמאָל נאָהנט געווען; פון קיינעם נישט וועל איך וועלען וויסען און קיינעם נישט וועל איך מעהר וועלען קענען, און ווען עס וועט קומען דער טאָג, און ע ר וועט קומען און וועט ליעגען פאַר מיר אויף די קניהען און וועט זיך בעטען, איך זאָל איהם אויס-

הערצן, — איך שווער, איך שווער ביי גאָט, אַז איך וועל איהם נישט מעהר קענען און וועל נישט מעהר וויסען פון איהם !...

און די אַלטע סאָסנע בויגט זיך גיך־צו צו אַ הויכען טענענבוים לינקס און דערלאַנגט איהם אַ זאָג: וויסטו פון וועמען מען רעדט דאָס אזוי ? פון אַ טאַטען רעדט מען דאָס אַזוי, פון אַ טאַטען, פון אַ טאַטען! זי איז נאָך יונג און מיינט מסתּם עהרליך דאָס, וואָס זי שווערט, און אפשר וועט זי די שבועה אויך האַלטען. אָבער גלויב נאָר נישט, אַז עס געהט איהר אַרויס פון דער טיעפּעניש פון איהר האַרץ ! ניין, מיין קינד, ניין! זי נאַרט זיך אַליין און זי ווייסט אפשר גאָרנישט, אַז זי נאַרט זיך; זי מיינט, אַז זי איז גליקליך, און זי ווייסט נישט דאָס בייז, וואָס שטעהט איהר פאָר, און אַז קומען וועט אַ צייט, וואָס איהר האַרץ וועט זיך איהר רייסען אויף טויזענד שטיקער — אָבער די צייט וועט קומען... די צייט וועט קומען...

און דאַן דערצעהלען זיך די בוימער, איינער דעם אַנדערען, ווי די יונגע פרוי מיט דעם גראַף זענען אַוועק פון פּאַלאַץ און האָבען זיך נישט אומגעקעהרט צום פּאַרק חדשים און יאָהרען, דען זיי זענען געפאָהרען אין די ווייטע מדינות, אין די פרעמדע לענדער, און האָבען געוואוינט לאַנגע יאָהרען אין איטאַליען און גריכענלאַנד, אין פראַנקרייך און שפּאַניען, און אויך אין מצרים און אין די ווייטע לענדער פון אַפריקאַ.

און דאַן איז דער מאַן מיט דער פרוי צוריקגעקומען, און די בוי־מער דערצעהלען, ווי לוסטיג און פרעהליך די מענשען זענען געוועזען, און ווי די פרוי האָט אַלעמאָל אַזוי מאָדנע הויך געלאַכט, און האָט קיינמאָל מעהר זיך נישט דערמאָהנט אין די צייטען פון פריהער, און נאָר טיילמאָל פלעגט זי זאָגען, אַז עס איז פאַרהאַנען עפּעס אַ פאָלק, דאָס פאָלק פון די יודען, און זי האָט עס אַזוי פיינד, אַזוי פיינד !...

— אַ שלעכטע פרוי! אַ קאָקעטקאַ! האָבען די בוימער אָבגעפּסק׳ענט און האָבען צוגעשאָקעלט...

— שטיל ! שטיל !

פונ׳ם פּאַלאַץ שטייגען־אויף טענער פון מוזיק, עס הערט זיך שפּיעל און געזאַנג, טאַנץ און לאַכען, און די לוסטיגקייט בליצט אַרויס פון די הויכע גרויסע פענסטער — און די בוימער הערען עס...

דער ווינט טרעט־אָב פון די צווייגען, ער פערלאָזט דעם פּאַרק,

די בלעטער ווערען רוהיג, די צווייגען הערען אויף זיך צווייגן, און דער פּאַרק ווערט שטיל אַרום און עס הערט זיך נישט מעהר קיין רעדען — עס שווייגען די בוימער.

און אין מיטען פּאַרק שטעהט די אַלטע פערצוויגטע סאָסנע, גע־ביקט און איינגעבויגען, און איז אַזוי טרויעריג, אַזוי טרויעריג...

*

יענער טאָג, דער צווייטער שבועות־טאָג, וועלכער האָט גאָרנישט געוואָלט ענדיגען זיך, געהט ענדליך צו ענד.

אין די גאַסען רוישט דאָס פאָלק, לוסטיג און פרעהליך; עס קנאַ־טערן נאָך אַלץ די זיידענע, אַטלאַסענע קליידער, עס פלאַטערן נאָך אַלץ די בענדער און די סטענגעס פון די קעפּ, און מען געהט אויפגערוימט און פול פערגניגען. מען געהט דורך די לאַנגע שוהל־גאַס, מען לאָזט זיך אין דעם פיער־עקעדיגען מאַרק אַריין, מען שפּאַצירט אין די אַלע־ען, און פון דאָרט ווידער צוריק.

א יי נ ע ר נאָר געהט פון דאָרט נישט צוריק. ער געהט אַלץ ווי־טער און ווייטער די אַלעען אַראָב, איינער אַליין וואַנדערט ער דורך די אַלעען.

„מיט וואָס פאַר אַ כישוף? — פרעגט ער זיך ווידער און ווידער — מיט וואָס האָט ער זי גענומען? מיט וואָס? מיט וואָס? —"

און אויך יעצט שטורמען טויזענד געדאַנקען און עראינערונגען דורך זיין האַרץ, און אַלץ, וואָס עס האָט זיך אָבגעטהון זינט דעם טויט פון זיין ווייב ביז צום טאָג ווי אסתר איז אַוועק פון איהם, שטעהט יעצט ווידער לעבעדיג פאַר זיינע אויגען; און אויך יעצט געדענקט ער, ווי ער איז אויף דער ערד געזעסען, פונקט ווי אנ'אבל, און ער האָט זיך צוגעשוואוירען, אַז ער וועט קיינמאָל נישט געדענקען מעהר אין איהר און זי וועט איהם זיין ווי אַ געשטאָרבענע; אויך יעצט געדענקט ער יענעם טאָג, ווי זי איז צו איהם אַהיימגעקומען און האָט איהם גערופען: „טאַטע!", און ווי ער איז גאָרנישט קיין טאַטע געוועזען און האָט זי פון זיין שוועל אַוועקגעיאָגט. — ווער וועט איהם גלויבען, וואָס ער האָט אין יענעם טאָג געליטען און געטראָגען? ווער וועט וויסען, וואָס מיט

איהם האָט זיך אָבגעטהון אין יענער נאַכט, ווי ער איז פּלוצלינג גרוי געוואָרען? אפשר נאָר איין גאָט וועט עס וויסען...

האָט אָבער נישט דער דאָזיגער גאָט געבאָטען און געזאָגט: „ווי אַ טאַטע דערבאַרימט זיך אויף זיינע קינדער"? מוז דען אַ טאַטע זיך נישט דערבאַרימען צו יעדער צייט אויף זיין קינד?

און ער?! האָט ער זיך דען נישט דערבאַרימט אויף איהר, ווי אַ טאַטע דערבאַרימט זיך אויף זיינע קינדער?

ער געדענקט יעצט, ווי ער האָט זיך די הויט פון'ם לייב געריסען אין יענעם שרעקליכען, פינסטערען טאָג און לאַנג איז ער אַרומגעגאַנגען די טעג ווי אין אַ חלום און די נעכט איז ער נישט געשלאָפען; און דאַן געדענקט ער, ווי עס זענען איהם טעג אָנגעקומען, וואָס ער וואָלט זיין לעבען אַוועקגעגעבען, ווען ער וואָלט זי געקענט אַ מינוט נאָר זעהן. — און ווידער דאַן, געדענקט ער, זענען טעג געווען, וואָס זיין האַרץ איז געוואָרען ווי אַ שטיין, און דאַן האָט ער זיך צוגעשוואוירען, אַז ער וועט זי קיינמאָל מעהר נישט אָנקוקען. אַלע יסורים פון חבוט-הקבר, אַלע ליידען פון די שבעה מדורי-גיהנום איז ער אָבגעקומען!

דריי, פיער יאָהר זענען אַזוי אַוועק: פינסטערע יאָהרען, ביטערע יאָהרען, טעג פון שמערץ און נעכט פון הערצענס-ליידען. אָפט אין יענע טעג האָט ער געמיינט, אַז לעבען וועט ער נישט, ווען ער וועט זי נישט כאָטש איינמאָל זעהן; און דאָ איז איהם אָנגעקומען די נאַכריכט, אַז זי איז וויט אַוועק אין די וויַיטע מדינות, אין די פרעמדע לענדער, אין איטאַליען און גריכענלאַנד, אין פראַנקרייך און שפּאַניען און אויך אין מצרים און אין די וויַיטע לענדער פון אַפריקאַ.

האָט זי געמוזט אַזוי וויט זיך בעהאַלטען פאַר איהם? איז זי דאָס וועגען איהם אַזוי וויט אַוועק און אַזש ביז צו די הרי-חושך אַנטלאָפען פאַר איהם? —

דאָ האָט זיין האַרץ ווילד אין איהם געשטורעמט, און די רוה איז פון איהם אויף אייביג אַוועק.—ניין! ניין! פון יעצט אָן וויל ער זי מעהר נישט זעהן און אויך געדענקען וועט ער זי מעהר נישט! — אַזוי האָט ער זיך צוגעשוואוירען, און ער האָט זיך בעמיהט זיין שבועה עהרליך צו האַלטען.

און ווירקליך זענען דענסטמאָל אַוועק טעג און וואָכען, און ער

האָט מעהר דעם וואונש נישט געהאַט זי צו זעהן און אויך זיין האַרץ איז רוהיגער געוואָרען טויזענדמאָל מעהר ווי פריהער.

דאָ איז געקומען דער דאָזיגער פינסטערער טאָג, דער צווייטער טאָג שבועות.

זיין האַרץ שטורעמט ווילד און ער ווייסט נישט מעהר, ווי עס איז געשעהן. ער ווייסט נאָר, אַז ווען דער שמש האָט אין דער פריה אָרויסגעזאָגט דאָס וואָרט „יזכור!", דאָ האָט ער אָנגעהויבען פּלוצלינג זי צו געדענקען, ווי מען געדענקט אַ טויטען, און ער האָט זי מזכיר געווען צוזאַמען מיט אַלע איבריגע נשמות פון די געשטאָרבענע. — איז זי דען פאַר איהם נישט קיין געשטאָרבענע? איז זי דען נישט געשטאָרבען פאַר זיינעטוועגען זינט יאָהרען?...

און דאָ האָט איהם פּלוצלינג אָנגעכאַפּט אַ תאוה, גרויס און געוואַלדיג, זי צו זעהן און צו הערען, און עס האָט איהם געצויגען ווי מיט צוואַנגען, און זיין נשמה האָט זיך געשטרעקט צו איהר און האָט איהם געשלעפּט ווי נאָך קיינמאָל נישט ביז יעצט. — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

טריט פון פערד האָבען זיך פּלוצלינג געלאָזט הערען. ר' שמואל מרדכי האָט אויפגעהויבען די אויגען און האָט זיך אומגעקוקט.

פון דער ענגלישער גאַס האָבען זיך בעוויזען צוויי רייטער אויף די פערד, רייטענדיג אין גאַלאָפּ. אויף איין פערד איז געזעסען איינער, אַ בּרייט-בּרוסטיגער, מיט אַ פּערריסענעם קאָפּ, און אויף דעם צווייטען איז געריטען אַ דאַמע, אָנגעטהון אין אַ לאַנגער אַמאַזאָנקע, מיט אַ רייט-בייטשעל אין האַנד.

אַ מינוט לאַנג האָבען די רייטער געלאָזט די פערד געהן טריט. די דאַמע האָט זיך געדריקט איהר מאַנאָקל אין אויג אַריין און האָט זיך אומגעקוקט. זי האָט דערזעהן דעם אַלטען איד און איז רויט געוואָרען. באַלד האָט זי אָנגעדריקט די שפּאָרען אינ'ם בויך פונ'ם פערד און האָט זיך אין גאַלאָפּ אַ לאָז געטהון, און דער רייטער באַלד איהר נאָך, און אַזוי זענען זיי פאַרביי דעם אָרט, וואו דער איד איז געשטאַנען, און די דאַמע האָט איהם אָנגעקוקט פון דער זייט. דאַן זענען זיי אַוועק ביידע אין גאַלאָפּ אין פּאַרק אַריין.

אויך ר' שמואל מרדכי האָט די ביידע רייטער דערקענט, און ער

האָט זיך געמוזט שטיצען אָן אַ בוים, אַז ער זאָל נישט אומפאַלען; זיינע ליפּען אָבער האָבען געמורמעלט: אָט דאָס איז דער גראַף און דאָס די גרעפין...

„ניין! ניין! לענגער האַלט איך עס נישט אויס, לענגער קען איך נישט וואַרטען! איך מוז זי זעהן, איך מוז!...”

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דער פּאַלאַץ אין פּאַרק איז העל בעלויכטען, און אינ'ם רויטען זאַל זיצען די געסט ביים טהע.

גראַף סטאַנקיעוויטש קרייזעלט זיך די וואָנסע און זאָגט: — וועגען אידען ווילט איהר מיר זאָגען? דאַכט זיך, איך קען זיי אַביסעל בעסער פאַר אייך. נישטאָ צווישען זיי נישט איינער קיין רעכטער! און דאָס, וואָס איהר רעדט דאָ מכּוח גלייכע רעכט, אַז ווען מען וועט זיי געבען די דאָזיגע גלייכע רעכט, וועלען זיי ווערען בעסערע מענשען, האָב איך שוין לענגסט בעוויזען. —

— איך וויים, איך וויים — האָט גראַף זאַוואָדניצין געמאַכט, און איז זיך לייכט אַריבערגעפאָהרען מיט די האַנד איבער'ן שטערען — איך האָב דאָס מיינינע שוין לאַנג געזאָגט: אידען זענען נישט אַזוי פיעל שולדיג ווי זינדיג! איך בין נאַטירליך ווייט דערפון צו זאָגען, אַז אַלע זענען זיי לויטער גוטע און רעכטשאַפענע, אומגעקעהרט, און נאָר דאָס וויל איך זאָגען: וועט מען זיי געבען רעכט, און וועלען זיי האָבען די מעגליכקייט צו זיין מענשען מיט מענשען גלייך, דאַן בין איך זיכער, אַז אויך זיי וועלען ווערען פיעל בעסערע מענשען.

— רעכט אַזוי, רעכט אַזוי — האָט גראַף שטשעגולסקי מיטגערעדט, נישט רעכט צו וויסען, פון וואָס די רעדע איז, דען ער איז געזעסען אין אַ זייט מיט עפּעס אַנ'אדעלמאַן און האָט גראָד גערעדט וועגען אַ יאַגד-פּאַרטיע אויפ'ן מאָרגעדיגען טאָג.

די הויז-ווירטהין, די גרעפין מיט די בלויע אויגען און די גאָלדענע לאָקען, איז אויפגעשטאַנען, האָט פערדרויכערט אַ פּאַפּיראָס און האָט געזאָגט:

— אידען?! יעדענפאַלס מוז איך זיי קענען אַ רעכט ביסעל בעסער פאַר אייך אַלעמען, און איך זאָג אייך, אַז דאָס איז אַ פאָלק פון לויטער פערברעכער, מערדער, בלוטזויגער, פּראָצענטניקעס און האַלז-אָב-

שניידער! דאָס זאָג איך אייך און וויל מיך גאָרנישט שעמען, אַז איך אַליין בין אַמאָל געווען אַ טאָכטער פונ׳ם דאָזיגען פאָלק... פאַרדאַן! איך הער עפּעס שטימען אים הויף און די הינט האָבען זיך פונאַנדערגעבילט...

די טהיר האָט זיך געעפענט און אַ דיענער איז אַריין.

— גנעדיגסטע גרעפין! עפּעס אַן׳אַלטער מאַן שטעהט אין הויף און וויל נישט אָבטרעטען, ביז ער וועט נישט האָבען געזעהן די גנעדיגסטע גרעפין. איך, זאָגט ער...

די גרעפין האָט דעם רעשט נישט מעהר געהערט, און איז שרעקליך בלאַס געוואָרען. מיט האַסטיגע טריט איז זי געגאַנגען אַרויף און אַראָב, שטאַרק פערטראַכט, ווי זי וואָלט זוכען אַן׳עצה. פּלוצלינג האָט זי זיך אָבגעשטעלט און האָט געהייסען דעם דיענער. ער זאָל דעם אַלטען מאַן אַריינפיהרען.

אַ מינוט שפּעטער האָט זיך ר׳ שמואל מרדכי בעוויזען אויף דער שוועל.

די גרעפין האָט זיך אויפגעשטעלט, הויך און שטאָלץ און דעם מאַנטל האָט זי געדריקט זיך אין אויג אַריין.

— וואָס ווילט איהר, אַלטער? — מיר ברויכען היינט קיין געלד נישט און קיין אַנלייהען און מיר האָבען מיט אידען קיין שום געשעפטען נישט...

דער אַלטער איז אַנידערגעפאַלען ווי געטראָפען פון שלאַג.

די גרעפין האָט אַ וואונק געגעבען און די דיענער האָבען איהם אַרויסגעטראָגען. — דאַן האָט די גרעפין פון איהרע געסט אָבשיעד גענומען, זאָגענדיג, אַז זי האָט קאָפּ-שמערצען, און איז אַריין אין איהר צימער. זי האָט זיך אָבער נישט אויסגעטהון און איז געבליבען די גאַנצע נאַכט זיצען אין איהר פאָטעל, דאָס פּנים פערגראָבען אין ביידע הענד. די ליכט אינ׳ם צימער האָבען געפלאַקערט אונהיימליך, ווי די ליכט אין אַ צימער ביי אַ טויטען...

— צו שפּעט, צו שפּעט, און וואָס געשעהן איז, קען נישט מעהר געמאַכט ווערען אומגעשעהן! אוי גאָט, מיין גאָט, ווי שווער איז די מאַסקע אויף מיין פּנים און ווי טיעף אומגליקליך בין איך!...

דעם טאָג דערויף זענען עטליכע דאָקטוירים געזעסען אין אַ הויז אינ׳ם פּיער-עקעדיגען מאַרק אַנטקעגען דער „שווענטאַ-אַננאַ״ און האָבען

זיך בעמיהט צו היילען אַ מענשען, וועלכען דער שלאַג האָט געטראָפען. עס איז אָבער שווער צו היילען אַ מענשען, וועלכער האָט אין זיין לע־בען אַזוי פיעל געליטען...

אין יענעם טאָג איז דער גראַף שטשעגולסקי נישט מעהר געגאַנ־גען מיט דעם יונגען אַדעלמאַן אויף יאַגד, ווי זיי האָבען אָבגערעדט נעכטען, דען באַלד פריה האָט די גרעפין געהייסען פאַקען די זאַכען, און נאָך אַ שטונדען־לאַנגער אונטעררעדונג מיט׳ן גראַף האָבען ביידע נאָך איג׳ם זעלביגען טאָג פערלאָזט די שטאָדט און דאָס לאַנד, און זע־נען אַוועק אין די ווייטסטע געגענדען אין אפריקא.

און צום פּאַרק און אין פּאַלאַץ אַריין זענען זיי קיינמאָל מעהר נישט צוריקגעקומען. דער גראַף האָט זעהר ליעב די לייבען־יאַגד, און אויך זיין פרוי, די גרעפין, שוינט זיך נישט, און זי קעמפט אָפט געגען טיגערען און געגען די ווילדסטע חיות, ווי אַ מענש, וועלכען דאָס לע־בען איז לעסטיג. איינמאָל, ווען גראַף זאַוואָדניצין איז פון זיינע רייזען אַהיימגעקומען, האָט ער פאַרבייגעהענדיג דערצעהלט, אַז די גרעפין האָט אַמאָל דעם פערזוך געמאַכט, זיך צו דערשיסען, דען זי ליידט פון אַ מרה־שחורה...

*

דאָס איז די מעשה, וועלכע איך האָב אייך היינט געוואָלט דער־צעהלען פון אַ הזכרה, וואָס מען האָט געמאַכט אַ לעבעדיגער, וועלכע מען רעכענט פאַר אַ טויטע.

אַ פערלוירענע נשמה — און אויך איך האָב זי געוואָלט נאָר מזכיר זיין.

# אַ כהן אויפ'ן בית-הקברות

א בלייכער און אַנ'אומעטיגער שטעהט ער מיר היינט, ווי לעבעדיג, פאַר די אויגען.

אַמאָל האָט ער געהייסען דוד יעקב קאָהן און היינט רופט מען איהם פרידריך יאַקאָבי קאָנראַד באָניפּיציוס. מען פלעגט אַפילו תמיד זאָגען, אַז דאָס משנה-השם זיין איז אַ סגולה פאַר קראַנקע מענשען געהיילט און געגעזען צו ווערען, אָבער דעם דאָזיגען מענש האָט די ענדערונג פונ'ם נאָמען דערשלאָגען און ערנידריגט צום טויט...

ווי אויסטערליש און פרעמד איז די לעבענס-געשיכטע פון דעם דאָזיגען מענש! אַמאָל פלעגט דוד יעקב זיצען גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט אין בית-מדרש, פון שטענדיג אָן בלאַס און אומעטיג, און האָט נישט געוואוסט גאָרנישט, וואָס עס טהוט זיך מיט איהם. זיינע מלמדים האָבען אויף איהם תמיד געזאָגט, אַז ער האָט נישט קיין בעזונדערע פעהיגקייטען און ער וועט קיין רב און קיין תלמיד-חכם קיינמאָל נישט זיין — אָבער דאָס האָט איהם נישט געאַהרט און ער האָט דאָס צום האַרצען זיך נישט גענומען. ער איז געווען אַ מתמיד, פון יענע מתמידים, וואָס זיצען און רופען תמיד צו גאָט, ווייל זיי הערען קיינמאָל נישט גאָט'ס וואָרט, וואָס רופט צו זיי. און ווען די קעכינס און די דיענסטען, וואָס קומען אַלע טאָג צום דַיין מיט שאלות, פלעגען אויף איהם קוקענדיג זאָגען, אַז זיינע גאָלדענע האָר זענען זעהר שעהן און זיינע געקרייזעלטע פאות זענען עהנליך צו דעם געפלעכט אויף די חלות און זיין געשטאַלט איז אַזוי שלאַנק ווי אַ לולב — האָט ער אויך דערויף קיין אַכט נישט געלעגט און האָט ווייטער געלערענט מיט התמדה, ווי פריהער. די פאות פלעגט ער שטענדיג קרייזלען אַזוי שטאַרק, אַז ער פלעגט אַזש די האָר אויספליקען און דעם רוקען האָט ער געבויגען אַזוי לאַנג, ביז ער האָט אַ הויקער געקריגען. פון זיינע לויטערע און קלאָרע אוי-

געגן האָט אַרויסגעקוקט אַ הכנעהדיג געמיט און אַ זעלישער אומעט — און ער האָט אויך דערפון „נישט געוואוסט. זעלטען־ווען האָט ער דאָס מויל געעפענט, און האָט ער שוין יאָ גערעדט, זענען עס געווען גע־צעהלטע ווערטער, אויסגעצערטעלטע, פוילע און אָבגעשראָקענע. שטענ־דיג איז ער געווען מיעד און מאַט, אָבגעלאָזען און שלאַבעריג, און אויף זיין געזיכט איז געווען אויסגעגאָסען אַנ'אייביגע רוה, וואָס איז אויף קיין ווילע נישט אָבגעטרעטען.

נאָר ווען די לבנה פלעגט העל אויפלייכטען אין אַ וואָלקענלאָזער נאַכט, דאַן האָט דוד יעקב געפיהלט, אַז זיין נשמה אין איהם יובעלט און פרעהט זיך און זיין האַרץ איז פול מיט פערלאַנגען איבער די ברעגעס; אָדער ווען ער פלעגט פערנעהמען אינדערפריה דאָס געצוויטשער פון אַ פייגעלע צווישען די צווייגען פון אַ בוים אָדער אין אַ ווינקעל פון אַ דאַך, צי ווען אַ ווינטעל פלעגט אויף איהם אַ בלאָז טהון מיט'ן דופט פון די רויזען, וואָס וואַקסען אין גאָרטען, און ווי מיט אַ געפליס־טער פון אַ הייליגען סוד פער'שיכור'ן און פערכאַפּען אַלע קעמערלעך פון זיין נשמה — דאַן פלעגט ער אַ ווילע אויפציטערען פון פרייד און טרעהרען פלעגען פליסען פון זיינע אויגען — אָבער ער האָט נישט פערשטאַנען זיין אייגען געוויין און נישט געוואוסט, אַז אַזעלכעס רופען אָן געבילדעטע מענשען „סענטימענטאַליטעט" אָדער „שווערמעריי". דען אין זיין קליינעם שטעדטעל איז קיין מענש נישט געווען, וואָס איז אימ־שטאַנד דאָס אַלעס צו פערשטעהן אַליין און אויך איהם צו פערשטעהן געבען און אויפקלערען. און אַז עס פלעגט זיך עפענען דער קוואַל פון זיינע טרעהרען אויף אַנ'אויגענבליק, האָבען אַלע אַרומיגע בית־מדרש־בחורים בלויז פערשטאַנען, אַז דעם יונגעל פרעסט עפּעס אַ וועהטאָג, און האַסקעל דער זדונסקאַ־וואָליער, וואָס האָט „אַלעס געוואוסט", האָט דאָס אויסגעטייטשט, אַז מסתמא טהוט איהם וועה אַ צאָהן, נאָר ער איז אַ בטלן און האָט בטבע נישט קיין געדולד אַריבערצוטראָגען אַ וועהטאָג, דערנאָך פלעגען זיי אַ ווילע שטיל ווערען און דאַן זיך נעהמען וויטער לערנען.

וואָס איז דאָ נאָך פאַרהאַן צו דערצעהלען וועגען אַזאַ מין מענש? אָבער דאָס לעבען איז דאָך וואונדערליך און מיר קאָנען עס גאָרנישט בעגרייפען.

עס מעג זיך אַ מענש ווי אויסבעהאַלטען פאַר דער נאַטור, זי וועט איהם שטענדיג געפינען און מיט געוואַלד אַוועקפיהרען דאָרט אַהין, וואו זי האָט איהם בעשטימט. עס פּאַסירט, אַז אין גאָרטען געהט אויף אַ געוויקס פון דער ערד און עס איז אונפּרוכטבאַר אַזוי לאַנג, ביז עס קומט דער ווינד און טראָגט-אָן אַ ביסעלע שטויב פון אַ עהנליך געוויקס, וואָס וואַקסט ערגעץ-וואו אויף יענער זייט אָקעאַן אין אַמעריקא — ווער האָט עס געוויזען אַ וועג דעם ווינד צו ברענגען דעם דאָזיגען געוויקס זיין פּאָר פון וויטע לענדער אין יענעם עק וועלט? און דעם גייסט ווער האָט געוויזען דעם וועג, ווי אַריינצודרינגען אין אַ שלאַבעריג און אַפּאַטיש יונגעל און קומען צו דוד יעקב'ן אין האַרצען און איהם וועקען צו אויפלעבונג! אַ קליין ביכעלע האָט דאָס יונגעל געפונען, און איז דאַדורך אַראָבגעפיהרט געוואָרען פון זיין פריהערדיגען וועג, דען ער האָט געלעזען אין דעם ביכעל פיעל וואונדערליכע און געהיימניספולע זאַכען, וואָס ער האָט זיי שטענדיג געפיהלט און נישט געקאָנט אָנרופען ביים נאָמען, און פלוצלינג האָבען די אַלע אויסטערלישע און אונפערשטענדליכע זאַכען אויפגעלעבט אין איהם און בעקומען אַ געשטאַלט און אַ זין. דאָס דאָזיגע קליינע ביכעלע האָט געהייסען „שירי בת ציון".

און פון יענעם טאָג אָן איז איהם דאָס ביכעלע אַ נביא געוואָרען; וואָס דוד יעקב האָט געטראַכט, האָט איהם דאָס ביכעל אָבגעענטפערט מיט אַנ'עכאָ טיעף אין האַרצען; און וואָס ער האָט געטרוימט און פאַנטאַזירט, האָט ער אַלץ געפונען דייטליך געשריבען מיט שוואַרצען טינט אין דעם דאָזיגען ביכעלע; און איז איהם עפּעס אין זיינע געדאַנקען און טרוימען געווען אונפערשטענדליך, איז איהם דאָס ביכעלע אַנ'אורים-ותומים געווען, ביי וועלכען ער האָט געפרעגט און געפונען אַ בעשייד פאַר זיינע האָפנונגען און איבערלעבונגען. דערפאַר האָט ער טאַקי דאָס ביכעל תמיד געהאַלטען פאַר זיך סיי אויף דער וואָהר און סיי אין חלום.

דאַן איז פלוצלינג ביי איהם אין האַרצען אַנ'איבערקעהרעניש פאָרגעקומען און ער האָט נישט געוואוסט, וואָס אַזוינס מיט איהם געשעהט. — וואָס איז דאָס אַזעלכעס „ליעבע"? און ווער קאָן איהם גאַראַנטירען, אַז ער איז נישט „פערליעבט"?...

דוד פרישמאַן, פאָרטרעט פון ל. פאַסטערנאַק

„דאָס טהוט דאָך די ליעבע איהר וואונדערווערק שאַפען;
זי האָט אויך דעם ערדישען מענשען
אַ גייסט און אַ זעלע געגעבען,
און הימעלס-גענוס איהם אויף דער וועלט געשאָנקען".

וואָס איז עס אַזוינס די דאָזיגע ליעבע, „וואָס קאָן שאַפען וואונדער"? איז נישט אויך ער אימשטאַנד דאָס דאָזיגע וואונדער מיט-צומאַכען? און צי וועט זי אויך איהם געבען הימעלס-גענוס אויף דער וועלט? און וואו איז די פערזאָן, וואָס ער זאָל וועגען איהר קענען דענקען, אַז ער האָט זי ליעב אָדער זי ליעבט איהם? ער האָט, אמת, גערעדט אַ צוויי דריי מאָל מיט מלכה דעם שוחט'ס, אָבער ער האָט אין איהרע רייד נישט געזעהן „די וואונדער פון דער ליעבע", און אויך האָט איהם דאָס מיידעל קיין „הימעלס - גענוס אויף דער וועלט" נישט געגעבען, נאָר זי האָט איהם בלויז דערלאַנגט ברויט מיט פוטער און קעז אויף אַ הילצערנער טאַץ, ווען עס איז איהם אויסגעקומען צו עסען דעם „טאָג" ביי זיי און ער האָט דאָרט געפרישטיקט — און וואָס האָט ער מיט איהר נאָך פאַר אַ געשעפטען? און אַזוי טראַכ-טענדיג וועגען איהר, האָט ער זיך אויך דערמאָהנט אָן רבקה דעם חזנ'ס און האָט געוואוסט, אַז אויך זי איז נישט די אויסדערוועהלטע פון זיין האַרץ, דען „קיין גייסט און זעלע האָט זי אין איהם נישט געשאַפען". אַזוי האָט ער אויסגערעכנט אַלע מיידלעך, וואָס ער האָט געקענט, און האָט נישט געוואוסט, ביי וועלכער פון זיי זיך אָבצושטעלען. בלויז איינע איז נאָך געבליבען, דאָס איז לאה די יתומה,—דעם דיינ'ס ברודערן-טאָכטער.

דאָס דאָזיגע מיידעל איז געווען אַ רויטע מיט שעהנע אויגען און אַ פלאַמעדיגען טעמפעראַמענט. זי פלעגט געהן מיט אימפעט און געפיל-דער, און אַלע איהרע גלידער האָבען געפלאַקערט מיט אַ שפע פון קרעפ-טען און פערבאָרגענער לוסט, און זי פלעגט פון שטענדיג אָן פעראַכטען און אויסלאַכען אין האַרצען די אַלע ווייכע און אָבגעציטערטע מענשע-לעך, וואָס פויזען אויף דער ערד און צעקוועטשען אפילו נישט קיין

ווערימעל, וואָס קריכט דאָרט. דאָס מיידעל איז געוואַקסען צוזאַמען מיט די בית-מדרש-בחורים און פלעגט זיך בעשעפטיגען מיט באַקען האָניג-לעקעכלעך אין די זומער-טעג און בראָטען קאַרטאָפעל אין די ווינטער-נעכט. זי האָט אויך געקאָנט אָנרופען מיט'ן נאָמען אַלע סוגיות, וואָס די בחורים האָבען געלערנט, און האָט געלעבט מיט אַלע בית-מדרש'-ניקעס בשלום. מעהר פון אַלע האָט זי געהאַלטען פון חאַסקעל דעם זדונסקאַ-וואָליער, ווייל דעם לעצטען ווינטער, ווען זי האָט געבראָטען די קאַרטאָפעל אין פאָדערהויז, האָט דער דאָזיגער בחור פערשטאַנען אָבצו-פאַסען דעם מאָמענט, ווען זי איז געווען איינע אַליין און ער איז אַרויס צו איהר, און אַרומגעהמענדיג זי מיט איין האַנד, האָט ער מיט דער אַנדערער האַנד צוגעכאַפּט ביי איהר אַלע געבראָטענע קאַרטאָפעל און איז אַנטלאָפען געוואָרען. דערפאַר האָט זי אָבער פיינד געהאַט די לבנה מיט איהר ליכטיגער שיין, וואָס האָט זיך בעוויזען גראָד אין דעם אוי-גענבליק, ווען דאָס ליכט איז איהר געווען איבעריג...

אין עטליכע טעג אַרום האָט שוין דוד יעקב געוואוסט, אַז זיין נשמה שמאַכטעט אין איהם פון שטאַרקער ליעבע צו דעם דאָזיגען הימ-לישען מיידעל.

אָבער אַלע זיינע געפיהלען און טרוימען האָט ער בעגראָבען טיעף אין האַרצען און זיי נישט אַרויסגעבראַכט פאַר'ן מויל, און נאָר ווען ער האָט געוואוסט, אַז קיינער זעהט נישט און הערט נישט, האָט ער זיך דערוועגט צוצוגעהן צו דעם מיידעל און אויסרעדען צו איהר אָדער הערען פון איהר אַ צוויי דריי ווערטער; און אַז זי פלעגט נישט אַנט-לויפען פון איהם אָדער זי פלעגט זאָגען צו איהם: „די קאַרטאָפעל זע-נען היינט געשמאַק", „די לעקעכלעך זענען היינטיגס מאָל גוט דורכגע-זאַפּט מיט האָניג" — האָט דער יונגערמאַן געטראַכט, אַז אויך זי האָט איהם ליעב און מ'קאָן איהר די דאָזיגע ליעבע פון די אויגען אַרויס-לייענען; ער האָט דאַן בלויז געבעטען ביי גאָט אַזוי: הלואי זאָל איך זיין אַ קאַרטאָפעל אָדער אַ האָניג-לעקעכל און לאה זאָל מיך האַלטען אין איהר האַנד און בראָטען אָדער באַקען אויפ'ן פייער... אָבער לאה האָט דיינע געפיהלען נישט געקענט און נישט פערשטאַנען, און זי האָט גאָרנישט בעמערקט אַלע זיינע אָנצוהערענישען און הייסע, דורשטיגע בליקען. זי האָט ווייטער געגעסען מיט גרויס הנאה איהרע געבראָטענע

קאַרטאָפּעל און האָניג-לעקעכלעך, און האָט גאָרנישט געוואוסט, אַז זינט דער יונגערמאַן האָט זיך פארליעבט אין איהר, האָט ער דעם אַפּעטיט פארלוירען און קאָן קמעט גאָרנישט עסען.

דוד יעקב האָט דאַן גענומען שרייבען לידער, וועון קיינער האָט נישט געזעהן. ער האָט בעזונגען די לבנה און דעם פריהלינג און די ליעבע און די קאַרטאָפּעל, וואָס לאה טהוט בראָטען און וועלכע זענען צו שטערען געגליכען, און נאָך אַלץ האָט זיך זיין געמיט נישט בערוהיגט.

אָבער די ליעבע עפענט אויך דעם שטומען אַ מויל צום רעדען, און ס'איז דערפאַר קיין וואונדער נישט, אַז אויך דוד יעקב האָט געפו-נען אַ וועג און ווערטער אויסצודריקען זיינע געפיהלען.

די לבנה האָט שווימענדיג שפּאַצירט איבער'ן הימעל און פון פעלד האָט געבלאָזען אַ פריש ווינטעל. דוד יעקב און לאה זענען געשטאַנען אויפ'ן הויף געגענאיבער דער מקוה. דאָס יונגעלשע האַרץ האָט געשטו-רעמט און איז געווען פול איבער די ברעגעס, נאָר די ליפּען זענען ביי איהם געווען פערשלאָסען. אָבער די ליעבע עפענט אויך דעם שטומען דאָס מויל.

— דו ווייסט, לאה, אַז... אַז דער הימעל האָט זיך אויסגעליי-טערט און ס'רעגענט שוין נישט?

— וואָס פאַר אַ נייעס דערצעהלסטו מיר? איך האָב דאָך אויך אויגען, און פון דעם „מולד" אָן האָט זיך דאָס וועטער נישט געענדערט.

דער יונגערמאַן איז געשטאַנען אַ ווילע שטיל און האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבען.

— און אויך די לבנה שפּאַצירט הערליך איבער'ן הימעל...

— אויך דאָס איז נישט קיין נייעס; דערפאַר האָב איך אין מיין צימער היינט אָנגעצונדען נישט מעהר ווי איין ליכט.

— לאַך נישט פון מיר! איך האָב אויך אַזאַ האַרץ ווי דו. און ווען איך הער דאָס פייגעלע זינגען...

— איך לאַך גאָרנישט, און אַז איך הער זינגען, פרעהט זיך אין מיר אויך מיין האַרץ. דעם שבת, ווען מ'האָט געבענשט ראש-חודש, האָב איך געהערט דאַוונען דעם דורכרייזענדען חזן און דיין געזאַנג איז מיר זעהר געפעלען געווען, בעזונדערס זענען מיר געפעלען געוואָרען די יונגלעך, וואָס האָבען איהם אונטערגעהאָלפען. אָבער די אויגען פאַלען

דאָך דיר צו פון שלאָף, נאַרעלע איינער! געה לעג זיך, דוד יעקב!
— אוי, לאה, ווען דו זאָלסט וויסען...

אין דעם אויגענבליק איז אָבער לאה אַנטלאָפען, ווייל זי האָט דערהערט, ווי מ׳רופט זי פון דער שטוב, און דוד יעקב איז געבליבען שטעהן אַליין, פערקוקט אין דער לבנה.

יענע נאַכט האָט דוד יעקב נישט צוגעמאַכט קיין אויג און זיין האַרץ האָט געהוזשעט ווי מיט טויזענד פייפלעך. און אַ שטים האָט אין איהם מעכטיג געהילכט: ליעבע! ליעבע! ליעבע! זי האָט דאָך איהם קלאָר געזאָגט, אַז זי האָט איהם ליעב, אויב זי האָט מיט איהם אַזוי פיעל געשמועסט און האָט איהם ליעבליך אָנגערופען „נאַרעלע" און אויך גע־זאָרגט פאַר איהם, אַז ער זאָל זיך בעצייטענס לעגען שלאָפען און נאָך און נאָך; אמת, ער האָט זיך טאַקע בענאַרישט, וואָס ער האָט איהר גע־נומען דערצעהלען אַ מעשה, אַז די לבנה שפּאַצירט איבער׳ן הימעל, וואָס עס איז אַ זעלבסטפערשטענדליכע זאַך; אָבער עס וועט קומען די צייט, ווען דאָס מיידעל וועט זיך צוגעוועהנען צו זיין שטייגער רעדען און אויפפיהרונג, און דאַן וועט ער פילייכט געהאָלפען ווערען און עס וועט אויפשיינען אַ העל ליכט, וואָס וועט איהם בעלויכטען דעם וועג, אויף וועלכען ס׳איז מיט אַ געטליכע שריפט אויסגעקריצט: ליעבע! ליעבע! ליעבע!

און די צייט איז טאַקי געקומען, דאָס מיידעל האָט זיך צוגעוועהנט צו זיין שטייגער רעדען און אויפפיהרונג און האָט איהם גערופען „נאַרעלע" זיבען מאָל אַ טאָג, אָבער אויף דעם וועג איז נישט געווען אויסגעקריצט מיט געטליכער שריפט: ליעבע! ליעבע! ליעבע! דען אומגליק און פעסט, טויט און פעריתומט׳קייט האָט די דאָזיגע צייט מיטגעבראַכט מיט זיך... ווען ס׳האָבען זיך אָנגעהויבען די היצען, איז אויסגעבראָכען די כאָלירע און האָט אָנגעמאַכט פערוויסטונגען אין דער שטאָדט; עס זענען געשטאָרבען טאַטעס און זיהן, מאַמעס און טעכטער, שנורען און שוויגערס און חתנים פון אונטער דער חופּה. אויך פיעל פון די בית־המדרש־בחורים זענען דענסמאָל געשטאָרבען און צווישען זיי אויך חאַסקעל דער זדונסקא־וואָליער.

און אויך לאה איז געשטאָרבען, לאה די יתומה, דעם דיינ׳ס ברודערן־טאָכטער.

אָבער דוד יעקב איז נישט געשטאָרבען! צי איז נאָך פאַרהאַן רחמנות אין דער נאַטור?... דען זיעבען מאָל ערגער ווי דער געשטאָרבענער איז געווען דעם דאָזיגען לעבען-געבליבענעם! דוד יעקב איז נישט געשטאָרבען, אָבער זיעבען מאָל אַ טאָג האָט ער געבעטען אויפ׳ן טויט, ווייל ער האָט שוין מעהר נישט געקאָנט אַריבערטראָגען די שרעקליכע לאַסט פון זיין לעבען. לאה, זיין געליעבטע, איז שוין נישטאָ! די לבנה וואַשט ביינאַכט איהרע טריט אין זילבערנע קוואַלען, אין גאָרטען בליהט די געאָרגינע אַזוי ווי פריהער, און די רויז שטעהט מיט אַ געהויבענעם קאָפּ און פערשפּרייט איהר דופט פאַר יעדען דורכגעהער, און אלע בלומען צוזאַמען טראָגען-אונטער דעם מענטשען אַ פערשיכור׳-ענדען בעכער פון זייערע ריחות, וואָס פערכאַפּט דעם אָטעם און שטיקט די קעהל און בעקלעמט דאָס האַרץ; טיעף אין וואַלד שטרעקען די ערל-בוימער זייערע ברייטע בלעטער, הינטער וועלכע עס זיצען אַלערליי שפּיעל-פייגעלעך, אויף אַ צווייגעל שטעהט דער נאַכטיגאַל און זינגט אויס זיינע זיסע טרעלען, און דער „רויט-האַלזיגער“ פליהט אַהין און אַהער און פילט אָן די לופט מיט אַ הייליגען געהיימניספולען געפליסטער און די זיעמבעס זאָגען שירה און טשוויטשערען אויף אַ קול... אָבער לאה איז געשטאָרבען, לאה איז שוין נישטאָ, און ער, דוד יעקב, לעבט נאָך און זיינע אויגען זעהען דאָס אַלץ צו! איז דען פאַרהאַן רחמנות אין דער נאַטור? און איז נאָך דאָ אַביסל איינזעהען אין דעם גאַנצען קאָסמאָס אַרום?

אָבער די דאָזיגע געפיהלען זיינע און געדאַנקען האָט ער אויף זיינע ליפּען נישט געבראַכט, און ווער ס׳האָט איהם געזעהן האָט קיין שום ענדערונג אין איהם נישט בעמערקט און נישט געוואוסט, ס׳אַראַ גרויסע איבערקעהרעניש עס קומט פאָר אין זיין האַרץ. ווען לאה האָט נאָך געלעבט, האָט קיינער נישט פערשטאַנען זיין ליעבע און אידעאַל, און אויך נאָך איהר טויט האָט קיין מענש געוואוסט, אַז זי איז בעגראָבען ביי איהם אין האַרצען און נישט פערשטאַנען, וואָס עס קומט פאָר ביי איהם אינווענינ. דען ווי פריהער איז דוד יעקב אויך איצט געזעסען ביים טיש און געלערנט פון זון-אויפגאַנג ביז שפּעט אין דער נאַכט. עס האָט אויך קיינער נישט געוואוסט, אַז ער לייענט השכלה-ספרים, און וואָלט עס עמיץ בעמערקט, וואָלט ער אויך די גאַנצע געשיכטע נישט געקאָנט בעגרייפען.

אָבער די זאָרג פרעסט-אויף דעם מענשען ווי אַ וואָרים און נאָגט-אויס ביי איהם דאָס בלוט פון הארצען. אזוי איז דוד יעקב מיעד גע-וואָרען צו שלעפען די לאַסט פון אַזאַ לעבען. דען זיין שמערץ איז געווען אונגעהויער גרויס. ער האָט זיך מעהר קיין אָרט אין דער שטוב נישט געקאָנט געפינען און עס האָט איהם אַרויסגעטראָגען אין גאַס אַריין צו זוכען אַ רעטונג פון זיין פיין אונטער׳ן פרייען הימעל. עס איז געווען אַ שעהנער טאָג און אַ שטיל זאַנפט ווינטעל האָט געבלאָזען איבער׳ן פוסטען וועלדעל און פערבייגעוועהט איבער די פולע זאַנגען אין דעם קאָרן-פעלד. דוד יעקב האָט זיך צוגעקוקט צו דעם פרעכטיגען בילד און זיין הארץ איז געוואַקסען; עס איז איהם אַ ביסעל לייכטער געוואָרען און ער איז זיך געגאַנגען פאַמעליך איבער די בייטען פון דעם פעלד און די האָר פון קאָפּ זענען איהם געפלויגען אויף אַלע זייטען. אָבער וואוהין געהסטו, מענש, וואָס דיינע וואונדען זענען נאָך נישט פערהיילט געוואָרען? עס קוקט דאָך דיר שוין אַנטקעגען דאָס פעלד, וואָס הייסט ביי אידען דאָס „גוטע אָרט״, אָדער „בית-עלמין״, צי „בית-החיים״... קעהר זיך אום, דו אומגליקליכער! צי האָסטו פער-געסען, אַז דו ביסט אַ כהן? און ווי קומט אַ כהן אויף אַ בית-הקברות?

ווי קומט אַ כהן אויף אַ בית-הקברות? ס׳אַראַ נאַרישע פראַגע! דאָס שענסטע פון זיין לעבען איז דאָרט בעגראָבען געוואָרען, זיין נשמה און זיין הארץ, דען דאָרט איז דער קבר פון זיין לאה! איב׳ם ערשטען מאָמענט האָט ער, אמת, געוואוסט, דער כהן, אַז ער זינדיגט, בעטרע-טענדיג די שוועל פון דעם בית-הקברות, עס איז איהם זאָגאַר איינגע-פאַלען, אַז עס קאָן איהם נאָך עמיץ כאַפּען ביי דער עבירה, ווען ער קניהט אויפ׳ן קבר פון אַ מיידעל, אָבער אין אַ מינוט אַרום האָט ער דאָס אַלעס פערגעסען, און אין אימפּעט פון זיין פערטראָגענהייט האָט ער אַריבערגעשפּרייזט איבער דער שוועל דורך דעם טירעל, וואו די כהנים געהען, און האָט זיך אַ וואָרף געטהון אויפ׳ן קבר פון דעם טוי-טען מיידעל, און פון זיינע אויגען האָט זיך אַ גאָס געטהון אַ קוואַל טרעהרען. עס זענען איהם דאַן געקומען אויפ׳ן זין די ווערטער פונ׳ם דיכטער:

„דען ס׳קאָן דאָך נישט גלויבען קיין מאַן,
קיין געליעבטער,

וועו ס'איז יונג זיין פרוי אָבגעשטאָרבען,
אַז זי וועט מעהר קיינמאָל צום לעבען
נישט אויפשטעהן".

און ער האָט געוויינט אַזוי לאַנג, ביז ס'איז איהם גרינגער געוואָרען און ס'איז איהם אַביסעל אַראָב די שווערע לאַסט פונ'ם האַרצען.
— צי וועט זיין געליעבטע, וואָס איז אַזוי יונג געשטאָרבען, טאַקי קיינמאָל מעהר נישט אויפשטעהן פון קבר?...

און אַזוי פלעגט דער בחור זיך פיהרען אַ לאַנגע צייט.

אין די הײַסע תמוז-נעכט און טאָג-טעגליך, ווען ער האָט געוואוסט, אַז קיין פרעמד אויג וועט איהם נישט בעמערקען, פלעגט ער זיך אין געהיים דורכ'ן פעלד פער'גנב'ענען אויפ'ן בית-עולם אַרויף און דאָרט צופאַלען צום קבר און שטילען זיין בענקשאַפט נאָך דער פערשטאָרבענער.

עס איז אָבער אָנגעקומען אַנ'אומגליקליכער טאָג; דוד יעקב האָט, ווי זיין געוואוינהייט, געקניהט ביי לאה'ס קבר, און אינמיטען דרינען זענען אָנגעקומען אַ הייפעל מענשען, וואָס האָבען געטראָגען אויף די אַקסלען אַ געשטאָרבען קינד. ווען זיי האָבען דערזעהען דעם בחור אויסגעצויגען אויף דר'ערד ביי דעם מיידעלשען קבר, האָבען זיי אויפגעהויבען אַ גרויס געשריי, און ער איז געבליבען שטעהן אינגאַנצען ציטערענד און פערשטומט, אָהן אַ וואָרט פון פערענטפערונג פאַר זיין זינד. די מענשען האָבען זיך דריבער געטראַכט, אַז ער מאַכט זיך גאָרנישט דערפון.

אין שטעדטעל איז געוואָרען אַ רעש און אַ געפילדער, און מויל צו מויל האָט דערצעהלט: אַ כהן אויפ'ן בית-הקברות!

ווער זאָל דען די דאָזיגע מענשען געבען פערשטאַנד צו אונטערשיידען צווישען ריין און אומריין? ווער זאָל זיי דען אויפקלערען דעם זין פון דעם גאַנצען קאַמף, וואָס איז פאָרגעקומען אין האַרצען פון אַנ'אומגליקליכען, שווער-געפלאָגטען יונגענמאַן און זיי געבען צו פערשטעהן, דאָס עס איז נאָך פאַרהאַן אַ וועלט אויסער זייער אייגענער וועלט און עס זענען פאַרהאַן טרוימען און פאַנטאַזיעס, און עס איז דאָ אַזאַ ביכעל ליעדער, וואָס האָט אַזוי געווירקט אויף דעם יונגענמאַן, אַז ער זאָל זיך אָבקעהרען פון זיין פריהערדיגען וועג? ווער זאָל דען זיי געבען אַ

געפיהל אין האַרצען צו שוינען יענעמ׳ס פיין, וואָס פרעסט איהם אין געהיים, ווי אַ וואָרים? זיי האָבען נאָר איינס געוואוסט, אַז מ׳האָט גע-פונען אַ כהן אויפ׳ן בית-הקברות, אַז אַ בחור, וועלכען מ׳האָט תמיד געהאַלטען פאַר אַנ׳אָרענטליכען, איז אַראָב פון דרך-הישר און איז גע-וואָרען אַ בעל-עבירה, און איז איהם נאָך ווייניג געווען צו שענדען די עהרע פון לעבעדיגע מיידלעך, נאָר ער האָט געהאַט צו טהון אויך מיט די געשטאָרבענע! ער איז אַ בעל-תאוה און אַ פערפיהרער!

און אין דער שטאָדט האָט געקאָכט ווי אין אַ קעסעל: איינער האָט עדות געזאָגט, אַז דער בחור איז שוין לאַנג אַראָב פון גלייכען וועג און ער אַליין האָט מיט זיינע אויגען געזעהן זיינע מיאוסע מעשים. אַ צווייטער האָט דאָס אויסגעהערט און צוגעגעבען, אַז ער ווייס אויף געוויס, דאָס דער יונגערמאַן איז שוין אויס מתמיד געוואָרען און איז געפאַנגען געוואָרען דורך די אַפיקורסים און דער טומאה, דער דריטער האָט שוין דערצעהלט, אַז דער בחור האָט אַ מאָל, שוין גאָר לאַנג, גע-וואָלט בעגעהן אַ מיאוסע עבירה, נאָר די ציצות פונ׳ם טלית-קטן האָבען איהם אַ פּאַטש געטהון איבער׳ן פנים און ער האָט זיך פערשעהמט, דער פיערטער האָט איהם אַליין שוין געזעהן אין דער לעצטער וואָך שפּאַ-צירען מיט׳ן גלח אין פעלד, און דער פינפטער האָט איהם געזעהן אין חלום, ווי ער האָט געגעסען טריפות, און דער זעקסטער האָט שוין גע-זעהן, ווי קליינע קינדער שטאַרבען אין שטעדטעל פאַר זיינע זינד.

אַזוי האָט מען דוד יעקב׳ן פערביטערט און פער׳מיאוסט דאָס לעבען. מ׳האָט אויף איהם אויסגערעדט אַלדאָס בייז, און מען האָט איהם פערפאָלגט און גע׳רודפט אָהן אַ שיעור. ער האָט פערלוירען די „טעג״ אין די בעל-הבית׳ישע הייזער און איז פון הונגער געוואָרען ביסלעכווייז אויסגעדאַרט און איינגעטרוקענט. און וואָס שטאַרקער מ׳האָט איהם גע-רודפט, אַלץ מעהר געפאַלען איז ער ביי זיך געוואָרען און האָט אַליין אָנגעהויבען גלויבען, אַז עס איז טאַקי ריכטיג דאָס אַלעס, וואָס מען רעדט אויף איהם, אַז ער האָט טאַקי אַזוי שווער געזינדיגט און די מענשען זענען גערעכט, ווען זיי זאָגען אויף איהם, דאָס ער איז גע-וואָרען אַנ׳אַפיקורס און וועט סוף-כל-סוף דערגעהן ביז שמד... ער האָט דערביי אינגאַנצען אויפגעציטערט אויף אַ ווײַלע. באַלד האָט ער זיך געפּרובט שטאַרקען אינערליך און געטראַכט צו אַנטלויפען פון דעם

שטעדטעל. אָבער אויך דער דאָזיגער גרויסער געדאַנק האָט אָנגעהאַלטען בײַ איהם בלויז איין אויגענבליק; אין אַ ווײַלע אַרום איז דער דאָזיגער פּלאַן פערשוואונדען און דוד יעקב איז צוריק פערזונקען אין זײַן נידערשלאָגענהייט און פערצווייפלונג, און ער איז וואָס ווייטער אַלץ מעהר געפאַלען בײַ זיך. פון דאַן אָן האָט ער געוואוסט, אַז די מענשען רעדען אויף איהם נישט אומזיסט און זייער פּאַראויסזאָגען וועט זיכער מקוים ווערען... ער האָט פון איצט אָן אָנגעהויבען זינדיגען עפענטליך, דען ער האָט געגלויבט, אַז זײַן גורל איז שוין גע׳חתמעט געוואָרען און ער האָט מעהר קיין וועג נישט אויף צוריק.

צו יענער צייט האָט דער גלח פון שטעדטעל אָנגעהויבען איהם מקרב צו זײַן, און דער בלייכער און אומעטיגער יונגערמאַן האָט, נישט וויסענדיג וואָס ער טהוט, זיך איבערגעגעבען אויף זײַן בעראַט און איז געוועזען צופריעדען מיט זײַן נייער לאַגע... אין שטעדטעל איז געוואָרען אַ רעש און די יודען האָבען פלוצלינג זיך אַרומגעזעהן, אַז דאָס זענען זיי אַליין שולדיג אין דעם, וואָס איז געשעהן, דען זיי האָבען דעם אומגליקליכען יונגענמאַן אָבגעשטויסען מיט זייערע אייגענע הענד. מען האָט איצט גענומען זיך בעמיהען אומצוקעהרען דאָס פערבלאָנדזשעטע שעפעלע און מ׳האָט פאַר דעם יונגענמאַן געעפענט אַלע קוואַלען פון גוטסקייט און רחמנות, אָבער ס׳איז שוין געוועזען צו שפּעט און מ׳האָט מעהר גאָרנישט געקענט אויפטהון... און אינ׳ם יום-טוב פון הייליגען באַניפיציוס האָט דער פּאַרזיצענדער פון דער עוואַנגעלישער געמיינדע אָטאָן שולצע געמאָלדען אין דער קירכע, אַז עס איז צוגעקומען אַ נייער קריסט, וועלכער וועט נישט מעהר הייסען דוד יעקב קאָהן, נאָר פרידריך יאַקאָבי קאָנראַד באַניפיציוס... אָט די דאָזיגע ענדערונג פון דעם נאָמען האָט דוד יעקב׳ן דערשלאָגען און ערנידריגט צום טויט.

פון צייט צו צייט קומט פרידריך יאַקאָבי אויפ׳ן יודישען בית-עולם, וואו ער קניהט פאַר׳ן קבר פון אַ יודיש מיידעל, און די יודען שטערען איהם נישט דערין, ווארום יודען האָבען פון שטענדיג אָן דרך-ארץ פאַר משומדים.

אָט דאָס איז דאָס בילד פון דעם בלייכען און אומעטיגען יונגענמאַן, וואָס שטעהט מיר היינט, ווי לעבעדיג, פאַר די אויגען.

## „מטות" און „מסעי"

דאָס טויער פון אויבערען געריכטס-הויז (סודעבנאַיאַ פּאַלאַטאַ). ... איבער דעם טויער אויבען הענגט דער הילצערנער אָדלער מיט די צוויי קעפּ. און לינקס דורך דעם זאַל געהט דער וועג צו דער גרויסער געריכטס-פּאַלאַטאַ.

אין דעם זאַל אינעווייניג הערט זיך יעצט דער קלונג פון אַ גלאָק. אַ גרויס פּובליקום האָט זיך היינט דאָ פערזאַמעלט, כּדי צו הערען דעם „זעהר אינטערעסאַנטען פאַל", און ווי זיי דערהערען דעם קלונג פונ'ם גלאָק, כאַפּען זיך אַלע אויף. דער אַנגעקלאַגטער, וועלכער זיצט אויף דער באַנק, הינטער דעם אָבגעצוימטען אָרט, שטעהט גאַנץ פּאַמעליך אויף. ער זעהט אויס מיעד און אָבגעלעבט, און האָט אַ פּנים ווי איינער, וואָס דאָס אַלעס, וואָס טהוט זיך דאָ אָב אַרום איהם, געהערט זיך גאָר־נישט אָן מיט איהם און עס שטערט איהם אפילו נישט אין זיינע געדאַנקען. אַ מין אייזערנע רוה איז אויסגעגאָסען אויף זיין געזיכט און זיינע מוסקולען ריהרען זיך נישט; זיינע האָר זענען ווילד צעשויבערט, און זיינע אויגען בליקען אָהן אויפהער אַהין צו דעם געריכטס-פּרעזידענט און צו זיין גאָלדענער קייט, וועלכע הענגט אויף זיין האַלז, און עס שוועבט אַנ'אייביגער, באַרישער שמייכעל איבער זיינע ליפּען. — געפעלט איהם אַזוי שטאַרק דער געריכטס-פּרעזידענט? געפעלט איהם די קייט אַזוי זעהר? — עס איז טיעף שטיל אַרום, עס הערט זיך נישט קיין שאָרך. נאָר פון מינוט צו מינוט, ווען דער פּרעזידענט בעוועגט צופעליג דעם קאָפּ, הערט זיך דאָס גערויש פון דער קייט.

סערגיי סטעפּאַנאָוויטש קירקושקין, דער העכסטער געריכטס-פּרעזידענט, הויבט אויף פּלוצלינג דעם קאָפּ און פון אַ פּאַפּיער, וועלכעס ער האַלט אין האַנד, לייענט ער מיט אַ הויכער שטימע, און דאָס פּובליקום הערט אָבגעריסענע ווערטער:

„לויט'ן געזעץ פון זיין קייזערליכער מאַיעסטעט... משה שמו־לעוויטש לפידות, פון יודישען גלויבען... זיבצען און דרייסיג יאָהר אַלט... געמאַכט אַ מאַשינקע אויף נאָכצומאַכען צעהן־רובעלדיגע פאַ־פיערלעך... זעקס יאָהר שווערע אַרבייט; אין סיביר... אַלע רעכט פערלוירען...

סערגיי קירקושקין הויבט צופעליג אויף זיינע אויגען, און בשעת'ן לייענען די לעצטע ווערטער, פאַלען זיי צופעליג אויף דעם גע'משפט'ען — זיין פנים ווערט פלוצלינג ווייס ווי קאַלך און די ווערטער בלייבען איהם שטעקען אין האַלז. — האָט ער אפשר איצט דעם יוד, דעם גע'־משפט'ען דערקענט? זענען איהם פלוצלינג אַלטע זכרונות פון דער יו־גענד געקומען אין זין אַריין?...

דער פרעזידענט ענדיגט כאַפּענדיג לייענען דאָס פאַפּיער, און זיין שטימע הערט זיך קוים; דאַן כאַפּט ער זיך גיך אויף און פערלאָזט אין א י י ן אימפעט דעם זאַל. — ווער יאָגט איהם, דאָס ער איילט זיך אַזוי זעהר? — אויך משה לפידות האָבען צוויי זשאַנדאַרמען אַרויסגעפיהרט. צוויי, דריי אַדוואָקאַטען האָבען זיך אָבגעשטעלט, איינמאָל אין א י י ן ווינקעלע, איינמאָל אין צווייטען, און האָבען גערעדט צווישען זיך איבער דעם „אינטערעסאַנטען פאַל", און דאַן האָבען אויך זיי פערלאָזען דעם זאַל. איינער פון די יודען, וועלכע זענען געווען אין זאַל, האָט זיך אָנ־גערופען: „געמיינט האָב איך פאָרט, אַז זיי וועלען איהם נישט אַזוי שטרענג בעשטראָפען" — און איינער פון די גוים אָבער זאָגט זיך: „אָט האָסטו אַ געריכט! געמיינט האָב איך, אַז אויפהענגען וועלען זיי איהם און נישט איהם פטר'ען מיט אַזאַ קלייניגקייט" — און דאָס פובליקום געהט זיך פונאַנדער...

*

— האָט איינער דעם צווייטען געקענט?

— — — עס איז זומער פאַר פיער און דרייסיג יאָהר. די זון גיסט אויס איהר וואַרעמקייט און איהרע זיסע ליכט־כוואַליעס איבער דעם גע־לעגן זאַמד, וואָס ליגט אויפ'ן הויף, און צוויי קינדערלעך שפּיעלען זיך צוזאַמען און שרייען און רעש'ען און שפּרינגען און זינגען און קייקלען

זיך אין געלען זאַמד. ווי גוט און אַנגענעהם זענען די ליכט-שטראַהלען און ווי זיס פאַר קינדערס אויגען! דאָס איינע קינד געהט אין אָבגעריסענע, אָבגעשליסענע שמאַטעס און האָט שוואַרצע האָר ווי פעך און אַ קרומליכע נאָז, און דאָס צווייטע קינד געהט אין אַ רויט זיידען העמדעל און האָט בלאָנדע האָר ווי פלאַקס און אַ גלייכע נאָז פון אונטען ביז אַרויף. אָבער די קינדער האָבען דענסמאָל נאָך נישט געוואוסט דעם אונטערשיעד צווישען אַ קרומער און אַ גלייכער נאָז, צווישען שוואַרצע און בלאָנדע האָר און צווישען שמאַטעס און אַ זיידען העמדעל. זיי האָבען נאָר געוואוסט, אַז זיי אונטערשיידען זיך איינער פון צווייטען דורך די נעמען: דער איינער, דער בלאָנדער, הייסט סערגיי, און דער צווייטער, דער שוואַרצער, הייסט משה. — אָבער איז דען איין נאָמען מעהר יחסן פון דעם צווייטען? די זון שיינט דאָך אויף איין קינד ווי אויף דאָס צווייטע און מאַכט גאָר קיין אונטערשיעד נישט צווישען זיי, און אויך דאָס געלע ברענענדיגע זאַמד ליגט אויסגעגאָסען פאַר איינעם גלייך ווי פאַר דעם צווייטען גאַנץ אָהן אונטערשיעד, און אויך שפּיעלען און רעש'ען און קייקלען זיך האָבען ביידע גלייך געקענט — און דעריבער טאַקי זענען זיי געבליבען אַלע מאָל פון דער פריה ביז צום מיטאָג צוזאַמען. טייל מאָל האָט זיך געמאַכט, בשעת זיי האָבען זיך אַרומגעוואַלגערט אויף דעם זאַמד, און דאָס שוואַרצע יונגעל איז געווען אין אין אַרבע-כנפות און דער ווינד איז געקומען און האָט די ציצית אַ וואָרף געגעבען איבער דעם פּנים פון דעם בלאָנדען יונגעל, דאָ האָט דאָס בלאָנדע יונגעל געקענט זיך אַ כאַפּ טהון און אַרונטערשטעקען די האַנד אונטער זיין רויט העמדעל און אויך זוכען אַ ציצה, כדי דעם שוואַרצען צו בעצאָהלען מדה כנגד מדה, און האָט קיין ציצה נישט געפונען — דאָ האָט ער געקענט זיך אויף עטליכע מינוט פערטראַכטען.

און יעדעס מאָל מיטאָג-צייט פלעגען זיך די קינדער, איינס פונ'ם אַנדערן, צעשיידען. יעדער פלעגט געהן אין זיין היים אַריין.

דאָס בלאָנדע קינד פלעגט געהן מיט די טרעפּ צום ערשטען עטאַזש פון גרויסען פראָנט-הויז; דאָס שוואַרצע פלעגט געהן אין די קעלער-שטוב אין הויף.

אויפ'ן ערשטען עטאַזש פון גרויסען פראָנט-הויז האָט געוואוינט סטעפּאַן פּעטראָוויטש קירקושקין דער סליעדאָוואַטעל, און

אין דער קעלער־שטוב האָט געוואוינט שמואל לפידות, אַ יוד אַ דאָרף־געהער.

פון פענסטער אויפ'ן ערשטען עטאַזש הערען זיך איצט מוזיקאַלי־שע טענער. דער קליינער סערגיי האָט מיטאָג אָבגעגעסען, און איצט זיצט ער נעבען זיין גוווערנאַנטקע פאַר דעם קלאַוויר און לערנט זיך גאַמען שפּיעלען. אין דערזעלבער צייט שטעהט אַ קליין יונגעל מיט שוואַרצע האָר און אַ קרומער נאָז אין הויף, נאָכדעם ווי ער האָט עט־ליכע קאַרטאָפּעל גיך אָבגעגעסען, און קוקט אַרויף צו די פענסטער פון דעם אויבערשטען עטאַזש און האָרכט און האָרכט. די מוזיקאַלישע טע־נער געהען אַריין טיעף אין זיין האַרץ. — פאַרוואָס האָט גאָט אַנ'אונ־טערשיעד געמאַכט צווישען א י י ן יונגעל און דעם צווייטען און פאַר וואָס האָט ער זיך איינעם אויסגעקליבען, כדי איהם אַלעס גוטע אַוועק־צושענקען?

דאָס יונגעל האָט דענסמאָל נאָך נישט געוואוסט, אַז אויך דער מענש האָט אַנ'אונטערשיעד געמאַכט צווישען איינעם און דעם צוויי־טען...

אויפ'ן ערשטען עטאַזש לערנט זיך דאָס יונגעל גאַמען שפּיעלען — אָבער היינט איז זיין קאָפּ גאָרנישט ביים לערנען.

— וואָס איז מיט דיר היינט, נשמה מיינע? — פרעגט די מוטער.

— מאַמאַ! גיב אויך מיר אַזעלכעס, וואָס עס רופט זיך „קאַנפּער" מיט פיער „ציצי", אַזוי ווי דער משה האָט...

מעלפאָמענאַ גריגאָריעוונאַ, די מוטער, האָט ווי אַ שטאָך אין האַר־צען דערפיהלט.

— סערגיי! סערגיי! ווי אָפט האָב איך דיר שוין געזאָגט, דאָס איך וויל בפירוש נישט, אַז דו זאָלסט האָבען עסקים מיט דעם דאָזיגען שמוציגען יונג, מיט דעם זשידאָק... עס קאָסט מיר מיין לעבען! הערסטו? —

און אויך שרה, די יודישע מוטער, אַז זי האָט געזעהן איהר משה'ן צוזאַמען מיט דעם בלאָנדען אין הויף, האָט זיך אין איהר דאָס האַרץ געריסען.

— משה! משה! ווי אָפט שוין האָב איך דיך בעשוואוירען, אַז דו זאָלסט דיך נישט חבר'ען מיט דעם „שייגעץ". האָסטו גאָר נישט גאָט

אין האַרצען? איז נישטאָ קיין איינציגער פונק יודישקייט אין דיר? אוי קינד, קינד! ברענג מיך נישט פאַר דער צייט אונטער דער ערד!

... אָבער די שטראַהלען פון דער זון זענען זיס און די בערגלעך פון גליהענדיגען זאַמד זענען פול מיט אַ ליעבליכען כישוף, און משה און סערגיי האָבען ביידע ליעב געהאַט די שטראַהלען פון דער זון און די בערגלעך זאַמד, און זיי האָבען זיך אַרומגעקייקעלט און אַרומגעוואַלגערט אויף דער ערד און זיך געשפּילט און אַרומגעשפּרונגען דעם גאַנצען טאָג.

מעלפּאָמענאַ גריגאָריעוונא האָט עס נישט געזעהן און נישט געוואוסט, ווי די קינדער שפּיעלען זיך אין הויף. שרה אָבער האָט עס יאָ געוואוסט און זי האָט זיי יעדען טאָג געזעהן, און ווי זי האָט זיי געזעהן, האָט זי געפלעגט אַ קרעכץ געבען און זאָגען:

אָט געהט „מטות“ און „מסעי“ צוזאַמען!...

די יודישע פרוי האָט זיי גערופען „מטות“ און „מסעי“ לויט די צוויי סדרות, וועלכע געהען צוזאַמען...

*

אָבער נישט אייביג זענען געגאַנגען „מטות און מסעי“ צוזאַמען... יעדער האָט אָנגעהויבען געהן זיין וועג בעזונדער.

— — — אַ שלאַגס־רעגען גיסט זיך פון הימעל. צוויי צעהניעהריגע יונגלעך בעגעגענען זיך ביים טויער פון אַ גרויס הויז. איינער איז אַ יונגעל מיט אַנ׳אויסגעפּילט רויט פּנים און מיט בלאָנדע האָר און בלויע אויגען; דער צווייטער האָט אַ ווייס, בלייך פּנים און שוואַרצע האָר און שוואַרצע גלאַנצענדיגע אויגען. איינער געהט אָנגעטהון אין אַ בלויען רעקעל מיט ווייסע גלאַנצענדיגע קנעפּ און טראָגט אַ טעקע מיט ביכער אויף די פּלייצעס, דער צווייטער געהט אָנגעטהון... ניין, ער געהט אין גאָרנישט אָנגעטהון, נאָר איינגעוויקעלט איז ער אין מאָדנע צעריסענע, צעשליסענע שמאַטעס. — סערגיי געהט אין די שטאָדטישע פּאָרבערייטונגס־שולע, און משה געהט אין „חדר“...

די קינדער רעדען נישט איינער מיט דעם צווייטען. — זענען זיי ברוגז איינער מיט דעם צווייטען, וואָס זיי רעדען נישט?...

עס איז מיטאָג-צייט.ביידע יונגלעך בעגעגענען זיך צום צווייטען מאָל פאַר דעם טויער פון גרויסען הויז; ביידע זענען גלייכצייטיג אַהיימגעקומען, איינער פון דער שולע, דער צווייטער פון חדר.

— משה! איך האָב צו דיר אַ בקשה. מיין לעהרער האָט מיר היינט אַ רעכנונג אויפגעגעבען, איינע פון די פיער „שפעציעס". דו ווייסט דאָך עס זענען דאָ פיער. חיבור, חיסור... אַ יאָ, דו ווייסט! איך האָב היינט קיין צייט נישט... מיין קאָפ איז מיר פערדרעהט און איך קען היינט די אַרבייט נישט מאַכען... איך ווייס נישט, וואָס זאָל איך מאָרגען דעם לעהרער ענטפערן... משה! האָסטו מיך ליעב?

— וואָס פערלאַנגסטו, סערגיי, וועל איך עס דיר טהון.

משה! מיין טייערער משה! גיב מיר דיין האַנד! ווילסטו היינט עטליכע מינוט פאַר מיינעטוועגען אַרבייטען און דעם חשבון אויפשרייבען, איך זאָל איהם קענען מאָרגען דעם לעהרער געבען?

— איך לערן דאָך נאָר אין אַ חדר! — איך לערן דאָך די תורה דעם גאַנצען טאָג, און אַ מעשה מיט אַן אָקס, וועלכער האָט געשטויסען אַ קוה און די קוה האָט זיך מישב געווען און האָט אַ קליין קעלבעלע געהאַט... און ווי אַזוי קען איך וויסען דאָס, וואָס דו לערנסט? איך האָב קיינמאָל נישט געלערנט חשבון און איך ווייס נישט...

— פאַרוואָס זוכסטו דיר אַן'אויסרייד? אין דער שולע זאָגען אַלע, אַז די יודען וויסען אַלצדינג און קענען אַלצדינג!

... זענען די קינדער אַלזאָ דאָסמאָל נ י ש ט ברוגז איינער מיט דעם צווייטען?

צום אָוונד האָט משה געבראַכט סערגיי'ען דאָס, וואָס ער האָט פערלאַנגט, — פון וואַנען האָט משה דעם געגענשטאַנד געקענט, אַז גע־לערנט האָט ער איהם קיינמאָל נישט?

פטור! „די יודען וויסען אַלצדינג און קענען אַלצדינג"...

*

נאָך איינמאָל האָבען זיך די ביידע בעגעגענט.

— — — איבער דעם שטאָדט-טייך ליגט ברייט און וויט דאָס אייז אויסגעגאָסען. יונגלעך אָהן אַ צאָהל קומען זיך גליטשען איבער

דעם אייז, און יעדער האָט זיינע „גליטשערס" אויף די פיס. דער טאָג הייבט אָן וואָס אַמאָל מעהר צו פערשווינדען, און צווישען די רויטע פאַסען אויפ'ן הימעל פון מערב-זייט הענגט די זון און איז גרויס ווי אַ גרויסע גאָלדענע שיסעל. די יונגלעך זענען פרעהליך און לוסטיג, און רעש'ען און פילדערען אָהן אַ סוף און זענען גליקליך מיט דעם פראָסט; די פולע באַקען זענען רויט פאַר קעלט, די אויגען ווענדען זיך איינמאָל צו דער בלוטיג-רויטער זון, וועלכע פאַלט און פאַלט, און איינמאָל צום גרויען גלאַנצעדיגען אייז אונטער די פיס. הורא, דער פראָסט! הורא, דער ווינטער! רופען די קינדער לוסטיג — און סערגיי און משה זענען צווישען די קינדער.

סערגיי לויפט זיין וועג איבער דעם אייז גיך און שאַרף און אַהין און צוריק און רונדיג און אויף איין פוס! צום סוף אָבער גליטשט ער זיך אויס און פאַלט אַנידער. אַ רוישענד געלעכטער פלאַצט אַרויס פון אַלעמענס מיילער: די קינדער לאַכען איבער זיין פאַלען...

אויך משה לויפט גיך און שאַרף, נאָר „גליטשערס" האָט ער נישט אויף די פיס. די הערליכע רויט-פאַרביגע פאַסען אויפ'ן הימעל ציהען איהם ווי מיט אַ כישוף און זיינע אויגען זענען ווי צוגעקניפט צו דער גרויסער שיסעל אויפ'ן הימעל, וועלכע פאַלט און פאַלט און וועט באַלד ליגען אונטען פאַר זיינע פיס. ווי הערליך און ווי שעהן איז דאָס אַלעס! נאָך ווי ער איז אַ גאַנץ קליין יונגעלע געוועזען, האָט ער ליעב געהאַט זיך צו פערקוקען אויף די גרויסע גאָלדענע שיסעל, וועלכע הענגט אויף גאָרנישט אינמיטען דער לופט, און פאַר איהר און הינטער איהר ציהען זיך די רויטע ברייטע פאַסמעס, און צווישען זיי אויך בלויע, אויף וועלכע עס ליעגט דער פראָסט אויסגעגאָסען. און אונטען דאָס אייז ווייט און ברייט אויף דעם טייך, און דאָס אייז גלאַנצט און פינקעלט אַקעגען דער גאָלדענער שיסעל...

ווי הערליך און ווי...

— „זשיד!"...

ווער רופט יענס וואָרט אַזוי שרעקליך? וואָס איז דאָס פאַר אַ שרעקליכע שנאה, וועלכע שטעקט אין יענעם וואָרט?

פסור, די יונגלעך פלאַצען אַרויס מיט אַ געלעכטער, ווי זיי האָבען איהם דערזעהן. זיי פלאָגען איהם און יאָגען איהם און ווייזען

איהם „חזיר-אויערלעך“. וואָס האָט ער זיי אַזוי פיעל שלעכטס געטהון, וואָס זיי ווילען איהם נישט דערלאָזען פערגניגען צו האָבען פון דעם, וואָס געפעלט איהם? געהערט צו זיי דען דאָס גרויסע גלאַנצעדיגע אייז? האָבען זיי דען בעשאַפען די רויטע פאַסען אויפ'ן הימעל מיט יענער גרויסער שיסעל?

פלוצלינג הערט ער אויף מיט דעם מוח צו קלערען. אַ שטיק אייז, וועלכעס אַ יונגעל ווארפט איהם, פליהט איהם אין שטערען אַריין.

אין דער דאָזיגער נאַכט האָט סערגיי נישט געקענט רוהיג שלאָפען. אין חלום האָט ער געזעהן טויזענד יונגלעך, גליטשען זיך אויף דעם אייז, און ער גליטשט זיך מיט זיי, און אַלע פאַלען און ער לאַכט און שפעט אָב פון זיי. — און אויך משה איז אין דער דאָזיגער נאַכט נישט רוהיג געשלאָפען. אין חלום האָט ער טויזענד יונגעלעך געזעהן, גליטשען זיך אויף דעם אייז, און ער גליטשט זיך מיט זיי! צום סוף אָבער זענען זיי איהם אַלע בעפאַלען און האָבען פון איהם זיין לעצטע טרייסט צוגעגזל'ט: די גרויסע גאָלדענע שיסעל, וועלכע הענגט צווישען די רויטע פאַסמעס אין הימעל...

*

און נאָך איינמאָל האָבען זיך ביידע בעגעגענט — אויף דער שוועל פון גימנאַזיום...

איינער איז געקומען פון דער פאָרבערייטונגס-שולע, און ווי ער איז אַריין אין גימנאַזיום, האָט ער געפונען אָפענע צוויי אָרעמס, וועלכע האָבען איהם צוגענומען! דער צווייטער איז געקומען פון חדר, און ווי ער איז אַריין אין דעם נייעם הויז און אין די נייע וועלט, האָט ער געפונען צוויי אָרעמס, וועלכע האָבען איהם מיט געוואַלד אַוועקגעשטויסען נאָך אויף דער שוועל שטעהענדיג.

ווי איז עס געקומען, דאָס אַ יודיש יונגעל איז אַרויס פון זיין וועלט און האָט געפרובט אַריינגעהן אין די נייע וועלט?

„די יודען וויסען אַלצדינג און קענען אַלצדינג“—האָט איהם זיין בלאָנדער חבר געזאָגט. אָבער דער מלמד, ביי וועלכען משה האָט געלערנט אין חדר, האָט נישט אַזוי געזאָגט! ער האָט נישט געזאָגט אויף די קליינע יודעלעך,

וועלכע זיצען אין זיין חדר, אַז זיי ווייסען און קענען אַלצדינג, און אויך־אויף דעם קליינעם משה'לע האָט ער אַזוי נישט געזאָגט. אַדרבא, דעם גאַנצען טאָג האָט ער געפּלעגט אויף די קינדער שרייען און זיי שעלטען מיט די ביטערסטע קללות. אויך משה'ס פאָטער האָט געפּלעגט אויף זיין זוהן זאָגען, אַז ער וויס און קען גאָרנישט...

דאָס יונגעל אָבער איז געווען געבענטשט און בעגאָבט פון גאָט! זיין האַרץ איז געווען פול מיט געפיהל, און אַלעס שעהנע און אַלעס אידעלע האָט איהם געצויגען ווי מיט אַ כישוף — בעזונדערס האָט זיך געוויזען אין איהם אַ טאַלענט צום מאָלען.

צוועלף יאָהר איז ער אַלט געווען, ווי ער האָט געמאַכט דעם „שויתי" פאַר דעם עמוד אין גרויסען בית־מדרש. ווער עס האָט דעם „שויתי" געזעהן, איז געבליבען פערוואונדערט שטעהן, דען קיינמאָל נאָך נישט איז אַזאַ שעהנע זאַך געמאַכט געוואָרען פון אַזאַ יונג קינד, וואָס האָט די דאָזיגע מלאכה קיינמאָל נישט געלערנט. און אויך מיט זיין שעהנער האַנדשריפט האָט דאָס יונגעל אויפזעהן געמאַכט. די אותיות זענען געווען ווי פּערעל! אַזאַ שעהנע האַנדשריפט, האָבען אַלע געזאָגט, איז גאָר נישטאָ אויף דער גאַנצער וועלט.

אָבער וואָס געהערען זיך די יודען אָן מיט אַ זעלכע זאַכען? — דער מלמד איז געבליבען ביי דאָס זייניגע, אַז דאָס יונגעל טויג צו קיין זאַך נישט; ער פערברענגט זיין צייט מיט לויטער נאַרישקייטען, מיט בילדער־מאַכען און מיט צאַצקעס־מאָלען, און לערנט קיין שום זאַך נישט. אויך פון פאָטער פלעגט ער דאָס הערען טאָג־טעגליך, און דאָס יונגעל האָט פעסט און זיכער אָנגעהויבען גלויבען און וויסען, אַז ער טויג צו גאָרנישט. וואָס נוצען איהם נאָך חדרים און מלמדים? וואָס זאָל ער נאָך לערנען זאַכען, וועלכע געהערען זיך מיט איהם גאָר־נישט אָן?

און משה האָט זיך אַוועקגענאַרט פון חדר, און איז איין טאָג אַהין נישט געקומען.

אָבער „ווען דו וועסט זי איין טאָג פערלאָזען, וועט זי דיך פערלאָזען צוויי טעג". צום אָנפאַנג האָט משה געפּלעגט זוכען אַנ'אויס־רייד, כדי נישט צו דאַרפען קומען אין חדר אַריין איין טאָג, און די תורה האָט איהם פערלאָזען צוויי טעג; דאַן איז ער נישט געקומען

צ ו ו י י טעג, און די תּורה האָט איהם פערלאָזען פ י ע ר טעג; דאַן איז געקומען אַ צייט, ווי ער איז נישט געקומען אַ גאַנצע וואָך, גאַנצע צוויי, און דאַן האָט ער אויפגעהערט איינגאַנצען און איז ג אָ ר נ י ש ט מעהר געקומען.

און אין דער היים האָט מען איהם געראָדפ'ט און פערביטערט דאָס לעבען.

אַזוי איז משה געוואָרען אַ גאַסען-יונג און האָט זיך צוזאַמענגעפּאָרט מיט דער ווייסער חברה.

דאַן אָבער האָט ער מיט געוואַלד זיין גאַנצע קראַפט צוזאַמענגענומען; ער האָט בעהאַלטענערהייט אַלעס נויטיגע געלערנט און איז אָנגעקומען ביז צום גימנאַזיום.

אין דערזעלבער צייט איז אויך סערגיי דאָרט אָנגעקומען. — פון וואַנען? ווי אַזוי איז דער בלאָנדער יונגערמאַן אַזוי ווייט געגאַנגען? נעכטען „האָט ער קיין צייט נישט געהאַט", היינט „איז איהם דער קאָפּ פערדרעהט", און מאָרגען „איז די אַרבייט צו שווער" — דער פאָטער אָבער האָט איינמאָל פאַר אַלע מאָל געוואוסט, און אויך דער לעהרער האָט עס איינגעזעהן, אַז דאָס יונגע קינד „לערנט זיך זעהר גוט".

אוןביידע קינדער זענען געשטאַנען פאַר דעם לעהרער ביים עקזאַמען.

דאָ האָבען די לעהרער דעם איינעם, דעם בלאָנדען, צוגענומען, „וויל ער האָט זיך זעהר גוט געלערנט", און דעם צווייטען, דעם מיט דעם בלייכען פּנים, האָבען זיי אָבגעזאָגט, „וויל ער האָט נישט די נויטיגע קענטנישען".

וּבכן ווייסען און קענען יודען נישט אַלצדינג.

פאַרוואָס אָבער זאָגט סערגיי משה'ן טאָג-טעגליך, אַז יודען ווייסען און קענען אַלצדינג? פאַרוואָס קומט דער בלאָנדער טאָג-טעגליך צו דעם מיטן בלייכען פּנים'ל, און בעט איהם יעדעסמאָל ער זאָל אַזוי גוט זיין און פאַר איהם די לעקציע מאַכען, און דאָס קינד מיט דעם בלייכען פּנים'ל מאַכט די לעקציע טאָג-טעגליך פאַר דעם בלאָנדען?

און „מטות" און „מסעי", וועלכע געהען צוזאַמען, זענען פון דענסמאָל אָן געגאַנגען זעהר ווייט איינער פונ'ם אַנדערן; איינער איז געגאַנגען

העכער און העכער, און דער צווייטער איז געגאַנגען נידריגער און נידריגער; איינער — באַרג אַרויף, דער צווייטער — באַרג אַראָב...

איינער איז געגאַנגען אין גימנאַזיום פון קלאַס צו קלאַס, ביז ער איז אָנגעקומען אין דעם דריטען קלאַס, דער צווייטער איז געגאַנגען אין דערזעלבער צייט אויף שלעכטע וועגען, ביז אַזש די פיס האָבען איהם נישט געקענט מעהר דערשלעפּען.

פּלוצלינג אָבער האָט זיך דער דאָזיגער צווייטער צוזאַמענגענומען מיט זיין גאַנצער קראַפט, און איז צום צווייטען מאָל געקומען צו די לעהרער, און האָט געוויינט פאַר זיי און האָט זיך געבעטען אַז זיי זאָלען איהם ערלויבען זיך צו שטעלען צום צווייטען מאָל צום עקזאַמען. „יודען זענען מאָדנע עקשנים!" האָבען די לעהרער געענטפערט און האָבען איהם אַ חסד בעוויזען לפנים משורת הדין און האָבען איהם אַריינגענומען אין צווייטען קלאַס.

נאָר סערגיי „האָט פאַרטשריט געמאַכט" אין זיין לערנען און משה „האָט נישט געמאַכט קיין פאָרטשריט" — אַזוי שטעהט בפירוש געשריבען אין די פּאַפּירען, וועלכע די לעהרער האָבען אויסגעשריבען יעדעסמאָל פאַרביידע שילער.

און נאָך דעם ערשטען יאָהר איז משה פערבליבען אין דעמזעלבען קלאַס, און אויך אין צווייטען יאָהר איז ער ווייטער געבליבען — דאָ האָבען די לעהרער געפּסק'ענט, אַז דער דאָזיגער שילער איז נישט טויגליך צו קיין שום לערנען און ער וועט מוזען דאָס גימנאַזיום פערלאָזען.

און פּאַרט פלעגט יעדען טאָג סערגיי און נאָך פיעל אַנדערע שילער צו איהם קומען, און משה פלעגט פאַר זיי זייערע לעקציעס מאַכען, און בפרט פלעגט ער פאַר זיי די צייכנונגען מאַכען, וועלכע די לעהרער האָבען זיי אויפגעגעבען.

און א י ה ם זאָגט מען, אַז ער איז נישט טויגליך צו קיין שום זאַך!

דאָ האָט עס אויפגעפלאַמט אין איהם ווי אַ ווילד פייער, און ער האָט מעהר נישט געקענט שווייגען. איינמאָל ווען ער איז געווען שטאַרק פערביטערט, האָט ער איינעם פון די לעהרער עפענטליך בעליידיגט.

— וואָס טהוען די לעהרער מיט אַזאַ אויסגעלאַסענעם שילער?

רעכט האָבען זיי, און נישט טויגליך איז ער! דעריבער האָבען זיי איהם פון גימנאַזיום אַרויסגעטריבען, און אין זיינע צייגענישען האָבען זיי איינגעשריבען, אַז ער טאָר נישט אָנגענומען ווערען פון קיין שום גימנאַזיום מעהר אין דעם גאַנצען לאַנד...

און דאָס יונגעל הערט טאָג-טעגליך זיין שאַנד און זיין שפּאָט; אין דער היים רופט מען איהם „גוי", און אין גאַס זאָגט מען איהם, אַז ער איז אַנ'אויסגעלאָסענער שילער.

אזוי איז ער געגאַנגען באַרג אַראָב...

•

אַ שטילע, רוהיגע נאַכט. טויזענד שטערען גלאַנצען פון דעם ליכטיגען בלוי אין דער דעק פונ'ם הימעל, און זיי פלאַטערן ציטערדיג איינער אַנטקעגען דעם אַנדערען.

אויף זיין געלעגער ביינאַכט ליגט אַ יונגעל מיט אַ בלייך בלאַס פּנים'ל, אַליין און פערלאָזען, און קען נישט אַנטשלאָפען ווערען. — אין גאַס לאַכט יעדער פון איהם דעם גאַנצען טאָג, און איצט זענען געקומען אויך יענע גרויסע ליכטער אין הימעל צו שפּעטען פון איהם... וואוהין זאָל ער איצט מיט זיין חרפה אַנטלויפען? אפשר ביז צו אַן אָרט, פון וועלכען ער וועט מעהר נישט קענען צוריק... און פאַרוואָס האָט דאָס גאָט איהם אַזוי זעהר געשטראָפט? פאַרוואָס בעצאָהלט ער איהם לויטער שלעכטס פאַר אַלדעם גוטען, וואָס ער האָט אַלעמאָל פון זיין קינדהייט אָן געוואָלט טהון? איז דען נישט רעכט, אַז דער מענש איז גוט און וויל גוט בלייבען?...

אפשר! אפשר איז נישט רעכט, אַז דער מענש שטרעבט גוט צו זיין!...

איצט איז ער אַנ'אומגליקליכער מענש, דען מענשען זענען געקומען און האָבען איהם מיט געוואַלד אומגליקליך געמאַכט; מיט געוואַלד האָבען זיי איהם פון גוטען אָוועקגעשלעפּט און צום שלעכטען אַהינגעשטויסען. ווי ער איז נאָך אַ קינד געווען, האָבען איהם קינדער פון זיינסגלייכען פון אייז אויפ'ן טייך פעריאָגט און האָבען איהם נאָכגערופען „זשיד!"; דאַן האָבען זיי איהם פון דער שולע אַרויסגעיאָגט, און

האָבּען איהם שוואַרץ אָנגעשריבּען; דאָך האָבּען איהם אַלע אויך אויף דער גאַס פּערשטויסען און האָבּען איהם אַ נאָמען געגעבּען „אויסגעלאַ־סענער" — וועט ער דען שולדיג זיין, ווען ער וועט איצט באמת ווערען אַנ׳אויסגעלאַסענער? טהוט נישט אַ מענש, און האָט נישט אַ מענש רעכט אַלצדינג צו טהון, כדי זיך צו ראַטעווען? איצט האָט ער מלחמה צו האַלטען פאַר זיך און זיין „רעכט, מלחמה מיט אַלע מענשען, וועלכע שטעלען זיך איהם אין וועג אַריין, מלחמה מיט יעדען, וואָס וואַגט זיך אָנצוריהרען אָן זיין טייל ירושה, וואָס די נאַטור האָט איהם געגעבּען מיט דער מינוט ווי ער איז אַרויס פון זיין מוטערס לייב!

ער האָט נישט מעהר פון וואָס צו לעבּען. — צו וועמען וועט ער זיך ווענדען נאָך הילף מאָרגען? און איבּערמאָרגען צו וועמען? און נאָך איבּערמאָרגען און אַלעמאָל ביז אין טויט אַריין צו וועמען האָט ער זיך צו ווענדען?

ער וועט געהן דאָרט אַהין, וואו מען קען איהם נישט...

און דאָרט וואָס וועט ער מאַכען? וואָס קען מאַכען אַ יונגעל וועלכען מען האָט אַרויסגעשטויסען פון צווישען מענשען?

דאָרט וואו מען קען איהם נישט וועט ער פּרובּען צום צווייטען מאָל אין אַ גימנאַזיום אַריינקומען, אפשר וועט ער אַריינגעלאָזען ווערען...

אָבּער וואָס וועט ער מאַכען מיט דעם צייגעניש, אין וועלכען עס שטעהט בפירוש פערשריבּען, אַז ער האָט נישט מעהר דאָס רעכט אין קיין שום גימנאַזיום אין דעם גאַנצען לאַנד אָנגענומען צו ווערען? — זאָל ער עס גאָרנישט ווייזען?

יאָ, ער וועט עס גאָרנישט ווייזען!..

מיט וואָס אָבּער וועט ער אין אַ שולע אָנגענומען ווערען, אַז ער וועט קיין צייגעניש נישט האָבּען?

... זיין בלוט איז אין איהם געראונען געוואָרען, ווען ער האָט זיך וועגען דעם דערמאָהנט, און די גאַנצע נאַכט האָט ער נישט מעהר געקענט שלאָפען. ווען אָבּער עס האָט אָנגעהויבּען טאָגען, איז ער רוהי־גער געוואָרען. דען ער האָט די ריכטיגע עצה געפונען: אין איינעם פון די ערשטע צייגענישען, וועלכע ער האָט אין דעם ערשטען לערן־יאָהר בּעקומען, וועט ער עטליכע אותיות און עטליכע ווערטער ענדערן, אָבּ־מעקענדיג עטליכע אַלטע און צושרייבּענדיג עטליכע נייע, דען ווער נאָך

ווי ער איז אַ מייסטער נאָכצומאַכען יעדע האַנדשריפט? — ווען זיי האָבען דאָס גוטע פון איהם נישט געוואָלט צונעהמען, טאָ זאָלען זיי פון איהם דאָס שלעכטע נעהמען! ווען זיי האָבען איהם דאָס זייניגע, וואָס קומט איהם, נישט געוואָלט געבען בהיתר, טאָ זאָלען זיי עס איהם געבען באיסור!

און אַזוי איז ער אַנטשלאָפען געוואָרען...

אין דערזעלביגער נאַכט האָט אויך זיין צווייטער, גליקליכערער חבר, ביז אין העלען טאָג אַריין נישט געקענט אַנטשלאָפען ווערען. אַ בילד פון אַ יונג מיידעל איז איהם אָהן אויפהער געשטאַנען פאַר די אויגען. דאָס מיידעל איז געווען די נייע גוווערנאַנטע ביי דעם פּריסטאַוו, וועלכער וואוינט אויף דער אַנדערער זייט גאַס. פאַר עטליכע טעג האָט סערגיי זי געזעהן, זיצענדיג ביים אָפענעם פענסטער, און ער האָט עטליכע קושען אַרויפגעוואָרפען צו איהר. זינט דענסמאָל איז דאָס מיידעל פערשוואונדען געוואָרען און ער האָט זי נישט מעהר געזעהן. דאָ האָט ער געטראַכט און געטראַכט די גאַנצע נאַכט און געזוכט עצות, ווי אַזוי זיך מיט דעם מיידעל צו בעקענען, און ווי עס האָט אָנגעהויבען טאָגען, איז אין איהם אַ גוטער געדאַנק געבוירען געוואָרען: מאָרגען וועט ער עטליכע רובעל פון דער מוטערס קאַסע נעהמען, און וועט דערפאַר קויפען אַ קלייד, און וועט עס דעם פריילין אַוועקפיהרען, און דאָס פריילין וועט איהם דאַן צונעהמען ווי אַ גוטען מלאך...

און אַזוי איז ער אַנטשלאָפען געוואָרען...

*

זייט דענסמאָל האָבען די ביידע יונגע לייט זיך נישט מעהר בעגעגענט; „מתות" און „מסעי" זענען נישט מעהר געגאַנגען צוזאַמען — יעדער פון זיי איז געגאַנגען בעזונדער זיין אייגענעם וועג.

איינער איז געגאַנגען העכער און העכער, באַרג אַרויף, דער צווייטער איז געגאַנגען נידריגער און נידריגער, באַרג אַראָב.

סערגיי איז אַרויס בשלום פון גימנאַזיום און אַריין בשלום אין אוניווערזיטעט, וואו ער האָט יוריספּרודענץ שטודירט. דאַן איז ער אַרויס גליקליך פון דער אוניווערזיטעט און איז געוואָרען אַ געהילף ביי אַנ'-

אַדוואָקאַט, דאַן איז ער געוואָרען אַליין אַנ'אַדוואָקאַט, און נאָך עטליכע יאָהר איז ער געוואָרען אַ ריכטער און צולעצט איז ער געוואָרען פּרעזידענט פון דעם אויבערען געריכטס-הויז. — אַזוי איז געבענשט פון גאָט איינער, וועלכער האָט זיך גוט און עהרליך געלערנט: פון שטאַפּעל צו שטאַפּעל שטייגט ער אַלעמאָל העכער, ביז ער קומט אין זיין רוהע אַריין.

אין דערזעלביגער צייט איז אויך משה געגאַנגען זיין וועג. ווי ער איז אָנגעקומען צו דעם גימנאַזיום אין דער פרעמדער שטאָדט, האָבען די לעהרער בודק געווען זיינע פּאַפּיערען און האָבען זיך דערוואוסט, וואָס ער האָט געמאַכט. דאָ איז מען איהם אָנגעפאַלען, און די גאַנצע שטאָדט האָט דערפון גערעדט, ווי אַ יודישער יונג האָט זיך געוואַגט פרעמדע אונטערשריפטען צו פעלשען, און מען האָט איהם געטריבען פון אָרט צו אָרט. נאָך איינמאָל האָט זיך דער יונגער מענש געפּרובט, אפשר וועט ער אָנקומען אין אַנ'אַקאַדעמיע, וואו מען לערנט מאָלען; אָבער אויך דאָרט האָבען די לעהרער איהם נישט אָנגענומען און האָבען איהם גערופען חתימה-פעלשער. אַזוי איז משה געוואָרען אַנ'אונטערשריפטען-פעלשער — צוערשט געגען זיין ווילען, און דאַן מיט'ן אייגענעם ווילען. צוערשט האָט ער געזינדיגט בשוגג, דאַן במזיד. יעדער אָרענטליכער מענש האָט זיך פון איהם דערווייטערט און דערפאַר האָט אויך ער זיך דערווייטערט פון יעדען אָרענטליכען מענש. אַזוי איז ער געוואָרען אַ חבר פון יעדען פערברעכער און האָט נישט מעהר געפיהלט קיין געוויסענסביסען אין זיך. אָנפאַנגס האָט ער קליינע פערברעכענס געטהון, דאַן גרעסערע און גרעסערע, ביז ער איז געוואָרען דער אויסוואורף פון מענשען. דאַן איז ער געוואָרען אַ סוחר, און קיינער האָט נישט קלאָר געוואוסט מיט וואָס ער האַנדעלט; דאַן איז ער געוואָרען זעהר רייך, און קיינער האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי; און ווי מען האָט אָנגעהויבען חוקר ודורש צו זיין, האָט עס זיך אַרויסגעוויזען, אַז משה האָט נאָכגעמאַכט צעהנרובעלדיגע פּאַפּירלעך און האָט מיט דעם פאַלשען געלד געהאַנדעלט.

אַזוי איז דער יונגער מענש געגאַנגען נידריגער און נידריגער, באַרג אַראָב.

*

*

און איינער האָט דעם אַנדערען יאָהרען-לאַנג נישט געזעהן...

אָבער עס איז געקומען דער טאָג און דער בלאָנדער יונגער מענש מיט די רויטע באַקען און די בלויע אויגען האָט ווידער אַמאָל דעם יונגענמאַן מיט דעם בלייכען געזיכט און די שוואַרצע האָר געזעהן — און נאָך דעם איינעם מאָל האָט ער איהם שוין קיינמאָל מעהר נישט געזעהן.

דער בלאָנדער איז געזעסען אַלס פּרעזידענט פונ'ם אויבערען גע-ריכטס-הויז, און דער צווייטער איז געשטאַנען נעבען דער באַנק הינטער דעם אָבגעצוימטען אָרט. דאָ האָט דער בלאָנדער פון אַ פּאַפּיער, וועל-כעס ער האָט אין דער האַנד געהאַלטען, מיט אַ הויכער שטימע די ווערטער געלייענט: „לויט'ן געזעץ פון זיין קייזערליכער מאַיעסטעט... משה שמולעוויטש לפידות, פון יודישען גלויבען... זיבען און דרייסיג יאָהר אַלט... געמאַכט אַ מאַשינקע אויף נאָכצומאַכען צעהנרובעלדיגע פּאַפּירלעך... זעקס יאָהר שווערע אַרבייט אין סיביר... אַלע רעכט פערלוירען...” און דער יונגערמאַן מיט דעם בלייכען פּנים האָט וואָרט פאַר וואָרט געהערט מיט זיין אייזערנער רוה און עס האָט זיך ביי איהם קיין מוסקול נישט גערירט. זייט דענסמאָל האָט איינער דעם אַנדערען נישט מעהר געזעהן; „מטות” און „מסעי” האָבען זיך פון דענסמאָל אָן אויף אייביג פונאַנדערגעשיידט...

## עָכָן אין וואַרשא

אזוי אָפּט ווי איך געה פאַרביי די סענאַטאָרען-גאַס און קום צום באַנק-פּלאַץ און זעה דאָס גרויסע געמויערטע הויז, און אויף דעם הויז הענגט דער גרויסער שוואַרצער שילד, אויף וועלכען עס איז אויסגעקריצט מיט גרויסע גאָלדענע אותיות: „באַנק-הויז פון מ אַ ק ס פ ר אַ נ ק”, קומט מיר אויפן געדאַנק די געשיכטע מיט עָכנ׳ען, דעם זוהן פון כַּרמי, דעם זוהן פון זַבדי, און אַלע יענע שרעקליכע מעשיות, וועלכע מיר לייענען אין ספר יהושע. איהר געדענקט דאָך ווי עס שטעהט דאָרט געשריבען? — „און עכן דער זוהן פון כרמי, דער זוהן פון זבדי, דער זוהן פון זָרח, וועלכער האָט געשטאַמט פון שבט יהודה, האָט גענומען פון חרם א. א. וו. און יהושע האָט געזאָגט צו עכנ׳ען: מיין קינד! גיב-זשע אָב כבוד דעם גאָט פון ישראל און זיי זיך מודה און זאָג מיר, וואָס האָסטו געטהון, זאָלסט פאַר מיר נישט לייקענען גאָרנישט — און ווייטער אַזוי. און ער האָט געזאָגט: אמת, איך האָב געזינדיגט פאַר׳ן גאָט פון ישראל און דאָס האָב איך געטהון, און געזעהן האָב איך אין דעם רויב אַ מאַנטעל פון שִׁנְעָר אַ גוטען, צוויהונדערט טאָלער זילבער און אַ שטיק גאָלד וואָס וועגט פופציג רענדלעך — האָב איך צו זיי געקריגען חשק און האָב זיי צוגענומען א. אַז. וו. האָט יהושע געזאָגט: וואָס האָסטו אונז פערדאָרבען? זאָל דיך גאָט פערדאַרבען אין דעם זעלביגען טאָג. און כל ישראל האָבען איהם פערשטיינערט און פערברענט אין פייער און אַרויפגעלעגט אויף איהם אַ גרויסען באַרג מיט שטיינער”. זעהר אַ שרעקליכע מעשה, וואָס די האָר פון קאָפּ שטעלען זיך בשעת מען הערט זי – נישט אמת?

אָבער דער מענש, פון וועלכען א י ך רעד און וועלכען מען האָט געגעבען אַ צונאָמען עכן, דער וואַרשעווער עכן, ער האָט נישט געטהון אַזאַ גרויסע און מורא׳דיגע זינד, נאָר אַביסעל אַ קנאַפּערע. נישט אַ

מאַנטעל פון שנײַדער האָט ער גענומען, נישט קיין גוטען און נישט קיין שלעכטען, נישט צוויי־הונדערט טאָלער אין כנעניש געלד, אָדער אפילו אין רוסיש געלד; נישט קיין שטיק גאָלד וואָס וועגט פופציג רענדלעך אָדער אויך וועניגער ווי פופציג, נישט צו קיין איינציגער פון די דאָזיגע אַלע זאַכען האָט איהם געכאַפּט דער חשק און נישט אַזעלכעס האָט ער צוגענומען. אויך איז דערזעלבער מענש נישט געכאַפּט געוואָרען ביי דער גנבה און נישט אַריין איז ער אין חרם און נישט האָט איהם כל ישראל פערשטיינערט און נישט קיין באַרג פון שטיינער האָט מען אויף איהם אַרויפגעלעגט — אומגעקעהרט, פון קליין איז דער מענש געוואָרען אַלע מאָל גרעסער און איז וואָס אַמאָל געוואַקסען אַלץ מעהר און מעהר, ביז ער איז געוואָרען זעהר גרויס און די גאַנצע שטאָדט, די גרויסע, האָט איהם זעהר בכבוד געהאַלטען, און אַנשטאָט זיי זאָלען אויף איהם אָנלעגען אַ גרויסען הויפען שטיינער, האָט ער זיך אַליין אויפגעשטעלט יענעם הויפען שטיינער אין דער פאָרם פון אַ גרויסאַרטיגען פּאַלאַץ, וועלכען ער בעוואוינט, און אין וועלכען ער טהוט פיעל פיעל טובות מיט יעדען געדריקטען און גיט פיעל פיעל נדבות פאַר יעדען אָרימען — און אָט דעם דאָזיגען גוטען און פיינעם מענש רופען אַ סך מענשען מיט'ן נאָמען עכן, פונקט ווי יענעם, וועלכער האָט פערבראָכען דעם פערברעך און האָט גענומען פונ'ם חרם...

און דער חרם, פון וועלכען ד ע ר מענש האָט גענומען, איז געווען אַ קליינער, אַ גאָר גאָר קליינער, נאָך קנאַפּער גאָר פון אַ כזית, און זעהן זעהט עס אויס ווי אַן'אייערקיכעל צום עסען און די פאָרם דערפון איז ווי אַ שטיקעל מצה און הייסען הייסט עס — „אַפיקומן"...

— אַ—האַ, מיר ווייסען, מיר ווייסען שוין! — וועלען מאַנכע זיך טראַכטען אין האַרצען. מן הסתם האָט דער דאָזיגער קליינערהייט אַרויס־געגנב'עט דעם אַפיקומן פון אונטער דעם טאַטענס קישען, ווי דער שטיי־גער איז ביי יודען, און דאָס מיינט מען עס דעם חרם און דאָס איז עס דער פערברעך, וועלכען ער האָט פערבראָכען!

אַ טעות, מיינע העררען, אַ טעות! און כדי אייך נישט צו לאָזען פערפיהרען זיך, אייל איך מיך אייך צו זאָגען, אַז נישט אין ניסן, נאָר אין תשרי; נישט ביינאַכט, נאָר בייטאָג און נישט אין דער צייט פון די „סדרים", נאָר אין דער צייט, ווען קיין שום סדר און קיין שום אָרדנונג

איז נישט פאַרהאַן, אַט דענסמאָל האָט דער מאַן געטהון דאָס, וואָס ער האָט געטהון און האָט גענומען פון חרם — דעם אַפּיקומן.

און היינט זעהען מיר דעם מאַן, וועלכער האָט פערשוועכט דאָס הייליגע, טהוט ער ליטער גוטס אין שטאָדט ווי קיין צווייטער נישט, די שטאָדט פערמאָגט נישט קיין גרעסערען בעל-צדקה און נישט פאַרהאַן איז קיין גרעסערער טובה-טהוער פון איהם און איבערהויפּט דערוועקט זיך זיין האַרץ ווען ער הערט וועגען הונגער. ער קען, ווי עס ווייזט זיך אויס, דאָס וואָרט „הונגער" גאָרנישט הערען. און נאָך עפּעס: אַט דער דאָזיגער מאַן, אויף וועלכען מען זאָגט אין שטאָדט, אַז זיין פרומ-קייט איז עפּעס נ י ש ט אַזוי פויגעלדיג, און אַז אויף די מצוות וואָס בּין אָדם למקום איז ער עפּעס נישט אַזאַ שטאַרקער בעלן, און אַנדערע זאָגען אַז אַפילו אום פסח ווערט ביי איהם אין שטוב געגעסען סיי חמץ סיי מצה — אַט דער דאָזיגער, ווי עס קומט דער חודש ניסן, נעהמט ער אויף זיך אויסצוהאַלטען די אָרימע לייט פון זיין שטאָדט מיט מצה, ווי-פיעל זיי זאָלען נישט דאַרפען, און עס האָט גאָר ביי איהם קיין שיעור נישט. יעדערער בעקומט ביי איהם מצות, וויפיעל ער פערלאַנגט. עס ווילט זיך אָפּטמאָל גלויבען, אַז אין דעם מענשען שטעקט עפּעס אַ משוּ-געת, אַ מין מאַניע בנוגע צו מצות, אַזוי אַז אַן דער מצה הענגט זיין גאַנץ לעבען און אַז די מִצוה פון מצה איז ביי איהם איינגערעכענט פאַר אַ מצוה, וואָס וועגט איבער אַלע אַנדערע מצוות און דורך דער מצוה גלויבט ער צו בעקומען אַנ'אויסלייזונג פאַר עפּעס אַנ'עבירה, וואָס ער האָט געטהון און מיט איהר מיינט ער צו דעקען אַנ'אַלטען חוב...

און אַנדערע דערצעהלען גאָר, אַז ביי איהם אויפ'ן האַלז הענגט אַ קמיע, וועלכע ער טהוט נישט אויס, נישט בייטאָג, נישט ביינאַכט, און אויסקוקען קוקט די דאָזיגע קמיע אויס ווי אַ שטיקעל מצה — ווער ווייסט? אפשר איז דאָס אויך אמת! דען ווירקליך איז דער דאָזיגער מענש מחויב צו בענשען די מצה צו יעדער צייט, ווייל נאָר צוליעב אַ שטיקעל מצה איז ער געגאַנגען אַלץ גרעסער און גרעסער, ביז ער איז געוואָרען דאָס, וואָס ער איז היינט...

אַמאָל מאַכט זיך, אַז אַ קליין רעדעל רודערט אויף אַ גאַנצע וועלט, אַמאָל יאָגט איין קליינער שטויס אַ מענשען צו זיין ציעל און אַמאָל ווידער טרעפט עס זיך, אַז איין רגע פון מענשענס לעבען ענ-

דערט די גאַנצע ריכטונג פֿון זיין לעבען, און פֿון דער דאָזיגער רגע ווערט בעשלאָסען זיין מזל אויף זיין גאַנץ לעבען.

איין קליינער שטויס — און אַזאַ קליינעם שטויס האָט בעקומען אויך דער דאָזיגער רייכער מאַן בעת ער איז נאָך געווען אַ קליין יונגעלע, אין יענער צייט, ווען ער האָט נאָך געוואוינט ביי זיין מוטער דער אַלמנה, אויף פּראַגאַ, פֿון יענער זייט בריק, אַ צייט, אין וועלכער ער האָט געוואוסט פֿון געלד נאָר פֿון הערען רעדען און האָט אָנגעזעהן ברויט נאָר איינמאָל אין טאָג. זיין מוטער האָט דאַן געוואוינט אין אַ ענגען פֿינסטערען קעלער, ערגעץ אין אַ פֿערוואָרפֿענעם הינטער-געסעל, און פֿיעל מאָל האָט זי נישט געהאַט צו בעצאָהלען דאָס דירה-געלד אפילו פֿאַר אַזאַ דירה אויך נישט און דער רזשאַנדצאַ פֿון הויז האָט זי געמוזט אַרויסוואַרפֿען פֿון דאָרט. צום אָנהויב פֿלעגט די יודענע פּרובען אַוועקפֿיהרען איהר קליינעם מאיר'ן צו אַ מלמד, כדי ער זאָל לערנען אין חדר און זאָל וועניגסטענס זיין אַ יוד. ווי אָבער זי האָט נישט געהאַט צו צאָהלען פֿאַר איהם און זעהענדיג, אַז דאָס יונגעל האָט נישט קיין גרויס חשק צום לערנען און געהט אַרום לעדיג גאַנצע טעג, האָט זי אָבגעלאָזט דערפֿון — איז ער אַ „שייגעץ", זאָל ער אַליין פֿאַר זיך זאָרגען. זי האָט איהם געפּרובט געבען צו אַ בעל-מלאָכה; אָבער דאָס יונגעל איז אַוועקגעלאָפֿען פֿון מייסטער איינמאָל און צוויימאָל, דען עס איז איהם בעסער געפֿעלען געוואָרען אַרומצוגעהן פּוסט און פּאַסט, און אַזוי איז ער געוואָרען אַ צעלאָזענער, געגאַנגען באָרוועס און נאַקעט און איז אַלעמאָל געווען הונגעריג און דורשטיג — ניין, דורשטיג איז ער קיינמאָל נישט געווען, ווייל וואַסער בעקומט מען אָהן געלד אויך, און נאָר הונגעריג איז ער געווען, שטענדיג הונגעריג, דען ברויט קריגט מען נישט אָהן געלד. אַמאָל פֿלעגט ער זוכען אַ שטיקעל ברויט ביי זיין מוטער אין שטוב און פֿלעגט געפֿינען, און אַמאָל ווידער פֿלעגט ער זוכען און נישט געפֿינען. וואָס אמת איז — די תּורה פֿון הונגערן האָט דאָס יונגעל אויסגעלערנט ביז'ן גרונד, און מיט אַלע פּינטעלעך און מיט אַלע מפֿרשים. און טיילמאָל ווען די מאַמע זיינע פֿלעגט אויפֿשטעהן גאַנץ פֿריה און אַוועקגעהן אין שטאָדט אַריין האַנדלען און פֿערדיענען עפּעס אויף היונה, פֿלעגט דאָס יונגעל וואַרטען גאַנץ געשמאַק ביז נאָך האַלבען טאָג און ער איז נישט אונגעדולדיג געוואָרען וואַרטענדיג.

אָבער אויך די מלאָכה פון הונגערן איז נישט אַזוי לייכט, און אָפט טרעפט עס, אַז אַפילו איהרע בעסטע תלמידים האַלטען נישט אויס די פראָבע און וואַרפען זי אַוועק, ווייל עס קלעקט זיי נישט קיין גע-דולד. אָפט האָט אויך דאָס יונגעל שוין מעהר נישט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטען און די צייט איז איהם געוואָרען צו לאַנג אַביסעל; דאַן האָט ער פערשאָלטען דעם הונגער, צו וואָס איז ער גאָר בעשאַפען גע-וואָרען. נישט גוט אַז אַ מענש איז הונגעריג.

ערב שבת איז עס געווען, אַ טאָג פאַר „שבת שובה". די אַלמנה איז אַוועק אין שטאָדט אַריין כמעט פאַרטאָגס נאָך, נאָכדעם ווי זי איז געווען אין ווייבער-שוהל הערען סליחות, און פון דאָרט איז זי אַוועק מיט איהרע קאָשיקעס — און מאיר איז געבליבען אין שטוב און האָט געוואַרט. אַלעמאָל איז ער אַרויסגעגאַנגען און איז ווידער אַריינגעקומען, אַרויס און אַריין, און פּלוצלינג האָט ער דערפיהלט, אַז עפּעס אַ שלעכ-טער מלאָך קומט און פייניגט איהם, דער מלאָך פון הונגער, און דאָס יונגעל האָט געשפירט, ווי זיין מאָגען איז איהם זעהר לעדיג. אמת, אַז נישט דאָס ערשטע מאָל האָט ער זיך אַזוי געשפירט, אמת, אַז דאָס דאָ-זיגע האָט זיך מיט איהם געטראָפען אויך נעכטען און אייערנעכטען, אָבער דער, וואָס האָט ליעב זיין מלאָכה, קומט זי אַלע טאָג אויס ניי ביי איהם!

אין אָנפאַנג האָט ער זיך גאָרנישט געמאַכט פונ'ם הונגער און האָט מיט די ליפען אויסגעפייפט דעם „וְיֶאֱתָיוּ", וועלכען דער חזן האָט געזונגען דעם לעצטען ראש-השנה. אָבער דאָס פייפען פון די ליפען איז געוואָרען וואָס אַמאָל שוואַכער און נאָר דאָס פייפען און בורטשען פון די לעדיגע קישקעס האָט זיך געלאָזט הערען וואָס אַמאָל שטאַרקער און שטאַרקער. דאָס יונגעל האָט גענומען אַרומלויפען אין צימער אַהין און צוריק, האָט געזוכט אינ'ם שראַנק און אינ'ם קופער, אין טישקעסטעל און אויף דער פּאָליצע, אפשר וועט ער פּאַרט וואָס געפינען, און האָט אָבער גאָרנישט געפונען. דאָ האָט ער דערזעהן אויף דער קיך אַ פולען טאָפּ, און ער איז צוגעלאָפען און האָט אַריינגעשטעקט די האַנד און זי ווידער אַרויסגענומען און ער האָט גענומען זי אַרומלעקען, ווי אַ הונד — דאָס איז אָבער מעהר נישט געווען ווי אַביסעל שוואַרצע ציקאָריע, און דערפון האָט מען גאָרנישט. און דער הונגער ווערט אַלץ וואָס אַמאָל

שטאַרקער, וואָס אַמאָל גרעסער! פעראומערט און טרויעריג זיצט ער און ער הערט זיך צו ווי דער זייגער געהט: איינס-צוויי, צוויי-דריי, — און נישט ווילענדיג גיט ער אַ קוק פון וואַנען עס הערט זיך דער אָבקלאַנג. ער דערזעהט די וואַנד, און אין איהר אַ טשוואָק, אויף וועלכען עס הענגט דער זייגער. און פלוצלינג — אויף אַ שטיקעל ווייסען פאָדעם הענגט, צוגעבונדען צום זייגער, אַ שטיקעל טרוקענע מצה, גרויס ווי די העלפט פון אַפיקומן...

און דאָ דערמאָהנט ער זיך, אַז אָט דאָס שטיקעל אַפיקומן האָט זיין מאַמע בעהאַלטען אויף דעם דאָזיגען אָרט נאָך אין דעם לעצטען פסח, אַזוי ווי דער מנהג איז ביי פרומע יודען, וואָס לאָזען יעדעס מאָל איבער אַ שטיקעל פון אַפיקומן און הענגען עס אויף אויף אַ אָנזעהעוודיגען אָרט, עס זאָל דאָרט הענגען פון איין פסח ביז צום צווייטען, פון דער צווייטער סדר-נאַכט ביז בדיקת חמץ.

דעם יונגעל איז ליכטיג געוואָרען אין די אויגען...

אָבער נאָר אויף אַ רגע. דען באַלד האָט ער בעקומען צוויי שווערע דאַגות פאַר איינמאָל. ערשטענס: ווי וועט ער דערלאַנגען צום אַפיקומן און ער איז דאך נאָך גאָר אַזאַ קליינער און דער זייגער הענגט פיעל העכער פון איהם? אָבער דאָס אַליין וואָלט נאָך נישט אויסגעמאַכט, ווען נישט די צווייטע טויזענדמאָל שווערערע דאגה: אָט דאָס שטיקעל מצה איז דאָך עפעס הייליגס און מען מעג נאָר קוקען דערויף און נישט נהנה זיין דערפון, און ווער ווייס, צי וועט ער נישט שטאַרבען באַלד ווי ער וועט זיך נאָר צוריהרען דערצו, און ווער ווייס, וואָס וועט נאָך זיין שפעטער, און ווער ווייס...

דערווייל מאַטערט איהם דער הונגער און ער ווערט וואָס אַמאָל שטאַרקער, וואָס אַמאָל גרעסער! פון דער רעכטער זייט שטעהט דער שטן — ניין, נישט נאָר פון דער רעכטער זייט, נאָר אויך פון דער לינקער, און פון פאָרענט און פון הינטען, און אין האַרצען זיצט ער, דער שטן, און אין קאָפּ, און ער שרייט נישט אויף איהם, נאָר אַדרבא, ער רעדט צו איהם מיט אַ ווייכער און אַ זיסער שטי-מע: „מאיר, מאיר! צו וואָס זאָלסטו זיין אַ בהמה? צו וואָס זאָלסטו

שטאַרבען פון הונגער פאַר דער צייט, װען די האָסט אַ שטי־קעל עסענװאַרג פאַר די אויגען? אוי, מאיר, מאיר!״...

און מאיר טראַכט ביי זיך: די מצה װעט ער נישט עסען, נאָר גלאַט אַזוי, מיט דער האַנד װעט ער זי אָננעהמען און מעהר נישט װי מיט׳ן פינגער װעט ער זי אָנריהרען און דאַן באַלד אַװעק־לעגען צוריק אויף דעם אָרט, אַזוי װי זי איז געלעגען.

אָט דאָ נעהמט ער דעם טיש און רוקט איהם צו מיט דעם לעצטען כּוח ביז צו דעם אָרט, װאו דער זייגער הענגט. װי אָבער ער איז אַרויפגעקראָכען אויפ׳ן טיש און זיך געשטעלט אויף איהם, האָט ער איינגעזעהן, אַז ער איז אַלץ נאָך צו קליין, אום צו דער־לאַנגען ביז צו דער מצה. ער איז נאָכאַמאָל אַראָבגעקראָכען, האָט גענומען אַ שטוהל און האָט איהם אויפגעהויבען און אַרויפגעשטעלט אויפ׳ן טיש אַרויף. דערנאָך איז ער אַרויף אויפ׳ן טיש, און פון טיש האָט ער אַרויפגעקלעטערט אויפ׳ן שטוהל, און שטעהענדיג אויפ׳ן שטוהל, האָט ער מיט די פינגער דערלאַנגט ביז צו דעם שטיקעל מצה...

עפּעס װי אַן׳עלעקטרישער שטראָם איז אַריבער דורך זיינע גלידער אין דער מינוט, װען ער האָט זיך צוגעריהרט צו דער מצה! אמת, ברויט האָט דאָס יונגעל געלערנט צו שעצען פון אייביג אָן, עפּעס אַ גרויסע, אַ װיכטיגע זאַך איז פון תמיד אָן אין זיינע אויגען געװען אַלצדינג, װאָס איז בעשאַפען געװאָרען אין געשטאַלט פון אַ לעבעל ברויט. אָבער דאָס מאָל, װי ער איז אַזוי געשטאַנען אויפ׳ן שטוהל איבער׳ן טיש און האָט געהאַלטען דאָס שטיקעל טרו־קענע מצה אין זיינע פינגער, האָט איהם עפּעס אַ שטימע פון אי־נעװעניג אַ זאָג געטהון: זעה מאיר, אויב יעדער ביסען איז היי־ליג, איז דער דאָזיגער דאָ הייליג איבער אַלע הייליגקייטען!

אָט ליגט דער גן-עדן פאַר זיינע אויגען, און ער קען אין איהם נישט אַריין; אָט ליגט אויסגעגאָסען פאַר איהם דאָס הייליגע און געבענטשטע לאַנד, און ער זעהט עס, און קען דערצו נישט צוקומען!...

דאָס יונגעל האָט אַ גרויסען זיפץ געטהון — און איז אַראָב אויף דער ערד.

פרישמאַן מיט זיין פרוי לילי

אָבער דער שטן איז אויך אַראָב צוזאַמען מיט איהם — און מאיר האָט נישט קיין מנוחה און זיין תאוה ברענט אין איהם, פונקט ווי אַ פייער... „מאיר, מאיר! צו וואָס זאָלסטו זיין ווי אַ פערד, ווי אַנ׳אייזעל, און צו וואָס זאָלסטו שטאַרבען פאַר דער צייט און צו וואָס זאָלסטו אויסגעהן פאַר הונגער? איז דען דאָס דאָזיגע שטיקעל מצה אַנדערש פון יעדען אַנדערען עסענוואַרג, וואָס איז פאַרהאַן אויף דער וועלט? ביזט הונגעריג, טאָ נעהם און עס!

צי איז ער הונגעריג... הונגעריג איז ער דוקא זעהר, און דעם אמת רעדענדיג, איז דאָך דאָס שטיקעל מצה נישט אַנדערש אויף אַ האָר פון יעדען אַנדערען עסענוואַרג, וואָס איז פאַרהאַן אויף דער וועלט, און וואָס האָט ער דאָ אַזוי מורא צו האָבען און צו אַנטלויפען דערפאַר?

פלוצלינג דערמאָהנט ער זיך אָן זיין מאַמען און אָן דעם לעדערנעם פאַסעק וועלכען זי האָט, און אַז זי איז גרייט צו יעדער צייט, איהם צו ממית׳ן פאַר אַזאַ גרויסע עבירה...

אָבער אין אַ מינוט אַרום איז שוין ביי איהם דאָ גאָר אַנ־אַנדערע מחשבה: וואָרום ווער זאָגט עס, אַז דו וועסט בלייבען זיצען אין שטוב? ווער וועט דיר צוהאַלטען די פיס, אַז דו זאָלסט נישט קענען אַנטלויפען? נעהם און עס! קריך אַרויף אויפ׳ן טיש און עס, עס און ווער זאַט, וויש אָב די ליפען און — ויברח!

אין אַ מינוט אַרום שטעהט שוין מאיר ווידער אויפ׳ן שטוהל איבער׳ן טיש, נעהמט מיט דער האַנד דאָס שטיקעל אַפיקומן און קעהרט עס אַהין און אַהער, אַמאָל אַזוי און אַמאָל אַנדערש, און ער קען זיך גאָרנישט זאַט גענוג אָנקוקען פון איהם. זיין מאָגען ווערט אָבער מיט׳ן קוקען אַליין נישט זאַט. און פאָרט האָט דאָס יונגעל אַלץ מורא זיך צוצוריהרען צו דעם הייליגען ביסען. דער דאָזיגער ביסען איז הייליג, איז אָבגעשיידט, איז פאַר גאָטס וועגען — און עפעס אַ גוטער מלאך, וואָס איז געשלאָפען ביז יעצט אין אַ פערבאָרגען ווינקעלע פון זיין האַרץ, האָט זיך אויפגעכאַפּט און האָט איהם געשעפּטשעט אין אויער אַריין, אַז ווען ער טהוט עס, איז עס גלייך ווי ער וואָלט געהרגעט אַ מענשען. פלוצלינג פערגעסט דאָס יונגעל גאָר אינגאַנצען אַלע חקירות און אַלע מחשבות

און אַלע פילאָזאָפישע פלפולים, און איידער ער האָט נאָך צייט צו בעקלערען וואָס מיט איהם איז געשעהן און פאַרוואָס טהוט ער עס אַזוי, ליגט דאָס שטיקעל מצה שוין צווישען זיינע ליפּען. ער לעקט אַרום דעם שטויב, וואָס איז געדיכט אָנגעלעגט אויף דעם שטיקעל מצה. דער שטויב קריכט איהם אין מויל און לעגט זיך איהם אויף דער צונג און דאָס יונגעל ניסט דערפון און שפּייט אויס, וואָס ער האָט געלעקט. אַזוי — טראַכט ער זיך אין האַרצען— דאָס הייליגע איז אויך נישט קיין גרויסער מאַכל און האָט גאָרנישט אַזאַ וואַזשנעם טעם! — דאָס שטיקעל מצה לאָזט ער אָבער פון די פינגער נישט אַרויס, און נישט וויסענדיג וואָס ער טהוט, שאָקעלט ער עס שטאַרק אַהין און צוריק און בלאָזט אַראָב דערפון דעם שטויב. אין דער דאָזיגער רגע קומט איהם אויף אַ נייער געדאַנק: עסען וועט ער עס נישט. ער וועט עס מעהר נישט ווי אַרומגרי־זשען מיט די צייהן, אַרום און אַרום, כּדי עס צו מאַכען קיילעכ־דיג, ווייל עס איז מיט שפּיצען און נישט אַזוי קיילעכדיג, ווי עס געהער צו זיין...

ער עסט נישט די מצה, נאָר ער נעהמט און גריזשלעט זי אַרום מיט זיינע צייהן פון איין עק ביז׳ן אַנדערן — און דאָס אַלץ טהוט ער נאָר צוליב דעם, וואָס זיין גוט האַרץ קען נישט זעהן ווי דאָס שטיקעל מצה קוקט נישט אויס געהעריג שעהן. ער שמעלט זיך אָב אויף אַ רגע, און דאָ זעהט ער, אַז די מצה איז נאָך אַלץ נישט אַזוי, ווי עס בעדאַרף צו זיין. ער נעהמט זיך צוריק צו דער אַר־בייט, אפשר וועט ער דאָך קענען מאַכען פון דער מצה אַזאַ רעדעל, ווי ער וויל, און אפשר וועט שוין יעצט אַרויסקומען די פאָרם גוט. וויפיעל פילאָזאָפען האָבען שוין אָבער פערלוירען זייערע כּוחות און זייערע יאָהרען, קלערענדיג אַלץ וועגען שטאָף און וועגען פאָרם, און האָבען נאָך אַלץ גאָרנישט אויסגעקלערט. די חקירה וועגען שטאָף און פאָרם איז אַ פּנים גאָרנישט אַזוי לייכט — און אויך אונזער קליינער פילאָזאָף, ווי ער האָט זיך אַזוי אָבגעמאַטערט צו שאַפען אַ שעהנע פאָרם, האָט ער דערווייל פערגעסען און האָט נישט בעמערקט, אַז דער שטאָף איז געוואָרען וואָס אַמאָל קנאַפּער און וואָס אַמאָל וועניגער. פון דעם גרויסען שטיק איז שוין מעהר נישט

געבליבען ווי אַ קליין ברעקעל, און אויך דאָס דאָזיגע ווערט וואָס אַ רגע קלענער. דאָס יונגעל אָבער קען זיך אַלץ נאָך נישט בערויהיגען. די פראַנצויזען זאָגען, אַז מיט'ן עסען קומט אויך דער אַפעטיט, און אַזוי אויך מיט דעם פילאָזאָפירען קומט די לוסט צום פילאָזאָפירען. ווייבאַלד דאָס יונגעל האָט נאָר אָנגעהויבען צו פילאָזאָפירען און צו חוקר'ן האָט ער שוין נישט אויפגעהערט, און ער האָט געקלעהרט און פילאָזאָפירט ביז'ן גרונד אַריין. אויסגעגאַנגען נאַטירליך איז איהם אַזאַ סוף, ווי עס געהט אויס אַלע פילאָזאָפען און אַלע חוקרים: סיי פון שטאָף און סיי פון דער פאָרם איז גאָרנישט געבליבען, און געבליבען איז נאָר דער רעיון אַליין.

גאַנץ שטיל איז אין צימער און עס הערט זיך נישט מעהר ווי דער זייגער, ווי ער געהט — מיטאַמאָל האָט דאָס יונגעל זיך אַרומגעזעהן, וואָס ער האָט דאָ געטהון.

עס איז איהם מיטאַמאָל בעפאַלען אַ גרויסע טרויעריגקייט, און עפּעס האָט איהם אָנגעהויבען צו דריקען אין האַרצען ווי נאָך קיינמאָל נישט. מיט גרויס קלעמעניש איז ער פּאַמעליך אַראָב פון שטוהל אויפ'ן טיש, און פון טיש איז ער אַראָבגעקראָכען אויף דער ערד, און דאָס האַרץ האָט איהם געקלאַפּט, ווי נאָך קיינמאָל נישט ביז יעצט.

פלוצלינג ווערט איהם קלאָר, אַז ער איז בעגאַנגען נישט נאָר אַ גרויס פערברעכען, נישט נאָר אַזעלכעס, וואָס אַפילו אַ גוי טהוט עס נישט, נאָר עס קומט איהם פאָר, אַז ער האָט געגנבעט און געגזל'ט און געהרגעט און געטהון אַלע עבירות, וואָס שטעהן אין דער תורה און וואָס שטעהן נישט אין דער תורה געשריבען, אין דער דאָזיגער מינוט דערמאָהנט ער זיך אָן דעם מאַן, וואָס וועגען איהם האָט ער פאַר צוויי יאָהרען געלערנט אין חדר, ווי אַזוי יענער האָט אויך אַזוי גענומען פון דעם חרם און האָט פערבראָכען אַ פערברעכען, צוליב וועלכען עס זענען אַלע יודען געשלאָגען געוואָרען אין דער מלחמה, און ווי אַזוי מען האָט איהם צום סוף פערוואָרפען מיט שטיינער און איהם געטויט און אַרויפגעלעגט אויף איהם אַ גרויסען באַרג שטיינער. ער מאַכט-צו די אויגען און זעהט

דעם באַרג, און דער באַרג איז אַזוי גרויס, אַזוי גרויס, אַזוי גרויס, און ער ווערט וואָס אַמאָל גרעסער, אַז דער שפּיץ פון איהם דער־גרייכט שוין ביז׳ן הימעל אַריין... ווי הייסט ער, יענער? ווי איז געווען זיין נאָמען? און וואָס מעהר ער מאַטערט זיך, קען ער זיך אַלץ נישט דערמאָהנען — און גאָר פּלוצלינג האָט ער זיך דערמאָהנט: עכן, עכן האָט ער געהייסען, און געווען איז ער דער זוהן פון כּרמי...

אין דער זעלבער מינוט איז זיין מוטער אַריינגעקומען אין צימער, צוריקקומענדיג פון שטאָדט.

די יודענע דערזעהט דעם טיש נעבען דער וואַנד און דער שטוהל אויף איהם, און זי קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטען און אין דער זעלביגער רגע ווייסט זי שוין, וואָס איהר זוהנדעל האָט דאָ אָבגעטהון: אויסגערוימט האָט ער פון שטוב דאָס, וואָס איז הייליג, אויפגעגעסען האָט ער דאָס, וואָס איז אָבגעשיידט, פּעראומריינינגט האָט ער זיך, און גאָט האָט ער דערמיט געלעסטערט און דערצערנט. און נישט אין איינעם פון די געוועהנליכע טעג האָט ער דאָס אַלץ געטהון, נאָר אין איינעם פון די עשרת־ימי־תּשובה, בין כּסא־לעשור, צווישען ראש־השנה און יום־כּפּור. ווער ווייסט, וויפיעל קליינע קינדער עס וועלען יעצט שטאַרבען, און ווער ווייסט, צי עס וועט זיך נישט עפענען די ערד און וועט זי נישט איינשלינגען, פּונקט ווי זי האָט איינגעשלונגען קורח׳ן מיט זיין געמיינדע, ווי עס שטעהט געשריבען אין דער הייליגער תּורה!...

אין דער ערשטער מינוט האָט זי גאָרנישט געוואוסט, וואָס זי זאָל טהון. די ערשטע זאַך איהרע איז געווען, צו נעהמען אַ שטיק האָלץ, מיט וועלכען זי האָט געשלאָגען דעם זוהן איבער די פּלייצעס וואָס אַמאָל מעהר און וואָס אַמאָל שטאַרקער. דאָס יונגעל האָט געשריגען און געמאַכט געוואַלדען און איז אַרויסגעלאָפען. נאָכדעם האָט זי געשווינד גענומען און איז אַוועק צום רב, כּדי איהם צו פרעגען: אפשר קען ער נאָך מציל זיין, אפשר קען ער נאָך העלפען.—

דערוויילע איז דאָס יונגעל אַרומגעלאָפען אָהן ציעל און אָהן צוועק, געלאָפען איבער גאַסען און געלאָפען איבער פּלעצער, און האָט זיך נישט אָבגעשטעלט אויף אַ מינוט. אָט איז ער פאַר דער

ווייסעל און אַ רגע האָט ער זיך אָבגעשטעלט אויפ׳ן זאַמד, וואָס איז ביים ברעג פון טייך — און אויפ׳ן האַרצען איז איהם אַזוי שווער, פונקט ווי אַ גרויסער שטיין וואָלט איהם געלעגען. זאָל ער אַריינוואַרפען אין וואַסער אָט דעם דאָזיגען שטיין צוזאַמען מיט זיין האַרץ און מיט זיין קערפּער? ער שטעהט אַזוי און קוקט זיך צו, ווי די גרויסע בערלינקעס מיט האַלץ שווימען אויפ׳ן וואַסער און קליינע שיפלעך, צעבראָכענע און איבערגעקעהרטע מיט׳ן דעק אַרויף ליגען נאָהנט ביים ברעג און קוקען צו איהם אַרויף — ער ווייסט נישט וואָס ער זעהט, און פּלוצלינג צעוויינט ער זיך אויפ׳ן קול, דערנאָך כאַפּט ער זיך אויף און לויפט ווייטער. מיט איינמאָל דערשפּירט ער, זיינע באָרוועסע פיס זענען געשוואָלען און ער איז זעהר מיעד און דער קאָפּ דרעהט זיך איהם ווי אַ מיהל...

וואוהין לויפט ער? וואָס וועט זיין זיין סוף?...

זיין ס ו ף??... אויף אַ רגע האָט זיך דאָס יונגעל אָבגעשטעלט און שווער אָבגעעטעמט. עפּעס אַ ניי געפיהל, וואָס איז איהם אומבעקאַנט, איז איהם אַדורך דורכ׳ן האַרץ. איז דאָס נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער פרעגט זיך וועגען זיין תכלית און וועגען דעם, וואָס וועט אַרויסקומען פון איהם?... און דער דאָזיגער געדאַנק האָט איהם שוין מעהר נישט אָבגעלאָזט.

אַמאָל מאַכט זיך, אַז אַ קליין רעדעל רודערט-אויף אַ גאַנצע וועלט, און אָפטמאָל טרעפט עס, אַז א י י ן רגע אין מענשענס לעבען ענדערט די גאַנצע ריכטונג פון זיין לעבען.

נאָך א י י ן מחשבה קומט אַ צווייטע; נאָך א י י ן געדאַנק — אַ צווייטער, ווער קען צעהלען אָט יענע מחשבות? ווער קען זיי קאָנטראָלירען, אָט יענע אַלע געדאַנקען?...

אין אַ ווײלע אַרום האָט דאָס יונגעל שוין געוואוסט אויף ריכטיג, אַז ער האָט גאָרנישט געזינדיגט און איז קיין שום פערברעכען נישט בעגאַנגען דערמיט, וואָס ער האָט געגעסען די מצה, קיינער קען נישט האָבען קיין פּרעטענזיע צו דעם, וועלכער גנב׳עט כּדי צו האָבען וואָס צו עסען. אין אַ שעה שפּעטער איז שוין דאָס יונגעל דערגאַנגען מיט זיינע חקירות ביז צו דער גרויסער פראַגע וועגען „אַרבייט און קאַפּיטאַל”, וועגען רייך און אָרים, וועגען די

אַלע בעקוועמליכקייטען, וואָס עס האָבען די רייכע און וועגען די אַלע צרות, וואָס עס ליידען די אָרימע. נאָך אַ שעה איז אַריבער, און דאָס יונגעל האָט אָנגעהויבען צו בעקלערען, וואָס הייסט אַר-בייטען און וואָס הייסט אַרומגעהן לעדיג. מיט איינמאָל איז ער דער-גאַנגען, אַז ער האָט ביז היינט זעהר גזינדיגט דערמיט, וואָס ער איז די גאַנצע צייט אַרומגעגאַנגען פוסט און פּאַסט און האָט גאָר-נישט געטהון. נאָר דערמיט וועט ער זיך אויסקויפען, ווען ער וועט נעהמען אויף זיך, אַז פון הייגטיגען טאָג אָן און ווייטער וועט ער שוין מעהר נישט רוהען און וועט נישט שלאָפען און נאָר טהון וועט ער און האָרעווען, אָהן אַ סוף און אָהן אַ תכ׳ית, ביז עס וועט קומען די צייט און ער וועט ווערען רייך און האָבען פערמעגען...

פלוצלינג קומט ער אַרויף אויפ׳ן רעיון, אַז אַלץ ווענדט זיך נאָר אָן מענשענס רצון און אָן זיין פעסטען כאַראַקטער, און אַז אַ מענש וויל, קען ער ווערען אַפילו רייך און מאַכען אַ פערמעגען.—

אַ ווײלע איז ער געבליבען שטעהן. די לעצטע זונענשטראַה-לען האָבען אויסגעגאָסען אַ רויטליכען שיין אויף זיין געזיכט, און דער אָבשלאָג פון דעם שיין איז אַרויף אויף זיינע אויגען און אויף זיינע באַקען און אויף די ליפּען, וועלכע זענען געוואָרען רויט. דאָס יונגעל האָט זיך דאָן געגעבען אַ שבועה: נישט רוהען וועט ער און נישט אויפהערען צו האָרעווען, ביז וואַנען ער וועט נישט ווערען זעהר רייך און וועט נישט מאַכען אַ פערמעגען און ביז וואַנען ער וועט נישט ווערען גאָר אַ גרויסער גביר, ווי די גרעסטע גבירים אין שטאָדט!

נאָכדעם האָט ער זיך געגעבען די צווייטע שבועה: אַז ער וועט זיין אַ רייכער, זאָל ער קיינמאָל נישט פערגעסען אָן זיין ברודער, דעם אָרימאַן, ווייל ער איז אויך „געוועזען" אַנ׳אָרימאַן, און ער ווייס דעם אָרימאַנ׳ס נשמה!

און נאָך אַ דריטעס: ווען ער וועט ווערען רייך און וועט האָבען אַ גרויס פערמעגען און וועט שפּיעלען אַ גרויסע ראָליע, זאָל ער נישט פערגעסען אָן דער מצה, וואָס דורך איהר איז ער פון דער פינסטער אַרויס צו ליכט, פון לעדיגגעהן צו אַרבייט און וואָס צוליב איהר נאָר האָט ער „דערגרייכט" דאָס אַלץ!

די אויגען זענען איהם ליכטיג געוואָרען, און ער איז געוואָרען רוהיג. —

אין אָוונד איז ער געקומען צו דער מוטער אַהיים און ער איז געווען זעהר פערמאַטערט, און די מוטער איז נישט מעהר געווען בייז און האָט איהם מעהר גאָרנישט געטהון. צי האָט דאָס דער רבי געמאַכט? צי האָט ער עס זי בערוהיגט, נאָכדעם ווי זי האָט איהם געפרעגט? שטיל און ווייך האָט זי מאיר׳ן געפרעגט, צי ער האָט שוין געדאַווענט מעריב אין שוהל, האָט איהם געגעבען צו מאַכען קידוש און האָט איהם דערלאַנגט עפּעס אַ ברעקעל פיש און אויך פליייש.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דאָס יונגעל נעלם געוואָרען און מען האָט איהם אין פּראַגאַ נישט געזעהן. אין איינינע טעג שפּעטער האָט די מוטער זיך דערוואוסט, אַז איהר מאיר „טהוט“ ביי איינעם אַ שוסטער אויף פראַנצישקאַנער גאַס.

נאָר דאָרט האָט ער נאָך אויך נישט געהאַט קיין רוה. פון שוסטער איז ער אַוועק און איז אָנגעקומען צו אַ שניידער. איז אַוועק פון שניידער און איז געוואָרען אַ געזעלען ביי אַ בעקער, און פון דער בעקעריי איז ער אויך אַוועק און איז געוואָרען אַ פּערקויפער אין אַ מאַגאַזין פון פאַרטיגע מלבושים. דאָרט האָט ער געאַרבייט פון דער פריה ביז אין דער נאַכט אַריין און איז געווען אַנ׳אויסגעצייכענטער פערקויפער. זיין בעל-הבית האָט איהם ליעב געקריגען.

מיט איינמאָל איז מאיר פערשוואונדען געוואָרען, און חדשים לאַנג און יאָהרען האָט די מוטער פון איהם קיין שום ידיעה נישט געהאַט. ערשט אין אַ פּאָר יאָהר שפּעטער האָט די מוטער בעקומען פון איהם דאָס ערשטע געלד, וואָס ער האָט איהר געשיקט פון זעהר אַ ווייטער שטאָדט, פון שיקאַגאָ אין אַמעריקא. דערנאָך האָט ער געשיקט אַלע חודש וואָס אַמאָל מעהר.

צוואַנציג יאָהר זענען אַריבער. אין וואַרשאָ איז אָנגעקומען עפּעס איינער, וואָס קיינער האָט נישט געוואוסט, ווער ער איז און פון וואַנען ער שטאַמט, נאָר דאָס האָט מען געוואוסט, אַז ער איז איינער פון די רייכסטע אין שטאָדט און אויף סענאַטאָרען-גאַס

האָט ער אַנ׳אײגען הויז און אויפ׳ן שילד, וואָס הענגט איבער זײנע פענסטער איז אויסגעקריצט מיט גאָלדענע אותיות: „באַנק-געשעפט פון מאַקס פראַנק״.

צו די בעקאַנטע זײנע אָבער זאָגט ער: רופט מיך נישט פראַנק, רופט מיך „עכן״! און אַז עס איז איהם גוט אויפ׳ן האַרצען, דערצעהלט ער די מעשה, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט.

און דער מאַן האָט געהאַלטען וואָרט. ער איז רײך געוואָרען און האָט געשפּיעלט אַ גרויסע ראָליע, און אויך דעם אָרימאַן האָט ער נישט פערגעסען ביז הײנטיגען טאָג...

און נאָך אַ דריטעס: אַנדערע זאָגען, אַז ער האָט אַ קמיע וואָס הענגט איהם אויפ׳ן האַלז און ער טהוט זי נישט אויס נישט בײטאָג און נישט בײנאַכט, קוקען קוקט זי אויס, די קמיע, ווי אַ שטיקעל מצה.

אַ קלײן שטיקעל מצה האָט געבראַכט אַ מענשען דערצו, אַז ער זאָל פון אַ קנעכט ווערען אַ פרײער מענש, פון אַ לעדיגעהער זאָל ער ווערען אַנ׳אַרבײטס-פלײסיגער און פון אָרימען שטאַנד זאָל ער צוקומען צו עשירות!

# געגעסען

א מעשה פון דריי, וואָס האָבען געגעסען.

ניש איין אַנ׳איינפאַכען געוועהנליכען טאָג האָבען זיי געגע־סען, נאָר אום יום־כפור; נישט בעהאַלטענערהייט, וואו קיינער זעהט נישט, נאָר עפענטליך, אין דער גרויסער שוהל, פאַר דעם גאַנצען עולם; און נישט עפּעס פּראָסטע גאַסענמענשען זענען עס געוועזען, וואָס קיינער קען זיי נישט און קיינער ווייסט זיי נישט, נאָר די גרעסטע חשובים, די אָנגעזעהענסטע, די גרעסטע לייט פון שטאָדט: דער רב און די ביידע דיינים — און פּאָרט זענען זיי געבליבען אויך ווייטער, נאָך דער מעשה פון׳ם עסען, די גרעסטע חשובים פון דער שטאָדט, און גאַנץ קהל האָט אויף זיי געקוקט, ווי מען קוקט אויף הייליגע...

עפּעס אַ מערקווירדיגע מעשה!

איך בין געוועזען דענסמאָל נאָך אַ קליין קינד און האָב נישט רעכט פערשטאַנען, וואָס עס טהוט זיך; אָבער געפיהלט האָב איך פּאָרט שוין, אַז דאָ ווערט עפּעס אַ גרויסע זאַך געטהון.

יאָ, עס זענען דענסמאָל געווען ביטערע, פינסטערע טעג, ווי קיינמאָל נישט פריהער און קיינמאָל נישט דערנאָך. אַנ׳אומגליק איז געוועזען פון הימעל געקומען — צום ערשטען מאָל איז עס געקומען — און גערופען האָט מען עס מיט דעם נאָמען: כאָליעראַ!...

פון ווייטע לענדער, פון אַזיען, איז זי געקומען צופאָהרען, און איז צו אונז, צו אונזער קליינעם שטעדטעל דערגאַנגען. אין דער גאַס האָט זי געאַרבייט אונדערבאַרעמליך און אין די הייזער האָט זי געשטיקט אָהן אַנ׳אויפהער. שטיל האָט זי זיך געשלעפּט דורך די נעכט און אומגעזעהן דעם העלען ליכטיגען טאָג. ווער קען צעהלען די טויטע, וועלכע זענען געפאַלען יענע טעג? ווער קען זיי

אָנרופען ביי די נעמען און ווער ווייסט דעם חשבון פון די פרישע בערגלעך, פון די נייע קברים?...

איבערהויפט האָט די מגפה מעשים געאַרבייט אין דער יודי־שער גאַס. ווי די פליעגען זענען דאָרט געפאַלען יונג און אַלט, קליין און גרויס. עס איז נישט געווען קיין הויז, וואו עס זאָל נישט זיין כאָטש עטליכע טויטע.

אויבען, אין דעם דאַך־שטיבעל, איבער דער וואוינונג פון מיינע עלטערן, זענען געפאַלען אין איין טאָג ניין נפשות; אונטען, אין דער קעלער־שטוב אונטער אונז, איז געשטאָרבען אַ מאַמע מיט פיער קינ־דערלעך, און אין דעם הויז אַקעגען האָבען מיר געהערט די גאַנצע נאַכט קרעכצען און איינדערפריה האָבען מיר זיך דערוואוסט, אַז עס איז דאָרט קיין איינציגער נישט געבליבען לעבען...

און די מתעסקים זענען אָבגעשטאַנען און די מקברים זענען מיעד געוואָרען און האָבען נישט מעהר געקענט די אַרבייט בייקומען. ווי זאַמד זענען די טויטע געלעגען אויף דער ערד, אַ גוף נעבען אַ גוף, און קיינעם האָט עס נישט מעהר געאַהרט. וואָס האָט דענסמאָל שוין אַ מענש אויסגעמאַכט? ווער האָט דענסמאָל גאָר געקוקט דערויף?

און אַזוי איז אַוועק דער זומער, אַלעמאָל ווייטער, און דערנאָך זענען געקומען די הייליגע טעג, און נאָך זיי דער הייליגסטער טאָג פון אַלע, דער יום־כפור.

און דאָס איז דער טאָג, וועלכען איך וועל שוין קיינמאָל נישט פערגעסען אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבען, און ווען איך זאָל אַפילו אַזוי אַלט ווערען ווי מתושלח!

אָט איז דער כל־נדרי...

פאַר׳ן עמוד, ביים אָרון־קודש, שטעהט דאָסמאָל נישט דער חזן מיט צוויי חשוב׳ע בעלי־בתים, ווי דער מנהג איז פון קדמונים, נאָר עס שטעהט דער רב מיט זיינע צוויי דיינים. אַרום און אַרום ברענען די ליכט, און ברענענדיג קנאַקען די פלאַמען פאַמעליך. דער עולם שטעהט צו דער וואַנד צו, איינגעהילט אין די טליתים און אין די ווייסע קיט־לען, מיט ווייסע יאַרמאָלקעס און ווייסע גאַרטלען; אויף די וואַנד פליסען די שאָטענס אַהין און אַהער און שאָקלען זיך אָהן אַנ׳אויפהער, און פיעל שטעהען און קוקען אָן די שאָטענס אויף די וואַנד. זענען עס

אפשר די טויטע, וועלכע זענען היינט, וועלכע זענען נעכטען, וועלכע זענען עהערנעכטען געשטאָרבען? שאָקלען זיי זיך דאָ אויף די ווענד? קענען זיי נישט איינרוהען אין זייערע קברים און זענען דאָ אַהער געקומען?...

שטיל! דעם רב'ס קול הערט זיך איצט, און דערנאָך דאָס קול פון די דיינים — און דערנאָך ציטערט עס ווי אַ קרעכץ דורך דעם גאַנצען עולם.

און נאָך דעם קרעכץ הערען זיך ווערטער. אָה! מען זאָגט: „על דעת המקום ועל דעת הקהל — מיט גאָט'ס דעה און מיט קהל'ס דעה זענען מיר מתיר צו דאַווענען איצט מיט אַלע בעלי־עברה'ס צוזאמען!"

און איך האָרך און האָרך. צו וואָס רעדט דאָס דער רב אַזעלכע רייד? וואו זענען דאָס היינט פאַרהאַנען בעלי־עברה'ניקעס? צו וואָס דערמאָהנט ער גאָר היינט אַזאַ ווארט? האָט ער נישט מורא פאַר דעם שטן היינט אַזעלכעס צו דערמאָהנען, היינט אין אַזאַ צייט, אין אַזאַ ביטערער, אומגליקליכער, פינסטערער צייט?...

און אַ מורא, אַ פינסטערע, וויסטע מורא פאַלט אָן אויף מיר פלוצלינג, און איך מיין, אַז די זעלביגע מורא פאַלט אָן בזה הרגע אויף אַלעמען, וואָס זענען דאָ אין שוהל, אויף אַלט און יונג...

און פלוצלינג דערזעה איך, ווי דער רב געהט אַרויף אויף דעם בעלעמער.

וועט ער היינט זאָגען אַ דרשה? וויל ער דעם עולם טרייסטען און שטאַרקען?...

אָבער איך הער, אַז ער זאָגט נישט קיין דרשה. עפּעס נייעס איז עס, אַ נייער מנהג, וועלכער איז פריהער גאָרנישט בעקאַנט געווען: ער שטעהט און איז מזכיר־נשמות אַלע טויטע, וועלכע זענען געשטאָרבען אין דער לעצטער צייט, אין די לעצטע טעג. אַך, גרויסער גאָט! ווי לאַנג איז די מאָס פונ'ם דאָזיגען צעטעל, ווי גרויס איז די צאָהל פון די נעמען, וועלכע ער דערמאָהנט איצט! די מינוטען שווינדען, אַ מינוט נאָך אַ מינוט, און דער רב האַלט נאָך אַלץ נישט ביים סוף. וועט גאָר קיינמאָל נישט אויפהערען די לאַנגע רשימה? וועט שוין דאָס אייביג, אייביג דויערען?...

און פלוצלינג פאַלט מיר איין, אַז דער רב וואָלט טויזענדמאָל גלייכער געטהון, ווען ער זאָל אויסרעכענען די לעבעדיגע, וועלכע לע־

בען נאָך — דען זיי זענען דאָך שוין אַזוי ווינציג, אַזוי קנאַפּ, אַז אין אַ פּאָר מינוט קען מען פערטיג זיין מיט זייער אויסרעכענען, וועהרענד די רשימה פון די געשטאָרבענע איז אַזוי לאַנג, אַז זי נעהמט קיינמאָל נישט קיין סוף.

און יענעם אָוונד וועל איך קיינמאָל נישט פערגעסען, און דאָס דאַווענען דענסמאָל וועל איך אייביג געדענקען! אַך, עס איז דאָך גאָר קיין דאַווענען נישט געווען, נאָר אַ קרעכץ, אַ גרויסער, לאַנגער קרעכץ, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסען פון דער טיעפעניש פון האַרץ, אום צו שטייגען ביז צו די וואָלקענס און דורכצולעכערען די הימלען! נאָך קיינמאָל נישט האָבען יודען געדאַווענט מיט אַ מעהר צעבראָכען און צעריסען האַרץ, נאָך קיינמאָל נישט האָבען געבערענט הייסערע טרעהרען אין מענשענס אויגען...

אין יענער נאַכט האָט קיינער נישט פערלאָזט די שוהל. נאָך דעם דאַווענען האָט מען געזאָגט שיר-היחוד, און נאָך דעם שיר-היחוד האָט מען זיך גענומען צו תהלים-זאָגען, און נאָך דעם תהלים צו משניות, און נאָך דעם משניות-לערנען האָט מען זיך גענומען צו די אַנדערע הייליגע ספרים.

איך שטעה ביינאַכט אין שוהל און איך פיהל, ווי עס לאָזט זיך אַראָב אויף מיר עפּעס ווי כמאַרעס, און אַ טומאַן לעגט זיך מיר אויף די אויגען און מאַכט מיך בעטויבט. עס רוישט אין מיר עפּעס און איך ווייס נישט וואָס.

„ומלאכים יחפזון, וחיל ורעדה יאחזון — און מלאָכים פלאַטערען, און אַ שרעק און אַ ציטער כאַפּט אַלע אָן". פּלוצלינג מיין איך, אַז איך זעה זיי אַלעמען דורך די כמאַרעס און דורך דעם טומאַן, און די מלאָכים שטייגען אַרויף און אַראָב, אַרויף און אַראָב...

און צווישען זיי דערזעה איך פּלוצלינג אויך דעם פינסטערען, דעם שוואַרצען מלאָך. מיט די אויגען אָהן אַ צאָהל, פון קאָפּ ביז צו די פיס איז ער פול מיט אויגען — אָך, די אויגען...

אין יענער נאַכט האָט קיינער נישט פערלאָזט די שוהל — און פאַרט האָבען אינדערפריה עטליכע געפעהלט פון קהל; זיי זענען געשטאָרבען אינ'ם מנין. צוויי זענען דענסמאָל ביינאַכט פּלוצלינג אַנידערגעפאַלען אין שוהל, צווישען דעם גאַנצען עולם, נאָך איי-

געהילט אין די טליתים מיט די קיטלען, אַזוי אַז זיי האָט שוין כמעט גאָרנישט געפעהלט אום אַריבערצופאָהרען פונ׳ם לעבען אין דעם טויט אַריין...

און פון דער יודישער גאַס קומען אָן נאַכריכטען אין שוהל אַריין,— נאַכריכטען ווי נאָך קיינמאָל נישט פריהער און קיינמאָל נישט דערנאָך. אָבער אין דער שוהל הערט קיינער נישט און פרעגט קיינער נישט און קיינער איז נישט נייגעריג, יעדער איינציגער האָט מורא צו הערען, יעדער איינציגער האָט מורא צו וויסען וואָס עס טהוט זיך ביי איהם אין דער היים...

און יענע נאַכט וועל איך קיינמאָל נישט פערגעסען, און ווען איך זאָל לעבען אַפילו אַזוי לאַנג ווי מתושלח! און פאָרט אָבער איז טויזענד מאָל פירכטערליכער געוועזען דער טאָג דערויף, דער יום-כפור...

פירכטערליך איז געוועזען דער דאָזיגער טאָג, און פירכטערליך אַלעס, וואָס איך האָב געזעהן און וואָס איך האָב געהערט אין יענעם טאָג.

און נאָך היינט, ווען איך פערמאַך אויף איין מינוט מיינע אויגען, זעה איך פאַר מיר יענע סצענע, וואָס איך האָב דענסמאָל געזעהן, און אָפטמאָל מיין איך, אַז איך שטעה נאָך יעצט אין דער שוהל דאָרט צווישען עולם...

אָט איז יום-כפור נאָכמיטאָג.

אויף דעם בעלעמער אין שוהל שטעהט דער רב מיט זיין הויכער געשטאַלט, און זיין קאָפּ האַלט ער האַלב פערריסען.

ליגט אַ בעהאַלטענער כשוף אין דעם פנים פון דעם דאָזיגען מענשען? איז עפּעס אַ בעזונדערע מאַכט אין זיין געשטאַלט פאַרהאַנען, וועלכע ציהט-צו צו זיך יעדעס אויג?

אין דעם ווינקעל שטעהט דאָס יונגעלע — איך אַליין בין עס — און זיינע אויגען זענען צו יענעם מענשען ווי צוגעקלעבט און ער קען זיי פון איהם נישט אַראָבנעהמען...

אמת, אַזאַ הדרת-פנים, אַזאַ שעהנקייט, אַזאַ ליכטיגע, געטליכע געשטאַלט האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געזעהן! דער רב איז דאָך אַלט, אַן׳אַלטער גרייז-גרויער מאַן, אפשר אַכציג אָדער עטליכע-און-אַכציג יאָהר אַלט, און פאָרט איז זיין געשטאַלט אַזוי פראַכטפול און אַזוי גלייך און הויך, אַז ער גרייכט אַריבער איבער יעדען אין גאַנצען עולם. זיין באָרד איז ווייס, ווי זילבער ווייס, און נאָר די געדיכטע האָר פון זיין

קאָפּ זענען ווייסער, ווייס ווי דער געפּאַלענער שניי. אויך זיין פּנים איז ווייס, אַזוי אַז מען קען עס קוים אָבשיידען פון זיין ווייסען קיטעל, און ווייס זענען דאָסמאָל אויך די ליפּען, און נאָר די אויגען, די גרויסע ברענענדיגע אויגען, זענען שוואַרץ, ווי אַ סאַמעט — שוואַרץ, און זיי לייכטען און גלאַנצען, גאָרנישט ווי די אויגען פון אַן׳אַלטען מאַן.

פון מיין פריהעסטער קינדהייט אָן בין איך געוועהנט געוואָרען דעם דאָזיגען מענשען צו עהרען און צו אַכטען, און נאָך אַ קינד זייענדיג האָב איך געוואוסט, אַז דאָס איז אַ הייליגער געטליכער מאַן, אַ גאון-עולם, וואָס אַלעס וואַרט אויף זיינס אַ וואָרט און וואָס רבנים מופלגים פון דער גאַנצער וועלט קוקען איהם אין מויל אַריין. איך האָב אויך געוואוסט פון תמיד אָן, אַז דאָס איז אַ גדול אַ מֶקיל, אַ גאון, וואָס זוכט צו אַלצדינג רק אַ היתר, און אַז אַלע רבנים בויגען זיך פאַר איהם, און זיין וואָרט און זיין פּסק איז פאַר די גאַנצע וועלט תורת משה.

און אויך היינט זעה איך נאָך פאַר מיר די גאַנצע ערהאַבענע, פּירכטערליכע סצענע, פּונקט ווי איך האָב זי געזעהן אין יענעם טאָג בשעת איך בין געשטאַנען צווישען עולם אין דער שוהל!

אויף דעם בעלעמער שטעהט דער רב און זיינע ברענענדיגע שוואַרצע אויגען לייכטען און גלאַנצען אַרויס פון דעם ווייסען בלאַסען פּנים, וואָס איז איינגערינגעלט אין די ווייסע האָר מיט דער ווייסער באָרד. — מוסף איז שוין לאַנג אָבגעדאַווענט, און דער עולם שטעהט און שוויגט און וואַרט אויף דעם, וואָס דער געטליכער מאַן וועט רעדען. קיינער וואַגט זיך נישט אַפילו דעם אָטעם הערענדיג צו ציהען.

און דער רב רעדט...

זיין שוואַך, ניעדריג קול ווערט וואָס אַ מאָל שטאַרקער, וואָס אַ מאָל העכער, ביז עס ווערט הויך און שטאַרק, ווי איך האָב עס נאָך קיינמאָל נישט געהערט ביי איהם. ער שטעהט און רעדט פון דער קדושה, פון דעם יום-טוב און פון דער כּונה, וואָס דער נותן-התורה האָט דערביי געהאַט; ער רעדט פון לעבען און שטאַרבען און פון די לעבעדיגע און טויטע. איבערהויפּט האָט ער לאַנג גערעדט פון די טויטע, און פון דער גרויסער מגפה, וואָס איז אַריינגעקראָכען ווי אַ רייסענדיגער שטראָם, פּלוצלינג, שרעקליך, פּירכטערליך, און זי רויבט און זאָגט

נישט געגוג, עסט און ווערט נישט זאַט, טרינקט און שטילט נישט איהר דורשט, — ווי לאַנג, ווי לאַנג־זשע נאָך ?

זיינע בלייכע באַקען רויטלען זיך ביסלעכווייז, זיינע בלויע ליפּען פאַרבען זיך וואָס אַמאָל רויטליכער, און פּלוצלינג הער איך ווי ער זאָגט : — „ובשעה שאָדם רואה יסורין באין עליו — און זעהט דער מענש, עס קומען אויף איהם יסורים, דאָ איז ער מחויב בודק צו זיין אין זיינע מעשים" — און נישט נאָר בנוגע צו די מעשים צווישען זיך און גאָט, נאָר אַפילו בנוגע צו די מעשים צווישען זיך און זיין אייגען נפש ; און נישט נאָר בנוגע צו די מעשים צווישען זיך און זיין נפש, אלא אַפילו בנוגע צו די מעשים צווישען זיך און זיין אייגענעם גוף, צווישען זיך און זיין אייגען פלייש, צווישען זיך און זיין טעגליכען לעבען...

איך בין דענסמאָל געוועזען נאָך אַ קינד גאָר — אָבער איך געדענק, אַז ווי איך האָב דערהערט די דאָזיגע ווערטער, איז מיר פּלוצלינג געוואָרען קאַלט און וואַרם. איך האָב פּלוצלינג פערשטאַנען, איך האָב פּלוצלינג געפיהלט וואָס ער רעדט...

און ער שטעהט נאָך אַלץ און רעדט. ער רעדט פון דער ריינליכקייט, וואָס דערהאַלט דעם מענשענס לעבען, און פון דער שמוציגקייט, וואָס ברענגט אַוועק דעם מענשען פון דער וועלט ; ער רעדט פון הונגער און דורשט, און אַז הונגער און דורשט זענען די שלעכטע מלאָכים, וועלכע ברענגען אַוועק דעם מענשען פון דער וועלט, בשעת עס קומט אַ מגפה בכדי צו טויטען און אומצוברענגען, אומצוברענגען און אויסצוראָטען...

און דאַן הער איך ווי ער זאָגט : „אין דער הייליגער גמרא שטעהט : „וחי בהם ולא שימות בהם — איז דער טייטש : ל ע ב ע ן זאָל מען דורך זיי, דורך די מצוות, אָבער נישט ש ט אַ ר ב ע ן דורך זיי !" און ווידער זאָגען די הייליגע חכמים : „משום עת לעשות הפרו תורתך, אַמאָל מאַכט זיך אַ צייט, אַז עס איז פראָסט אַ מצוה אַ זאַך פון דער תורה מבטל צו זיין !" — טיילמאָל איז פאַרהאַנען, אַז אַ מענש מעג צעשטערען תורה כולה, אַבי דאַדורך צו דערהאַלטען אַ גאַנצע וועלט מיט לעבען !..."

איך שטעה און אַלע מיינע ביינער פלאַטערען אין מיר. — וואָס וויל דער רב דען האָבען ? וואו אַהין ציעלען זיינע ווערטער ? וועלכען פונקט שטרעבט ער צו דערגרייכען ?...

און פלוצלינג הער איך אַ געוויין, און מיר ווערט אַזוי וואַרם און אַזוי ווייך ביי דער נשמה. פאַרוואָס־זשע וויינט ער? — פאַרוואָס־זשע וויינט ער?...

און ווי איך שטעה דאָרט אין ווינקעלע, ציטערדיג און פלאַטערדיג, הויב איך אָן אַליין צו וויינען און די טרעהרען גיעסען זיך.

און נאָך היינט, ווען איך פערמאַך די אויגען אויף א י י ן מינוט, זעה איך איהם נאָך שטעהענדיג דאָרט אויבען אויפ׳ן בעלעמער. איך זעה אויך, ווי ער שטרעקט אויס די האַנד און ווינקט צו די דיינים, און אויךביידע דיינים זעה איך ווי זיי געהען צו איהם אַרויף אויף דעם בעלעמער.

און אַלע דריי שטעהען זיי דאָרט אויף דעם בעלעמער, דער רב, דער העכסטער פון אַלע, און ביידע דיינים, די ניעדריגערע פון איהם, איינער פון זיין רעכטער זייט און איינער פון זיין לינקער זייט.

וואָס עפּעס רוימט זיי איין דער רב איצט אין זייערע אויערען? פאַרוואָס עפּעס איז זייער פּנים געוואָרען פלוצלינג בלייך ווי קרייד?

און פלוצלינג הער איך ווערטער און פערשטעה זיי נישט. די ווערטער גרייכען בלויז ביז צו די אויערען, און אין האַרץ אַריין דערלאַנגען זיי נישט. און פאָרט זענען די ווערטער אַזוי קלאָר און אַזוי דייטליך פון אַלע דריי מיילער אַרויסגעקומען!

און ווי אַ רייסענדיגער קרעכץ צוקט עס דורך דעם גאַנצען עולם, פון דעם בעלעמער ביז צו די פיער ווינקעלעך — און נאָך דעם קרעכץ הערען זיך ווערטער:

„על דעת המקום ועל דעת הקהל — מיט גאָטס דעה און מיט קהלס דעה זענען מיר מתיר צו ע ס ע ן א ו ן צ ו ט ר י נ ק ע ן ה י י נ ט!" —

אַ פירכטערליכע שטילקייט, אַ טויט־שטילקייט הערשט אין דער גאַנצער שוהל. עס ריהרט זיך קיינער נישט. עס ציהט קיינער נישט קיין אָטעם.

אינ׳ם ווינקעל פון דער שוהל שטעה איך נאָך אויף מיין אָרט און איך הער דייטליך, ווי מיין האַרץ קלאַפּט אין מיר: איינס, איינס און צוויי — און פלוצלינג פאַלט אויף מיר אָן אַ פינסטערע, פירכטערליכע מורא.

אויף די ווענד שווימען די שאָטענס אַהין און אַהער — און איך

זעה צווישען די שאָטענס די טויטע, וואָס זענען נעכטען און די וואָס זענען עהערנעכטען און די וואָס זענען פאר-עהערנעכטען געשטאָרבען: אַ גרויסע, שרעקליכע עדה...

און פלוצלינג פערשטעה איך קלאָר און דייטליך, וואָס דער רב פערלאַנגט דאָ פון אונז. דער רב פערלאַנגט פון אונז, אַז מיר זאָלען עסען היינט; דער רב פערלאַנגט, אַז אידען זאָלען עסען אום יום-כפור און זאָלען נישט פאַסטען — וועגען דער מגפה... וועגען דער מגפה... וועגען דער מגפה...

און איך שטעה און הויב פלוצלינג אָן הויך און שטאַרק צו וויינען.

און וואונדערליך איז עס! נישט איך אַליין שטעה דאָ אין דער שוהל און וויין, נאָר פיעל, פיעל שטעהען און וויינען הויך און שטאַרק. אויך די דריי דאָרט אויף דעם בעלעמער שטעהען און וויינען, און דער העכסטער פון זיי שטעהט און וויינט, ווי אַ קליין קינד.

און ווי אַ קליין קינד בעט ער זיך, און זיינע ווערטער זענען אַזוי וויך, אַזוי וויך. טיילמאָל נאָר קומען די טרעהרען און שטיקען איהם די ווערטער אין האַלז. — „עסען! געהט עסען! די צייט איז אַזעלכע! עס מאַכט זיך אַמאָל אַ צייט, אַז עס איז פראָסט אַ מצוה, אַ זאַך פון דער תורה מבטל צו זיין! לעבען זאָל מען דורך זיי, דורך די מצות, אָבער נישט ש ט אַ ר ב ע ן דורך זיי!“

אָבער אין דער שוהל ריהרט זיך נישט קיינער פונ׳ם אָרט.

און ער שטעהט נאָך אַלץ און בעט זיך. ער זאָגט, אַז ער נעהמט אויף זיך די גרויסע עבירה פון עסען אום יום-כפור; זיי אָבער וועלען אַלע ריין זיין פאַר גאָט, אָהן איין עבירה, אָהן אַ זינד.

אָבער אין דער שוהל ריהרט זיך נישט קיינער פונ׳ם אָרט.

און פלוצלינג ענדערט זיך זיין קול. ער בעט זיך נישט מעהר, נאָר ער בעפעהלט: „א י ך בין מתיר! איך! איך! איך!“ — ווי פיילען פליהען די ווערטער, ווי דונערס שלאָגען זיי איין.

און דער עולם הערט — עס ריהרט זיך אָבער קיינער נישט פונ׳ם אָרט.

און דאָ הויבט ער ווידער אָן מיט זיין ערשטען קול, ער בעט זיך און וויינט, ווי אַ קליין קינד: „וואָס האָט איהר זיך אַלע צעבונ-

טעוועט געגעסן מיר? פאַרוואָס ווילט איהר דוקא טרייבען מיך ביז צו דעם נויטוועגדיגסטען? איז אייך דען ווענגיג, וואָס איך האָב שוין אַלעס היינט איבערגעליטען פון אינדערפריה ביז יעצט?״...

אויך די דיינים העלפען איהם אונטער און בעטען זיך ביי דעם עולם.

און פּלוצלינג איז דאָס פנים פון דעם געטליכען מאַן נאָך בלייכער געוואָרען, ווי פריהער. טיעף זינקט זיין קאָפּ אַראָב אויף זיין ברוסט אַ מינוט לאַנג — און אַ קרעכץ, אַ טיעפער, האַרץ-צערייסענדער קרעכץ הערט זיך פון איין עק שוהל ביז צום אַנדערען עק, און נאָך דעם קרעכץ הערט זיך ווי אַ מורמלען: „גאָט׳ס ווילען איז עס״, זאָגט ער מיט אַ טרוקענער שטימע, און עס האָט אַ פנים, ווי ער וואָלט רעדען צו זיך גאָר אַליין — „צוויי און אַכציג יאָהר בין איך אַלט און בין קיינמאָל נאָך נישט דערצו געבראַכט געוואָרען, אויף אַ דין עובר צו זיין בידיעה. אָבער אויך דאָס איז אַ דין, אַ מצוה איז עס, אַ תורה איז עס. ווי עס ווייזט זיך אויס, איז עס גאָט׳ס ווילען אַזוי, איך זאָל נישט שטאַרבען פריהער, ביז איך וועל נישט אויך אַ זעלכעס מקיים זיין!״

און שטיל איז געווען אַ מינוט לאַנג, שטיל ווי אויף אַ בית-עלמין.

און פּלוצלינג הערט זיך די שטימע פונ׳ם רב ווי ער רופט: „שמש!״

און דער שמש געהט אַרויף, און דער רב רוימט איהם איין עפּעס אין אויער. דערנאָך רעדט ער זיך איבער שטילערהייט עפּעס אויך מיט די דיינים, די דיינים שאָקלען איהם צו מיט די קעפּ, ווי זיי וואָלטען איהם מסכים זיין צו עפּעס. דערוויל איז דער שמש צוריקגעקומען פונ׳ם רב׳ס וואוינונג אינ׳ם הויף פון דער שוהל און האָט מיטגעבראַכט אַ פלעשעל וויין און גלעזלעך מיט אַ פּאָר שטיקלעך לעקעך.

און ווען איך זאָל גרייז-גרוי אַלט ווערען, און ווען איך זאָל לעבען אַזוי לאַנג ווי מתושלח — יענעם טאָג און יענע ערהאַבענע סצענע וועל איך קיינמאָל, קיינמאָל נישט פערגעסען מעהר. נאָך איצט, ווען איך פערמאַך מיינע אויגען אַ מינוט לאַנג, זעה איך זיי נאָך פאַר מיר: די דריי, וואָס האָבען געגעסען. דריי גרויסע, הייליגע מענער שטעהען אויף דעם בעלעמער אין שוהל און עסען אום יום-כפור פאַר דעם גאַנצען עולם.

אַך, העלדען זענען זיי געווען... ווער קען וויסען, ווי שווער עס איז געווען די מלחמה אין דער טיפּענישן פון זייער האַרץ? ווער קען וויסען, וואָס זיי האָבען דענסמאָל איבערגעליטען און איבערגע־טראָגען?...

„איהר האָט עס דוקא פון מיר געוואָלט — און איך האָב עס גע־טהון", זאָגט דער רב יעצט און זיין שטימע איז קלאָר און פעסט און ציטערט נישט מעהר ביים רעדען — גאָט'ס נאָמען זאָל זיין געבענשט!"

און פיעל פונ'ם עולם עסען איצט, עסען און וויינען...

און גאַנצע טייכען ליכט ברעכען זיך אַרויס פון די דאָזיגע ער־אינערונגען און גיעסען און פלייצען און ציהען זיך אַהער ביז צו דעם טישעל און ביז אויף דעם פּאַפּיער, אויף וועלכען איך שרייב די דאָזי־גע מעשה...

*

נאָך דריי קען איך, וואָס האָבען דענסמאָל געגעסען.

אין דער זעלביגער שעה, וואָס מיין אויג האָט געזעהן אין שוהל יענע גרויסע און ערהאַבענע סצענע, זענען דריי אַנדערע מינים מענשען געזעסען אין אַ הויז פונקט אַנטקעגען און האָבען אויך געגעסען. די דריי זענען געווען די דריי „משכילים" פון שטעדטעל: דער אַקציזניק, דער לעהרער און דער אַפּטייקער. דאָס פענסטער ביי זיי איז געווען ווייט אָפען, און אויפ'ן טיש איז געשטאַנען דער סאַמאָוואַר, וואַרעניעס און עטליכע גלעזלעך מיט רויט־וויין. די דריי האָבען געשפּיעלט פּרע־פעראַנס.

אויך דריי, וואָס האָבען געגעסען!

# קאָפּערניקס גענגבער

דער, פון וועמען איך וויל דערצעהלען, איז געוועזן אַ גענגבער פון קאָפּערניק׳ן און פון׳ם קאָפּערניקאַנישען סיסטעם. —

און נישט עפּעס אין די פאַרצייטיגע דורות האָט ער געלעבט, נישט איז ער געוועזן איינער פון די לעצטע חסידים פון פּטאָלאָמעאוס, נאָר אַ היינטיגער, אונזערס אַ צייטגענאָסע איז דער דאָזיגער וואונדער־ליכער אַסטראָנאָם געוועזן: אַ בחור, אַ משכיל, וואָס האָט זיין גאַנץ לע־בען פערבראַכט אין טראַכטען, קלערען, גריבלען זיך, בדק׳ענען און פאָרשען, ביז ער איז צום סוף געוואָרען דער גענגבער פון קאָפּערניק׳ן. גערופען האָט מען איהם ז יי נ וו י ל ח ק ר ן. ווייסט איהר, וואָס אַ ח ק ר ן איז?

האָט איינער נאָך קיינמאָל נישט געברויכט פאַר זיך אַ קאַם און האָט נאָך קיינמאָל נישט געקוקט אין אַ שפּיגעל אַריין, האַלט ער דעם קאָפּ צוריקגעבויגען און קוקט אַלעמאָל אין הימעל אַריין, זיצט איהם דאָס היטעל אויפ׳ן קאָפּ אַלעמאָל אין דער קרום און דער דאַשעק אויפ׳ן אויער, איז ביי איהם דאָס מויל שטענדיג אויפגעריסען און פליעגען שפּאַצירען דאָרט אַריין און אַרויס, האָט ער אַ שטערען פול מיט קניי־טשען און די נאָז איז אַלעמאָל אַביסעל פייכטליך — איז דאָס די „הקדמה" צום גופא חקרן; ווען אָבער אַזאַ פאַרשוין לערנט נאָך אַבי־סעל „מורה נבוכים", „עיקרים", „חובות הלבבות" און דעם „ספר המדות לאַריסטו" און ווייסט אויסענווענדיג אַלע פיינע שטיקלעך פון׳ם אבן־עזרא און לייענט דעם „הצופה" פון׳ם „המגיד" און שרייבט אַ פּירוש אויפ׳ן פסוק „או נשיש" און קען אַביסעל חשבון, אַבי־סעל אַסטראָנאָמיע און אַביסעל מאַטעמאַטיק — דאַן איז דער „חקרן" פערטיג אינגאַנצען.

אַזאַ מין חקרן איז געוועזן זיינוויל — אַ בית־מדרש־בחור, צווישען

צוואַנציג אַנדערע בחורים, דענסמאָל ווען די השכּלה איז אין פּוילען אַרויסגעקומען און האָט אָנגעהויבען איהר הערשאַפט פון'ם שטעדטעל פּלאָנסק.

גאַנצע טעג האָט דער בחור נישט עפּעס אַנדערש געטהון, ווי נאָר גע'חקר'ענט. שוין אַלס קליין יונגעלע האָט ער אַרויסגעוויזען אַ נייגונג צו דער אַסטראָנאָמיע; זעהענדיג בייטאָג די זון און ביינאַכט די לבנה, איז איהם נישט מעהר אַרויס פון זין די פראַגע: ווער פון די ביידע איז וויכטיגער פאַר דער וועלט? — און נאַטירליך איז ער צום סוף געקומען צו דעם קלוגען שלוס, אַז וויכטיגער איז די לבנה, דען זי לייכט דאָך ביינאַכט, ווען עס איז פינסטער און איהר ליכט קומט אונז צונוץ, וועהרענד די זון לייכט נאָר בייטאָג, דענסמאָל, ווען עס איז סיי-ווי-סיי ליכטיג און מיר ברויכען גאָרנישט איהר ליכט. — און עטליכע יאָהר שפּעטער, ווען ער איז געווען אַ יונגעל פון אַ יאָהר צעהן, צוועלף, האָט ער ווידער געוויזען, אַז ער האָט אַ גאַנץ בעזונדערע נייגונג צו חשבון. ווען דער רבי פלעגט איהם שלאָגען מיט'ן קאַנטשיק, איז ער געלעגען און עס זענען איהם גאָרנישט אָנגעגאַנגען די שמיץ אַלס שמיץ, נאָר אָנגעגאַנגען איז איהם בלויז דער חשבון; און אַזוי האָט ער זיך געפלעגט בשעת מעשה צו טראַכטען: דער קאַנטשיק האָט פינף לאָקשען און זעקס מאָל אין אַ מינוט האָט מען איהם געשמיסען מיט איהם — דאָס מאַכט דרייסיג אין דער מינוט; ווען מען זאָל איהם אַזוי שמייסען אַ גאַנצע שעה אָהן אויפהער — וועט דאָס זיין טויזענד אַכט הונדערט; ווען אַ גאַנצען מעת-לעת אָהן אויפהער — דאַן וועט דאָס זיין אַזוי פיעל ווי דריי-און-פערציג טויזענד מיט צוויי הונדערט, און ווען אַ גאַנץ יאָהר כסדר אָהן אונטערברעכונג, דאַן וועט אויסקומען פופצעהן מיליאָנען זיעבען מאָל הונדערט און אַכט-און-זעכציג טויזענד, און ווען דאָס יאָהר וועט גראָד זיין אַנ'עיבור-יאָהר, דאַן נאַטירליך וועט נאָך אַ רעכט ביסעל צוקומען צום דאָזיגען חשבון... אָט דאָס איז געווען זיינוויל: נאָר חקירה'נען, נאָר גריבלען זיך, נאָר חשבונ'ען און ציפערן צוזאַמענשטעלען, וועהרענד אַלעס אַנדערע איז איהם געווען בלויז אַ נעבענזאַך. אַזוי איז ער אויפגעוואַקסען.

און דאַן איז זיינוויל געוואָרען אַ משכּיל און האָט געלערנט פּוי-ליש און האָט געקענט אַלע גראַמאַטיקען, וואָס אַ מענש האָט נאָר אָנ-

געשריבען אין דער דאָזיגער שפּראַך — און נאָר פּויליש, פּויליש בעצם, האָט ער נישט געקענט. אָבער זיין עיקר־זאַך, די חקירה, איז איהם געבליבען און האָט איהם נישט פערלאָזען, נישט אין זומער און נישט אין ווינטער. דאַן האָט ער געקריגען אַלעמאָל עפּעס אַנ׳עסק צו דעם משומד אין שטעדטעל און צום גלח, און האָט אַלעמאָל געהאַט מיט זיי עפּעס אַ ויכוח. אַמאָל איבער שטיינער און ביינער, אַמאָל וועגען דער קריסטליכער רעליגיע, אַמאָל וועגען דער וועלט, וועלכע איז אַ „קדמון“ לויט אַריסטו, אַמאָל וועגען דעם „חומר ההיולי“, דעם אור־שטאָף, אַמאָל וועגען ישעיה קאַפּיטעל נ״ג, און דער גלח האָט געטענה׳ט, אַז דאָס מיינט מען קריסטוס און ער האָט זיך הייזעריג געשריגען, אַז אַדרבא פּונקט פערקעהרט, דאָס מיינט מען דוקא נישט קריסטוס. און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער. — דענסמאָל איז ער געוואָהר געוואָרען אויך דערפון, אַז עס איז עפּעס פאַרהאַן אַ וועלט, וועלכע מען רופט אַמעריקא און פון וועלכער דאָס גאָלד קומט, און דאָ האָט ער טאָג און נאַכט שוין געקלערט נאָר וועגען דעם דאָזיגען לאַנד. איינמאָל ביינאַכט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און איז אַרומגעגאַנגען אַרויף און אַראָב אינ׳ם צימער און האָט זיך גאָרנישט געקענט בערוהיגען: קלאָר, אַז די גאַנצע מעשה מוז זיין אַ ליגען, אַמעריקא איז זיכער אַנ׳אויסגעטראַכטע זאַך, פּונקט אַזוי ווי איוב, למשל, איז אַנ׳אויסגעטראַכטע זאַך. פּלוצלינג אָבער איז איהם געקומען אין זין אַריין, אַז אויף דער לעצטער זייט פון זיין „המגיד“ זענען פאַרהאַן מודעות וועגען עגונות, וואָס זייערע מענער זענען אַוועק נאָך אַ מ ע ר י ק א — און אויב אַזוי איז דאָך ווידער קלאָר, אַז אַמעריקא איז יאָ פאַרהאַן.

אַזוי איז געוועזען זיינוויל חקרן.

צו יענער צייט איז איהם אָנגעקומען דאָס גרויסע נייעס וועגען עפּעס איינעם קאָפּערניקוס, וועלכער האָט אַ נייע הימעל־סיסטעם צונויפגעשטעלט און די דאָזיגע מעשה האָט איהם אויפגערודערט אַלע זיינע מוחות. גראָד איז איהם דענסמאָל אויך דאָס אַלטע אַסטראָנאָמישע ספר „צורת הארץ“ פון ר׳ אברהם בר׳ חייא הספרדי געקומען אין די האַנד אַריין — אַ ספר מיט געל געוואָרענע בלעטער און געבונדען אין חזיר־לעדער, און דער מוח האָט זיך איהם אינגאַנצען פערדרעהט.

פון יענער צייט אָן איז ער אַרומגעגאַנגען פערחוש'ט און האָט צו קיין מענשען קיין וואָרט נישט גערעדט.

דעם קאָפּ טיעף איינגעבויגען, די אויגען צו דער ערד, דאָס שפּייעכץ רינענדיג פון מויל, אַלעמאָל רעדענדיג צו זיך אַליין, אַזוי איז ער אַרומגעגאַנגען גאַנצע טעג און האַלבע נעכט, עפּעס בעזונדערעס איז אין איהם פאָרגעקומען. פּלוצלינג איז ער פערשוואונדען געוואָרען אויף עטליכע וואָכען, און עס האָט איהם קיין מענש נישט געזעהן; ער האָט זיך געהאַט אויף זעקס וואָכען לאַנג איינגעשלאָסען אין זיין שטיבעל. דאַן האָט ער זיך ווידער געוויזען און ער איז געווען הונדערטמאָל צערודערטער ווי פריהער. ער האָט ווייטער געשוויגען און נאָר די שוואַרצע אויגען האָבען מורא'דיג געגלאַנצט, און אָפט נאָר האָט מען געקענט הערען ווי ער זאָגט צו זיך: „ער האָט זיך פעררעכענט!"... און קיינער האָט נישט געוואוסט, וועגען וועמען רעדט ער. — פּלוצלינג האָט ער זיך ווידער איינגעשלאָסען און האָט זיך גענומען צו דער אַרבייט. דאָס איז געווען אַ גרויסע אַרבייט, וועלכע פערלאַנגט פיעל חקירה און אַ גרויסע רוהיגקייט.

און ווי ער איז פון זיין בעהעלטעניש ווידער אַרויסגעקומען, האָט זיין פּנים געלויכטען און די הענד האָבען געאַרבייט אין דער לופט און דאָס מויל האָט זיך אויף קיין איין מינוט נישט פערמאַכט — ער האָט אַלעמען דערצעהלט, גרויסע און קליינע, בעקאַנטע און פרעמדע, אַז ער האָט ענטדעקט עפּעס אַ נייעס, וועלכעס וועט די גאַנצע וועלט איבעראַנדערשען.

„קאָפּערניק האָט זיך פעררעכענט!..."

— די ערד שטעהט, די זון דרעהט זיך, אַזוי איז עס געווען פון תמיד אָן, זינט די „גלגלים" האָבען זיך אָנגעהויבען, ביז אויפ'ן היינטיגען טאָג, און אַזוי וועט עס בלייבען אייביג.

די מענשען האָבען איהם אָנגעקוקט און האָבען געשאָקעלט מיט די קעפּ.

און זיינוויל האָט אַרומגעטראָגען מיט זיך אַ העברעאישען מאַנוסקריפּט, אַ ספר פון עטליכע הונדערט עמודים, וועלכע ער האָט אָנגעשריבען, און האָט יעדען דערפון פאָרגעלייענט; נאַטירליך איז יעדעס וואָרט געווען טיעף, אַז קיין מענש האָט עס נישט פערשטאַנען. —

„יעדער כּוכב, ווען ער איז נאָהנט צום קוטב, איז דער שטריך פון זיין צירקעל, וועלכען ער צירקעלט אַרום אַנטקעגען, קלענער פון דעם שטריך פונ'ם כּוכב'ס צירקעל, וועלכער איז ווייט פון קוטב, און דער שטריך פון צירקעל איז מוסיף אין דער לענג בערך אַ הוספה פון דער ווייט פונ'ם כּוכב צום קוטב..." אפשר ניין? — „ווען דער כּוכב וועט זיין אויף דער נקודה, וואָס איז אַנטקעגען דעם מרכּז פונ'ם כּידור, וועט ער אויסווייזען אַ גרויס ווייטקייט ווייט פון דער ערד, און די נקודה, די דאָזיגע, וועט זיין די אויבערשטע הויך פונ'ם כּוכב; און ווען ער וועט זיין אויף דער נקודה, וואָס איז אַנטקעגען דעם מרכּז פון דער ערד, וועט ער אויסווייזען נאָהנט צו דער ערד און די נקודה, די דאָזיגע, איז די נידריגקייט; און ווען דער כּוכב אין דער דאָזיגער געשטאַלט קרייזט זיך פון דער נקודה פון זיין אויבערשטער הויך ביז דער נקודה פון זיין נידריגער הויכקייט, וועט זיין מהלך זיין וועניגער פון זיין גלייכען מהלך, ביז ער וועט צוקומען צו דער מיטעלער ווייטקייט צווי־שען דער הויך און צווישען דער נידעריגקייט..." אפשר ניין? — „דאָס אָרט, וואָס איז טיעף אין צפון ביז צו דער ווייטקייט פון ס"ט חלקים מיט אַ האַלבען, וועט זיין דער מַזל סַרטן און דער מזל תאומים, אייביג זיכטבאַר אויף דער ערד און עס וועלען בלייבען אַכט מזלות אויפצו־שטייגען אויף דער ערד און אונטערצוגעהן אונטער איהר, און עס וועט זיין פיער פון זיי דְלִי און דָגים און טלֶה און שור, וואָס שטייגען אויף צעשפּרייט"... אפשר ניין? — „די קדמונים האָבען געמיינט אַז זיי זע־נען אונטער דעם כּידור החַמה און האָבען מסַדר געווען די כּוכבי־לכת אויפ'ן סדר פון שַבתי, צֶדק, מאַדים, חַמה, נוגה, כּוכב, לבנה, און דער סימן איז געווען שצ"ם חנכ"ל, זענען אָבער געקומען אַנדערע, וואָס האָבען מיט זייער כּידור אַנ'אַנדערע סברה געהאַט און האָבען מסדר געווען שצ"ם נחכ"ל"... אפשר ניין? — „און אויף וועמען עס איז ראוי זיך צו פערלאָזען פון זייערע ווערטער איז די דֵעה פון איפּרכש און פּטאָלאָמעאוס, וועלכע זאָגען, אַז די שנת החמה איז שס"ה וועניגער אַ פערטעל טאָג מיט זעקס שעה, וועניגער פון אַכט און צוואַנציג אין דער שעה, וואָס איז איין חלק פון דרייהונדערט אין טאָג, און ער איז ראוי געווען זיך אויף איהם צו פערלאָזען, ווייל ער איז יוצא לויט די דעה פון זיין רבּי'ן ז"ל דעם סוד פון עיבור, סיי די דאָזיגע דעה אין די

טעג פון יאָהר און סיי די דעה פון ר׳ אדא בר אהבה״... אפשר ניין? — „דער שטריך, וועלכער געהט אַרויס פונ׳ם מרכז פון דער ערד צום מרכז פונ׳ם גַלגל פון דער אומקרייזונג, פיהרט דעם מֶרכז פונ׳ם גלגל אויף די קרומקייט פונ׳ם גלגל, וועלכער צירקעלט אַרום פון מערב קיין מזרח, וועט צוליעב דעם זיין דער גלגל פון דער אומקרייזונג פאָהרעדיג פאַר׳ן מזרח, און דער צפון, וועלכער נייגט זיך אַרומקרייזענדיג אויפ׳ן גלייכען ראָד, פיהרט דעם קאָפּ פון דלי און זיין עק אויפ׳ן ראָד צו דרום-ווייט״... אפשר ניין?

איז דאָך קלאָר — קאָפּערניק האָט זיך פעררעכענט! — —

און נאָך עפּעס אַ בעוויז פונ׳ם פּראַקטישען לעבען האָט ער פאַר זיך געפונען: — וואַרפט עמיצער זיין הוט אין דער הויך, פאַלט דער הוט אַלעמאָל צוריק אויף דעם אייגענעם אָרט, פון וואַנען מען האָט איהם געוואָרפען, און ווען די ערד וואָלט זיך האָבען אינצווישען ווירקליך געדרעהט, וואָלט דאָך דער הוט מוזען פאַלען פיעל ווייטער פון יענעם אָרט — איז אַלזאָ קלאָר, אַז די ערד שטעהט אַלעמאָל שטיל.

אויך דער גלח אין דער שטאָדט האָט געהערט דערפון, אַז זיינוויל חקרן האָט געשריבען אַ ספר וועגען קאָפּערניק׳ן מיט זיין סיסטעם, און דאָס ערשטע מאָל, ווען ער האָט איהם געזעהן, האָט ער איהם אַ פרעג געגעבען:

— קענען זיי דאָס בוך פון רהעטיקוס וועגען דעם קאָפּערניקאַנישען סיסטעם? — איך מיין דאָס בוך: „נאַרראַציא פרימאַ דע ליבריס רעוואָלוציאָנום קאָפּערניצי״.

— וואָס געהט מיך דאָס דאָזיגע בוך אָן? — האָט זיינוויל געענטפערט מיט אַ קוק פון אויבען אַראָב.

— און דאָך, מיין זוהן, וואָלט איך אייך ראַטען, זיך צו אַזאַ אַרבייט נישט צו נעהמען, אַזוי לאַנג ווי איהר האָט די נויטווענדיגסטע ביכער, וועלכע געהערען דערצו, נישט שטודירט. זעהט איהר, עס געפינט זיך ביי מיר קאָפּערניקס הויפּט-בוך אַליין, דאָס בוך: „דע אָרביום צעלעסטיום רעוואָלוציאָניבוס״ — איך מיין די: „אַסטראָנאָמיאַ רעסטאַוראַטאַ״ — עס איז אַ ליטעראַרישע זעלטענהייט: די אויסגאַבע פון 1543 — און זעהט איהר, ווען איך וואָלט וויסען, אַז איהר לייענט לאַטיין, וואָלט איך אייך דורכאויס דאָס דאָזיגע בוך געהייסען לעזען.

— וואָס געהט מיך דאָס דאָזיגע בוך אָן? — איך וויל צו קאָפּערניק׳ן אַליין...

דער פריינדליכער מאַן איז דערשראָקען געבליבען. ער האָט ערשט יעצט אָנגעהויבען זיך אַרומצוקוקען און צו פערשטעהן, וואָס פאַר אַ מענש עס שטעהט דאָ פאַר איהם. ער איז עטליכע מאָל אין צימער אַרויף און אַראָב געגאַנגען. פּלוצלינג האָט ער זיך אָבגעשטעלט און האָט אַ פרעג געגעבען:

— און וואָס אייגענטליך, מיין זוהן, האָט איהר צו קאָפּערניק׳ן?

— איך האָב שוין צו איהם וואָס. איך מוז נאָך ווארשא פאָהרען און מוז איהם זעהן און מוז מיט איהם רעדען און מוז מיך מיט איהם מתוכּח זיין און מוז איהם אויפווייזען, אַז ער האָט זיך פערירעכענט...

דער גלח האָט יעצט פאָלקאָם פערשטאַנען.

און דער גלח האָט דעם חקרן מיטגעגעבען אַן׳עמפּפעהלונגס-בריעף צו זיינעם אַ בעקאַנטען, אַ בעוואוסטען דאָקטאָר אין ווארשא, און דעם בחור האָט ער אָנגעזאָגט, אַז זאָפאָרט, ווי ער וועט אָנקומען קיין ווארשא, זאָל ער אַהינגעהן צו דעם געלעהרטען דאָקטאָר און זאָל קיין טאָג נישט פערליערען...

אין עטליכע טעג אַרום איז זיינוויל שוין געווען אין ווארשא, מיט זיין מאַנוסקריפּט אין דער טאַש. דעם ערשטען בעסטען, וועל-כען ער האָט געטראָפען, האָט ער געפרעגט: ווי געהט מען דאָ צו קאָפּערניק׳ן? — און ער האָט בעקומען דעם ענטפער: קאָפּערניק געפינט זיך אין דער „קראָקעווער פאָרשטאָדט", פאַר׳ן ערשטען גימנאַזיום.

די זון איז אויפגעגאַנגען, ווען זיינוויל איז געשטאַנען פאַר׳ן ערשטען גימנאַזיום אין דער „קראָקעווער פאָרשטאָדט" קעגען דעם דענקמאָל פון ניקאָליי קאָפּערניק... פון שטיין געמאַכט זיצט אַ מענש און האַלט דעם קאָפּ אַביסעל אייגגעבויגען; אין איין האַנד טראָגט ער אַ דראָהטענעם וועלט-קוגעל און אין דער אַנדערער אַ צירקעל. אונטען, אַרום דעם שטיין, איז אַ פיערקאַנטיגער פאַרקאַן מיט פיער לאָמפּען פון אַלע פיער זייטען און מיט אַכט בוימעלעך אַרום. אוי-בען אויפ׳ן שטיין פון איין זייט איז אין גאָלדענע בוכשטאַבען אויסגעקריצט אויף פויליש: „מיקאָלאַיאָווי קאָפּערניקאָווי — ראָדאַצי";

און פון דער אַנדערער זייט אויף לאַטיין: „ניקאָלאַאָ קאָפּערניקאָ — גראַטאַ פּאַטריאַ״.

די זון איז אויפגעגאַנגען און האָט מיט ליכט בעגאָסען דעם דענקמאָל און אַלץ אַרום, און זיינוויל איז געשטאַנען און האָט גע-קוקט און געקוקט — און פּלוצלינג האָט ער דערשפּירט ווי די פיס זענען איהם שטייף געוואָרען, פאַר די אויגען איז איהם שוואַרץ, און אַלץ האָט זיך אָנגעהויבען דרעהען מיט איהם. ער האָט געקוקט אויף די גאָלדענע בוכשטאַבען פונ׳ם נאָמען און האָט בשום אופן זיך נישט געקאָנט דערמאָהנען, ווער דאָס איז. ער האָט געדענקט, אַז ער האָט געוואָלט מיט איינעם עפּעס זיך מתוכח זיין, און האָט בשום אופן נישט געוואוסט מיט וועמען... פּלוצלינג האָט ער ווידער אַלץ געדענקט...

נאָך אינ׳ם זעלביגען טאָג האָט זיינוויל איבערגעגעבען דעם עמפפעהלונגס-בריעף פון גלח דעם דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט גע-נוי אויסגעהערט, וואָס זיינוויל ערצעהלט איהם: די מעשה מיט זיין בייעם זונען-סיסטעם און מיט קאָפּערניק׳ן און מיט קאָפּערניק׳ס טעות, און אויך די מאַנוסקריפּטען האָט ער פערלאַנגט פונ׳ם יונגען-מאַן און האָט אין זיי זעהר אויפמערקזאם געלעזען — און זיינוויל איז וועהרענד דעם שטום און שטיל געזעסען איהם געגען און האָט מיט מאָדנע אויגען אָנגעקוקט דעם דאָקטאָר ביים לייענען און האָט גענוי געבליקט אויף יעדע מינע זיינע. פּלוצלינג האָט ער זיך אויפ-געכאַפּט און האָט דעם דאָקטאָר אָנגעכאַפּט ביי דער האַנד: „פון היינט אָן, ווער עס וויל מיר נישט גלויבען, דעם וועל איך דערווערגען!״

דער דאָקטאָר האָט אויך דאָס דאָזיגע רוהיג אויסגעהערט. דאַן האָט ער איהם געענטפערט: „מיין פריינד! איהר זענט גערעכט אין אַלעם; אויף אייך און אייער סיסטעם וועלען מיר אַמאָל אַלע שטאָלץ זיין!״ — און וועהרענד דעם רעדען האָט ער אָנגעקלונגען און צוויי דיענער זענען אַריינגעקומען...

אויף באָניפראַטערסקאַ-גאַס אין וואַרשא שטעהט דאָס אונהיימ-ליכע הויז פאַר גייסטיג-קראַנקע. דאָרט-אַהין האָבען זיי דעם אומ-גליקליכען אַסטראָנאָם געבראַכט. דער אומגליקליכער האָט אויך דאָרט

וואָכען און חדשים לאַנג נישט אויפגעהערט זיין סיסטעם פאַר יעדען אויסצופּאַקען, און איז געבליבען דער געגענער קאָפּערניק׳ס ביז׳ אין טויט אַריין. ווען קיינער האָט איהם נישט צוגעהערט, האָט ער גע־רעדט צו זיך אַליין. זיין לעצט וואָרט איז געווען: „קאָפּערניק האָט זיך פערעכנט...״

# דער גולם

אכט און צוואַנציג יאָהר איז דער גרויסער ר׳ ליב, דער מהר״ל פון פראָג, געזעסען פערמאַכט ביי זיך אין חדר, איינער אליין, פערטיעפט אין התבודדות. איהם האָט געפייניגט דער גרויסער סוד, און ער האָט איהם דורכאויס געוואָלט דערגעהן. דורכ׳ן קליינעם פענסטערעל, אינ׳ם טירעל פון דעם דאָזיגען קעמערעל, האָט איהם חוה׳לע, זיין טאָכטערס טעכטערעל, אין די לעצטע יאָהרען יעדען טאָג דערלאַנגט דאָס ביסעל עסען, און איז זי געקומען אָברוימען, פלעגט זי געפינען על־פי־רוב דאָס עסען אַזוי, ווי זי האָט עס געלאָזען. נאָר עטליכע קרישלעך האָבען טיילמאָל געפעהלט; דער גרויסער ר׳ ליב האָט גענומען נאָר אַזוי פיעל, אַבי דאָס לעבען צו דערהאַלטען. איז געקומען אמאָל עפּעס אַנ׳אורח אַנ׳איינגעשפּאַרטער, און האָט זיך איינגע׳עקשנט, דוקא און שלום צו נעהמען ביים מהר״ל, דאָ האָבען זיך דורך דעם זעלבען קליינעם פענסטערעל אַרויסגעשטעקט אַ צוויי־דריי פינגער פון אַ דאַרער טרוקענער האַנד; אָבער קיין פּנים האָט זיך נישט בעוויזען. עס האָט זיך אויך קיין שטימע נישט געלאָזט הערען. טיילמאָל, אין לאַכעדיגע טעג, איז דורכגעצויגען דורכ׳ן צימערעל עפּעס אַ שטראַהל פון דער זון, איז געהאָנגען קרום אין דער לופטען אַ קורצע צייט, דאַן ביסלעכוויז בלאַסער און בלאַסער געוואָרען און צום סוף פערשוואונדען — און קיין אויג האָט איהם נישט בעמערקט; דער מהר״ל איז געווען פערטיעפט אינ׳ם זוכען דעם גרויסען סוד. ווען עס האָבען פריהמאָרגענס אין אַ זומער־טאָג, דריי אַ זייגער פאַרטאָגס, דרויסען צווישען די בוימער די שוואַלבען פלוצלינג זיך צעצוויטשערט, און נאָכאַמאָל „צוויטש צוויטש, צוויטש!״ און ווידעראַמאָל „טרילי, טרילי, טרילי!״ און צום סוף „גיררר, גיררר״, דאָ האָט עס קיין

אויער נישט פערנומען; דער מהר״ל איז דאַן געזעסען איבער די דיקע ספרים און האָט געזוכט. דער גרויסער סוד איז איהם געלע־גען ווי אַ שווערע לאַסט אויף זיין קאָפּ און אויף זיין האַרץ און אין דער גאַנצער לופט אַרום און אַרום. אויבען אין אַ ווינקעל ביים באַלקען האָט אַ שפּין זינט אַ סך יאָהרען אָנגעאַרבייט אַ גרויס שטיק שפּינוועבס, און דאָס דאָזיגע שטיק איז געהאָנגען פינסטער און שוואַרץ און איז וואָס אַמאָל פינסטערער און שוואַרצער געוואָרען.

און ווען דער גרויסער ר׳ ליב, דער מהר״ל פון פּראָג, איז צום סוף, נאָך אַכט און צוואַנציג יאָהר, אַרויסגעקומען פון זיין חדר, דאָ איז ער געווען משונה-ווילד בעוואַקסען און זיינע האָר זענען געווען גרייז-גרוי. דאָס ערשטע, וואָס איז איהם אַנטקעגען געקומען, איז געווען אַ העלער לאַכעדיגער שיין פון דער זון, וועל־כער איז גראָד אַריינגעפאַלען דורך אַ פענסטער. דער גרויסער ר׳ ליב האָט געמוזט פערשטעלען זיך די אויגען מיט דער רעכטער האַנד, געמאַכט ווי אַ דעכעל, כדי עס זאָל איהם נישט בלענדען. דאָס צווייטע, וואָס ער האָט דערבליקט, איז געווען חוה׳לע, זיין אייניקעל — און ווידער האָט ער געמוזט פערהאַלטען זיך די אוי־גען אַ גאַנצע מינוט לאַנג, ווייל עס האָט געבלענדט. ערשט אַבי־סעל שפּעטער איז ער צוגעגאַנגען עטוואָס נעהנטער.

— ווער איז דאָס? — האָט ער געפרעגט. זיין שטימע האָט געקלונגען ווי די שטימע פון אַ קינד, וואָס לערנט זיך רעדען.

— דיין אייניקעל, רבקה׳לעס אַ טאָכטער — האָט די אַלטע רבי׳צין געענטפערט.

ער האָט זיך געמוזט ערשט דערמאָהנען. וואָרט נאָר, וואָרט נאָר — האָט ער נישט געהאַט עפּעס אַמאָל אַ טאָכטער? יאָ טאַקי. ווען ער זאָל קיין טעות נישט האָבען, האָט מען זי גערופען, דאַכט זיך, רבקה׳לע.

הויך און פערריסען דעם קאָפּ איז חוה׳לע פאַר איהם גע־שטאַנען און האָט מיט ווייט אויפגעריסענע אויגען געקוקט אויף דעם גרויען פערוואַקסענעם וואונדער. דאָס לעבעדיגסטע לעבען האָט געשפּראָצט פון איהר, און אַלץ האָט אין איהר געקאָכט און געזידט. און די פלאַמענדיגע אויגען האָבען געבליצט און דאָס פּנים

האָט געלויכטען און די ווייסע צייהן האָבען געבלישטשעט און די שוואַרץ-סאַמעטענע האָר האָבען געגלאַנצט — עפּעס איז געווען אין דער שטוב ווי אַ שפּרינגעדיג שיינדעל פון אַ זון, וועלכעס ציטערט אַרום און איז אַ מינוט דאָ און אַ מינוט דאָרט. און די שטעהט נאָך אַלץ און קוקט אויף דעם אונבּעהאָלפענעם, ווילד-בעוואַקסענעם אַלטיטשקען, און דאַן בּעווייזט זיך אַ שפּאָטישער שמייכעל אין די ווינקעלעך פון איהרע ליפּען. דער גרויסער ר׳ ליב איז צוגעגאַנגען אַ טריט נעהנטער; עפּעס האָט עס איהם געצויגען. פּלוצלינג אָבער האָט ער זיך אָבּגעקעהרט און איז גיך אַוועק. ער האָט זיך דערמאָהנט, אַז ער האָט געלאָזען ליגען בּיי זיך אין חדר, אויפ׳ן טישעל, דעם שם-המפורש — און דאָ איז ער גיך צוריק אַוועק אַהין. חוה׳לע האָט זיך פּלוצלינג שטאַרק צעלאַכט אויפ׳ן קול.

און ווי עס זענען עטליכע טעג פערבּייגעגאַנגען, האָט גאַנץ פּראַג אָנגעהויבּען קאָכען ווי אַ קעסעל. די וואונדערליכסטע מעשיות האָט מען דערצעהלט פונ׳ם גרויסען ר׳ ליב און וועגען זיין שם-המפורש און פון זיין קבלה און וועגען זיינע צירופים. מאַנכע האָבען דערצעהלט, אַז איינמאָל אינדערפריה איז ער אויפגעשטאַנען, האָט זיך געוואַשען די הענד, האָט דריי מאָל געזאָגט „ויהי נועם״, האָט גענומען זיין שם-המפורש און האָט מחיה געווען אַ מת. אַ יונגערמאַן איז געשטאַנען צווישען מנחה און מעריב אין ר׳ מרדכי מייזילס בּית־מדרש און האָט דערצעהלט, ווי דער מהר״ל הקדוש, זיצענדיג אין התבודדות, האָט פערפלאַנצט אַ קערנדעל אין אַ פלאַש, און עס האָט אָנגעהויבּען דערין צו וואַקסען אַ מענשעל, און דאָס מענשעל איז געוואָרען גרעסער און גרעסער, בּיז די פלאַש האָט גענומען פּלאַצען, און דאָס מענשעל איז גרויס געוואָרען און איז געוואָרען דער גרעסטער תלמיד פונ׳ם מהר״ל. אין דער אַלט-נייער שוהל איז געשטאַנען אַנ׳אַלטער יוד און האָט דערצעהלט, אַז דער רבי ר׳ ליב האָט געמאַכט אַ גולם, און לעגט ער איהם אַריין דעם שם־המפורש אין מויל אַריין. דאָ ווערט דער גולם לעבּעדיג און איז דאַן אימשטאַנד די וועלט חרוב צו מאַכען, און נאָר ווען ער נעהמט איהם דעם דאָזיגען שם-המפורש ווידער אַרויס, בּלייבּט ער ליגען טויט ווי אַ שטיק לעהם.

פערטראַכט און אומעטיג איז דער גרויסער ר׳ ליב טאָג-טעג-ליך אַרויס פון זיין חדר און ווידער אַריין, און ווי אַ פינסטערער וואָלקען איז איהם געלעגען אויף זיין גערונצעלט פנים. ער האָט נישט געקאָנט לאַכען, און האָט נישט געקאָנט הערען ווי מען לאַכט; ער האָט קיין פרייד נישט געפונען. וואָס נוצט דער גרויסער סוד? וואָס נוצט ער אַפילו דאַן, ווען מען איז איהם שוין דערגאַנגען? ווערט דורך דעם די וועלט דען אַנדערש? ער האָט געקרעכצט. עס נוצט נישט, ווען איינער דערגעהט איהם. יעדער פאַר זיך וואָלט מוזען איהם דערגעהן, אַלע צוזאַמען וואָלטען איהם מוזען אין איין צייט דערגעהן, אויב מען וויל, אַז די וועלט זאָל ווערען אַנדערש און פרייד זאָל זיין און גליק און מען זאָל קענען און מעגען לאַכען. ער איז מיט לאַנגזאַמע שריט געגאַנגען ווייטער. חוה׳לע, אַ לאַכענדיג לעבען, איז טאַנצענדיג איהם אַקעגענגעקו-מען. אָט איהר מאַטערט נישט דער סוד און ווי אַזוי מען זאָל לע-בען און וואָס איז לעבען — און דערווייל לעבט זי. ער האָט זיך אָבגעשטעלט און האָט זיך אַ מינוט לאַנג טיעף פערטראַכט. די אוי-גען האָבען זיך מיעד געשלאָסען. דאַן האָט ער ענערגיש געשאָ-קעלט מיט׳ן קאָפּ אויף ניין. איז דען דאָס לעבען?... ער איז פּלוצ-לינג ווייטער געגאַנגען, האָט זיך געוואַשען די הענד און האָט זיך אַוועקגעשטעלט דאַוונען.

פונ׳ם הראַדשין-באַרג אַראָב איז ווי אַ פייל פון בויגען געפלוי-גען אַ קאַרעטע, איינגעשפּאַנט אין זעקס ווייסע פערד, און איז צו-געפאָהרען צום הויז פונ׳ם גרויסען ר׳ ליב. דער קייזער רודאָלף II, אַ מענש וואָס האָט עוסק געווען אין מיסטיק און אַלכימיע און נאָך אַזעלכע זאַכען און האָט דעסגלייכען געזוכט דעם גרויסען סוד, האָט געשיקט זיין אַדיוטאַנט, רופען דעם יודישען רבי אין שלאָס אַריין. ער האָט געהערט, וואָס דער יודישער רבי האָט געטהון, און ער איז נייגעריג געווען צו זעהן דעם וואונדערליכען מאַן.

*

דער פרייטאָג דערויף איז געווען אַ טאָג געטונקען אין לוי-

פרישמאַן מיט זיין פאַמיליע אין דרוסקעניק

טער ליכט און זונען-שיין. דער רבי ר׳ ליב האָט גענומען זיך מכין זיין אויף שבת; ער האָט זיך געשניטען די נעגעל, האָט געריסען פּאַפּיער און איז ענדליך געגאַנגען אין מקוה אַריין. די אַלטע רבי׳צין איז, פערשוויצט און קייכענדיג, געווען בעשעפטיגט אין קיך. דער ריח פון פריש-געקאָכטע פיש האָט זיך געלאָזט הערען. חוה׳לע האָט, זינגענדיג און מיט ברענענדיגער אונגעדולד, געראמט אין די צימערן לכבוד שבת. פון דער מאַלדאַווא האָט זיך מינוטען-ווייז געהערט אַ מערקווירדיג רוישען און זשומען פונ׳ם וואַסער. ענדליך איז חוה׳לע אויך אַריין אין דעם שטודיר-צימער פונ׳ם זיי-דען, כּדי אויך דאָרט אַלץ צו ברענגען אין אָרדנונג.

דאָס ווייסע טיכעל אויפ׳ן קאָפּ, צוגעבונדען פון הינטען ווי די פויערטעס, אין דער האַנד דער פלעדערוויש, און פון דעם ווייסען טיכעל אַרויס צוויי בליצעדיגע שוואַרצע אויגען, וואָס האָבען געפלאַמט און געבריהט — אַזוי איז זי געשפּרונגען פון ווינקעלע צו ווינקעלע און האָט גערעדט צו זיך און געטהון. און נישט גע-רעדט האָט זי, נאָר געטשוויטשערט, און נישט געשפּרונגען איז זי, נאָר עפּעס געפליגען אָדער געשוועבט. דרויסען ערגעץ-וואו, אין אַ בעהעלטעניש פון דאַך, האָט אַ זינג-פויגעל גראָד געזונגען דעם נגון פון „ווי שעהן איז דאָס לעבען!״ זי האָט זיך איינגעהערט און האָט מיטגעזונגען. און אַזוי איז זי אַרויף אויפ׳ן טיש, אויף די בענק, אויף די שטוהלען, און פון שטוהל צו שטוהל איז זי געשפּרונגען און האָט אַרומגעאַרבייט מיט דעם פלעדערוויש. אויבען אויפ׳ן באַלקען, ביים אָרט פון „זכר לחורבן״, האָט זי שטאַרק אַרומגעווישט, און דאַן האָט זי זיך גענומען צו דער שפּין מיט דעם שפּינוועבס, און דאַן צו דער שאַפע מיט די ספרים; זי האָט געאַרבייט און געזונגען. עס האָט איהר אָנגעהויבען ווערען צו וואַרם, און זי האָט אויפגעשפּילעט איהר בוזעם. דאָס הייסע אויפגע-שפּילעטע לעבען איז אַרויסגעקוואָלען אין דרויסען אַרויס.

אָט האַלט זי אין דער האַנד אַ גרויס מעכטיג ספר פון די ספרים און ווישט עס. זי האָט זיך אויף אַ מינוט פערטראַכט. רבונו של עולם! צו וואָס גאָר איינגאַנצען אַזויפיעל ספרים? צו וואָס בעדאַרף זיי אַ מענש? זי שטעהט און קלערט. איהר זיידע

איז פראָסט משוגע, אַז ער האָט גענומען אַ בליהענדיג לאַנג לע־בען פון זיעבעציג יאָהר און האָט עס דערטרונקען אין אַזעלכע נאַ־רישקייטען. איין מינוט לאַנג די ליעבע ליכטיגע וועלט, מיט דער גאָלדענער זון, איז דאָך טויזענדמאָל ליעבער און קלוגער פון אָט די אַלע ספרים צוזאַמען.

און אָט האָט זי שוין פערגעסען די ספרים און דאָס לאַנגע לעבען און אַפילו דעם געדאַנק וועגען דער ליעבער ליכטיגער וועלט מיט דער גאָלדענער זון, און זי שטעהט שוין ביים אויוועץ און ווישט איהם אַרום. אין מיטען פון אויוועץ איז אויסגעהאַקט אַ פי־גור מיט אַן'אָבגעריבענער נאָז. זי כאַפּט זיך דערביי, ווי זי איז שוין ווידער פערטיעפט אין געדאַנקען. וואָס טהוט זיך דאָס היינט מיט איהר, וואָס זי קלערט און פערקלערט זיך אַזוי אָפט? זי נעהמט אַראָב פון דער וואַנד דעם שבת'דיגען ספּאָדעק פונ'ם זיידען און טהוט איהם אָן און צעלאַכט זיך אויפ'ן קול. עס אַהרט זי אָבער, וואָס די נאָז פון דער פיגור איז אָבגעריבען און מיט אַ כיון קאַליע גע־מאַכט. זי דערמאָהנט זיך פלוצלינג, אַז עס איז פאַרהאַנען עפּעס אַ דין וועגען אַ צורה וואָס איז בולט, און אַז עס שטעהט געשריבען „לא תעשה לך כל פסל" — און זי ווערט טרויעריג. באַלד דערויף אָבער הויבט זי שוין ווידער אָן צו אַרבייטען און צו טרילען און צו זינגען; זי האָט בלויז נאָך דעם מעשענעם הענג־לייכטער אַרומ־צווּווישען.

גראָד בויגט זי זיך אַראָב און ווענדט זיך צום ווינקעלע וואָס הינטער דעם אויוועץ — און פלוצלינג בלייבט זי שטעהן ווי פער־שטיינערט. דער פלעדערוויש פאַלט איהר אַרויס פון די הענד און זי שטעהט און גלאָצט מיט אויפגעריסענע אויגען. דער בוזעם הויבט אָן צו קאָכען, דער אָטעם צו ברענען, די אויגען צו פלאַמען.

הינטער דעם אויוועץ, אינ'ם ווינקעלע, ליגט אויסגעשטרעקט עפּעס אַ געשטאַלט, אַ געשטאַלט פון אַ מענש, און נישט לעבע־דיג איז ער, נאָר געמאַכט, פון ווייסען לעהם געמאַכט — אַ גיפּסענער גולם.

מיט ווייט אויפגעריסענע אויגען קוקט זי אויף דעם בעשע־פעניש. אַזוי עפּעס שעהנס האָט זי נאָך קיינמאָל נישט געזעהן. דאָס פנים לעבט, די ליפּען לעבען, אַלע גליעדער לעבען. זי קוקט און

קען איהרע אויגען נישט אַראָבנעהמען. און אַ מאַנספּערשוין איז עס! רבונו של עולם, ווי שעהן איז דאָך דער דאָזיגער מאַנספּערשוין! זי קען נישט אַנדערש — זי מוז זיך אַראָבבויגען און מיט איהרע פינגער אָנריהרען. אַ וואַרעמער ציטער דורכפלאַמט אַ מינוט לאַנג איהר גאַנצען קערפּער. זי נעהמט אַראָב פון איהם דעם זיידענעם כאַלאַט, אין וועלכען ער איז איינגעהילט, זי עסט די געשטאַלט אויף מיט איהרע בריהענדיגע אויגען. איבערהויפּט געפעלט איהר דאָס מויל! עס איז, ווי עס וואָלט זיך קענען יעדע מינוט אויפמאַכען און רעדען. ניין, איבערהויפּט געפעלט איהר דער שטערען; ניין — די ווינקעלעך פון די שלייפען. אוי גאָט, ווי זענען דאָך די שלייפען שעהן! עס דאַכט זיך, זי זעהט אויך דאָס בלויע אָדערעל אין דער פיינער שלייף. און פּלוצלינג פאַלט איהר אין די אויגען אַריין דער אויבער-אָרעם מיט זיינע מוסקולען. און דער דאָזיגער ברוסט-קאַסטען! רבונו של עולם, וויפיעל שטאַרקייט און גבורה דאָ ליגט! פּלוצלינג פערבלאָנדזשעט זיך איהר אויג ביז צו דעם אויער און דעם פיינעם אויער-לעפּעלע. אַזאַ אויער-לעפּעל האָבען נאָר גוטע מענשען. אַ הייסע גלוט דורכריזעלט זי. זי קאָן זיך נישט איינהאַלטען און מוז איהר הייסען בוזעם צולעגען צום קאַלטען, געמאַכטען גוף, אום זיך אַ מינוט לאַנג צו קיהלען. זי מאַכט פאַמעליך צו די אויגען, און איהר איז אַזוי זיס, אַזוי זיס. זי וואָלט וועלען איהר גאַנץ לעבען אַזוי ליגען בלייבען. אַ פּנים, אַ מענש, וואָס מענשען-הענד בעשאַפען איהם, איז טויזענדמאָל שענער און פאָלקאָמענער פון אַ מענשען, וואָס גאָט האָט איהם בעשאַפען. זי קען נישט אַנדערש— זי טוליעט זיך צו פעסטער צום גוף און זי פּרעסט איהר מויל אויף זיין מויל. אַך, ווען ער וואָלט נאָר וועלען לעבעדיג ווערען אויך! זי ווערט פּלוצלינג אונגעדולדיג און זי כאַפּט זיך אויף. זי טופּעט מיט איהר גאַנצער קראַפט אויף דער ערד מיט איהר פוס: לעבען! לעבען! לעבען!

פּלוצלינג ווערט עס איהר קלאָרער אין קאָפּ. זי דערמאָהנט זיך, וואָס מען האָט געמורמעלט אין די לעצטע טעג, אַז דער זיידע האָט געמאַכט אַ מענש, אַ גולם פון לעהם. עפּעס ווייסט זי, אַז דער זיידע קען איהם אויך לעבעדיג און ווידער טויט מאַכען, אַלץ ווי ער וויל. זי געדענקט שוין איצט אויף קלאָר: אַ שם המפורש האָט ער צו איהם. אָבער ווער האָט געדולד צו אָט די אַלע נאַרישקייטען פון'ם אַלטען? זי טופּעט מיט

איהר פוס אומגעדולדיג און אויפגערעגט: לעבען! לעבען! לעבען!

אָבער דער גולם ריהרט זיך נישט.

און זי האַלזט איהם און קושט איהם און זי זאָגט איהם, גליה־ענדיג פאַר ליידענשאַפט: איך האָב דיך ליעב! איך האָב דיך ליעב! איך האָב דיך דאָך אַ ז ו י ליעב!

און דאָס וואונדער געשעהט: די ליעבע ברענגט צום לעבען. עס הערט אַ גולם דאָס וואָרט „איך האָב דיך ליעב", און הערט־אויף צו זיין דער גולם.

דער שם־המפורש האָט אויף וואונדערליכע וועגען מוסר געווען זיין כּוח דעם יונגען מיידעל, דאָס יונגע מיידעל האָט מוסר געווען דעם כּוח דעם וואָרט און דאָס וואָרט האָט איהם מוסר געווען דער געשטאַלט. עס האָט זיך געריהרט פּלוצלינג די געשטאַלט. און צום סוף איז זי דערוואַכט.

דער גולם האָט זיך לאַנג געריבען די אויגען און ענדליך האָט ער זיי אויפגעמאַכט. דאָס ערשטע, וואָס האָט איהם בעגעגענט, איז געווען אַ זונען־שטראַהל; ער האָט געמוזט פערשטעלען זיך די אויגען מיט דער רעכטער האַנד, ווי אַ דעכעל, כּדי עס זאָל איהם נישט בלענדען. דאָס צווייטע, וואָס ער האָט דערבליקט, איז געווען חוה'לע, און ווידער האָט ער געמוזט פערהאַלטען זיך די אויגען אַ מינוט, ווייל עס האָט איהם געבלענדעט. ער האָט אַוועקגעבליקט פערשעהמט און האָט זיך אַריבער־געוואָרפען גיך דעם זיידענעם כאַלאַט. זיין פּנים איז פּלוצלינג שטאַרק רויט געוואָרען.

באַלד אָבער האָט ער זיך פערטיעפט אין געדאַנקען. דו, גרויסער גאָט! וואו איז ער דאָ? אַנ'אַלטע, נאָר וואָס פערגעסענע וועלט איז אין איהם ביסלעכוויז אויפגעשטיגען. ער דערמאָהנט זיך איינציגוויז אָן גאָט, נשמה, הימעל, הייליגע ספרים, קבלה, סיגופים, עבודת־הבורא, רבּי ליב, יענע וועלט, גן־עדן. ער געדענקט, אַז דאָס לעצטע, וואָס ער האָט געהאַלטען אין האַנד נעכטען ביינאַכט, איידער ער האָט צוגעמאַכט די אויגען, איז געווען דער „גור־אַריה". ווי אַ נעבעל איז איהם גע־וואָרען אַרום און אַרום. דאָס האַרץ איז איהם אַזוי שווער געוואָרען און דער קאָפּ איז איהם געהאָנגען ווי בליי. און פאַר דעם „גור אַריה", געדענקט ער, האָט ער מיט דעם מהר"ל הקדוש צוזאַמען געלערנט דעם „זהר". ער דערמאָהנט זיך, אַז ער איז שוין איצט שעהנע עט־

ליכע מינוטען ווידער אויפגעוואַכט און האָט נאָך אין גאָרנישט עוסק געווען. אַ שווערער קרעכץ האָט זיך פון איהם געהערט, ווי פון אַ מענשען, וועלכער האָט פאַר זיך אַ שווערע לעסטיגע אַרבייט. ער האָט זיך פּאַמעליך אויפגעהויבען און איז צוגעגאַנגען צו דער ספרים-שאַנק.

— וואָס ווילסטו דען טהון איצט?

ער איז פּלוצלינג בלאַס געוואָרען און די אויגען האָבען אָנגעהויבען פלאַקערען. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז אַ זילבערען גלעקעל האָט געקלונגען. באַלד אָבער האָט זיך איהם געדאַכט, אַז אַ פויגעל, דערזעלבער, וואָס וואוינט דרויסען אויפ'ן בוים, האָט געצוויטשערט. ער האָט זיך טיעף אַריינגעבויגען אין די ספרים-שאַנק און האָט, קוים וואָס מען האָט געהערט, געשעפּטשעט:

— לערנען... איך מוז דאָך געהן לערנען...

ער האָט מורא געהאַט אַהינצוקוקען דאָרט, פון וואַנען די שטימע איז געקומען.

און ווידער האָט זיך געהערט דאָס קלינגען פון אַ זילבערען גלעקעל. דאָסמאָל אָבער גאַנץ אָהן ווערטער. הוה'לע האָט זיך צעלאַכט אויפ'ן קול.

לערנען. — איהר איז דאָס וואָרט אויסגעקומען אַזוי מאָדנע נאַריש, אַז זי האָט געמוזט זיך פונאַנדערלאַכען. נאָך אַזוי יונג — און שוין לערנען. נאָך אַזוי פריש און ניי און קרעפטיג — און שוין לערנען. נאָך אַזוי שעהן און לעבעדיג און פול חן — און שוין זיך טויטען. און צום צווייטען מאָל האָט זי זיך צעלאַכט. מיטאַמאָל אָבער איז זי אמת'דיג אין כעס געוואָרען אויף איהר אַלטען זיידען.

גאַנץ ווי צו אַנ'אַלטען בעקאַנטען איז זי צוגעגאַנגען צו דעם יונגען מענש, פריי און אומגעצוואונגען און אָהן קלעמעניש. זי האָט אַרויפגעלעגט איהר האַנד אויף זיין האַנד, וועלכע האָט גראָד געהאַלטען דעם „תפארת ישראל".

— אוי דו, נאַרישער גולם, דו! קוק מ י ך אָן... קוק אַרויס אין דרויסען. דער הימעל איז אַזוי בלוי, אַזוי בלוי. און ווי גרויס איז דער גאָרטען און ווי ברייט און גרויס איז דאָס האַרץ. און אין גאָרטען זינגען גאָט'ס מלאָכים — גאָלדענע שפּיל-פייגעלעך, און זיי זינגען אַזוי זיס. ווייסטו, ווי זיס די פייגעל זינגען? אוז אַלעס איז אַזוי פריש און

מחיה׳דיג. און די לופט און די טויזענד ריחות און דאָס רוישען פון די בוימער און מינוטענווייז אַ זשומען און ברומען, אַז קיינער ווייסט נישט, פון וואַנען און פון וואָס. און דו, גולם, ווילסט זיך בעגראָבען נאָר אין ספרים? אין שטויב און אין שימעל?

אַ לייכטער ציטער איז איהם אַריבער איבער׳ן קערפּער. שוואַך און קוים וואָס מען האָט עס געהערט האָבען זיינע ליפּען נאָכגעשעפּ־טשעט די ווערטער: דער הימעל איז אַזוי בלוי, דער גאָרטען אַזוי גרין... דער „תפארת ישראל” האָט זיך איהם אַרויסגעגליטשט פון דער האַנד און ער האָט זיך פערטראַכט. ווי אַ צויבער האָט עס איהם אַרומ־גענומען.

באַלד אָבער האָט ער זיך אַ וויש געגעבען מיט דער האַנד אי־בער די אויגען און איבער דעם גאַנצען שטערען, ווי ער וואָלט האָבען אויפגעוואַכט פון אַ וואונדערליכען חלום. ער האָט זיך ענערגיש אַ דרעה געטהון און האָט זיך געכאַפּט צו דעם ספר.

זי האָט געקוקט אויף איהם בעפעהלעריש. איהרע אויגען האָבען זיך ווי אַריינגעזויגען אין איהם, און אויף דער שטעל, וואו איהר בליק איז הענגען געבליבען, האָט עס געבריהט ווי אַ ברענגלאָז. נישט ווי־לענדיג האָט ער אויפגעהויבען זיינע אויגען.

זי האָט אָנגעהויבען לאַנגזאַם רעדען צו איהם. ביי דעם קלאַנג פון איהר ווייכער שטים האָט ער געמוזט רַק געדענקען אָן דער רויהער שטים פון דעם אַלטען. אָפּנים אַזוי רעדען, ווי זי רעדט צו איהם, קען נאָר דאָס מויל פון אַ ווייבליך בעשעפעניש. און עפּעס רעדט זי פון דעם, אַז ווען אַנ׳אַלטער מאַן, אַ משונה־ווילד פערוואָק־סענער, פערגראָבט זיך אין טויטע געשטאָרבענע אותיות, דאָ איז עס נאָך צו פערשטעהן; עפּעס אַנדערש איז איהם שוין אין דער וועלט נישט געבליבען. אָבער ווען אַזאַ יונג לעבען, וואָס קען לעבען — און קען אָהן חשבון לעבען — ווען אַזאַ יונג לעבען צעשטיקעלט זיך אַליין און צעשרויפט תמיד זיך און זיין טהון און אונטערזוכט תמיד זיין געוועוערק און זיינע אייגענע רעדלעך, דאָ זינדיגט און פערזינדיגט ער זיך נאָר געגען זיין צוועק און געגען דעם אמת׳ען צוועק פון לעבען בכלל. און דו ביסט דאָך, האָט זי געענדיגט, אַזוי יונג און אַזוי שעהן...

— רעד, רעד נאָך — האָט זיך איהם אויסגעגאָסען פון די ליפּען.

און זי רעדט וויטער. און נישט איהרע ווערטער הערט ער מעהר, נאָר דעם קלאַנג פון איהר שטים. ער פערטראַכט זיך אָבער פלוצלינג. וואָס איז דאָס לעבען און צו וואָס לעבט מען? און זוכט נישט דער אַלטער, מיט אַלע זיינע טויזענד ספרים און מיט זיין גאַנצער חכמה, נאָך איצט ערשט דעם צוועק פון לעבען און דעם גרויסען סוד? נעכטען ביינאַכט, דריי אַזייגער איז עס געווען, ווען זיי זענען געזעסען ביידע צוזאַמען איבער די ספרים, דאָ האָט זיך דער אַלטער פלוצלינג אויפגעכאַפּט און איז געלאָפען אַרויף און אַראָב און האָט געשריגען: „ניין, ניין, ניין! קוים האָב איך געפונען דעם גרויסען סוד און האָב געמיינט, איך וועל מיך שוין ברוהיגען, דאָ איז שוין ווידער געוואָרען אַ נייער גרויסער סוד, וועלכען איך מוז אויפסניי זוכען און דערגעהן, און קוים וועל איך אויך איהם דערגעהן, וועט דאַן ווידער ווערען אַ נייער גרויסער סוד, און קיין סוף וועט קיינמאָל נישט זיין!" — דאָס, אַלזאָ, האָט דערגרייכט דער אַלטער מיט אַלע זיינע ספרים און מיט זיין גאַנצער חכמה! און בעת יענער זוכט, קאָן דען ער, דער גולם, נישט עפּעס בעסערס טהון און דערווייל לעבען? ער, וואָס האָט אַלע גאָבען צום לעבען? און קענען דען טויזענד חכמות צוזאַמען געבען דאָס, וואָס מען פיהלט אין איין מינוט? זאָל מען און מוז מען דען נישט אַוועקגעבען דעם גאַנצען מוח פאַר איין מינוט האַרץ?

און זי רעדט אַלץ וויטער צו איהם, און איהם איז, ווי ווען זי וואָלט זיין עלענדע קראַנקע נשמה איינהילען אין עטוואָס ווייכעס, וואָס בערוהיגט און לינדערט.

און ווי זיי זענען ביידע אַרויסגעקומען אין די פרייע לופט, האָט זיי אַ זיסע לוסט אַרומגענומען. האַנד אין האַנד זענען זיי געגאַנגען דורכ'ן גאָרטען און איבער דער בריק. דאָס וואַסער אין דער מאָלדאַווא האָט אַזוי צויבערהאַפט גערוישט. און איבער דעם שאָסיי זענען זיי געגאַנגען און ביז צום וואַלד, די אַלטע טונקעלע בוימער זענען געשטאַנען פאַר זיי און האָבען זיי צו זיך געצויגען און געצויגען.

שטיל איז געשטאַנען דער וואַלד, ווען זיי זענען אַריין אין איהם, און ווען זיי זענען ווידער פון איהם אַרויסגעקומען, האָט ער גערוישט און געהילכט; ער האָט זייער סוד, וועלכער איז אויך גרויס געווען,

געהאַט איינגעשלונגען און איצט האָט ער געפרובט איהם אויסצופּלוי־דערען. און די זון האָט געלאַכט ביי זייער צוריקקומען, און דאָס זאַמד האָט געפונקעלט און אַלעס גרינע האָט זיך געפרעהט און געגליהט און געלויכטען.

*

אַ האַלבע שעה שפּעטער איז דער רבי ר׳ ליב צוריקגעקומען פון דער מקוה. דער שבת־קודש האָט שוין גערוהט אויף איהם. פריש און אויסגעצוואָגען האָט ער אויסגעזעהן, און ביים האַלז האָבען זיך געוויזען די פרישע ווייסע ראַנדען פון אַ קלאָר העמד. די רביצין האָט איהם דערלאַנגט אַ שטיקעל פיש מיט אַנ׳אייערקיכעל. דאַן איז דער גרויסער ר׳ ליב אַריין אין זיין לערן־חדר. ער האָט זיך אין אָנהויב דערשראָקען. דער גולם איז געזעסען אין אַ ווינקעל פערקלערט, אָבער אַ לעבעדיגער. דאַכט זיך, ער האָט איהם געלאָזען אָהן אַ שם־המפורש, אַ טויטען, אָבער אויף קלאָר געדענקט ער עס נישט. שטיל און אָהן ווערטער האָט דער רבי ר׳ ליב גענומען דעם „ספר רזיאל“. זיין ליעב־סטען תלמיד מוז ער איצט דערקלערען דעם סוד פון יצירה און וואָס איז דער אָדם הקדמון און וואָס איז דער אין־סוף. דער עיקר איז דער אין־סוף. דער גולם אָבער האָט זיך נישט קיין ריהר געגעבען. דער מהר״ל האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען און האָט איהם אָנגעקוקט.

— דרויסען — שעפּטשען די ליפּען פונ׳ם גולם פערחלומ׳ט — איז דער הימעל אַזוי בלוי, אַזוי בלוי... גרין איז דער גאָרטען און דאָס פעלד און דער וואַלד, און אויך דאָס האַרץ איז אַזוי ברייט און גרויס. און די ריחות, און דאָס פויגעל־געזאַנג... און ספרים זענען שטויב און שימעל...

אויפ׳ן טיש ליגט דער „גור אריה“, דער „גבורות ה׳“, דער „באר־הגולה“ און נאָך און נאָך — און דער גולם רעדט דאָס אַזעלכע ווערטער.

דער רבי ר׳ ליב איז געשטאַנען, ווי ווען דאָס לשון וואָלט איהם זיין אָבגענומען. ער האָט גאָרנישט פערשטאַנען די ווערטער.

ס׳טייטש, מיין גולם? און אַזעלכע דבורים?..

דריי טעג זענען פאַרבייגעגאַנגען.

דער רבי האָט מיט דעם תּלמיד אין די דריי טעג קיין איינציג וואָרט נישט גערעדט, ווי דער גולם וואָלט זיין אין חרם. ווי אַ שאָטען איז ער נאָכגעגאַנגען נאָכ'ן רבי ר' ליב. כאָטש איין וואָרט, כאָטש איין וואָרט! עס האָט איהם געצויגען צום רבי'ן, ווי אַ מאַגנעט. דאָס בילד פון חוה'לען איז פון מינוט צו מינוט געוואָרען בלאַסער אין זיין פאַנטאַזיע. כאָטש איין וואָרט, כאָטש איין וואָרט! ערשט אויפ'ן דריטען טאָג פאַרנאַכט, צווישען מנחה און מעריב, האָט דער מהר"ל אויפגעמאַכט זיין מויל און האָט גערעדט.

— וועה צו די, האָט ער געזאָגט, וועלכע פערלאָזען חיי עולם און זענען עוסק אין חיי שעה. אַ זעלכע, וואָס רעדען פונ'ם הימעל, וואָס איז בלוי, און פון די פויגעל, ווי זיי זינגען, און פונ'ם גרינעם אין גאָרטען, און דערווייל לאָזען זיי דאָס, וואָס איז נצחיות, ליגען אין אַ קרן־זוית און זענען זיך מסיח־דעת פון איהר; — וואָס האָבען זיי דער־פון, די נאַראָנים? מאָרגע, קומט אַ טאָג און אַ כמאַרע איבערציהט דעם הימעל — און ער איז שוין גרוי און נישט בלוי. און אַ קאַלטער ווינד קומט און וועהט איבער דעם גרינעם — און עס איז שוין נישט גרין נאָר פערוועלקט. און אַ פראָסט קומט — און דער פויגעל זינגט שוין נישט מעהר, נאָר פערקריכט זיך ערגיץ וואו אין אַ לאָך. און צוליעב אַזעלכע נאַרישקייטען, אַזעלכע פוסטע פאַנטאַזיעס, וואָס דויערען נישט מעהר ווי איין נאַכט אָדער איין וואָך און איין חודש, וויל מען פערלאָזען דאָס דאָזיגע, וואָס ענדערט זיך קיינמאָל נישט, און פון וועלכען דאָס נפש קאָן ציהען זיין חיונה אייביג?

דער גולם איז געווען ווי צעשלאָגען אין אַלע זיינע אברים. ער האָט געוואָלט אויפהויבען זיינע אויגען צום רבי'ן און האָט נישט געקאָנט; אַ מין חרפה האָט איהם צוגעדריקט. ער פרובט זיך דערמאָהנען אָן דעם וואַלד, אָן דעם טונקעלען, און ווי ער איז געווען מיט איהר צוזאַמען און ווי עס איז אין זיין האַרץ געווען גאָר עפּעס אַנדערש — און קאָן עס בשום אופן נישט. ער קאָן זיך אויף קיין פאַל נישט דערמאָהנען, פאַרוואָס עס איז איהם געווען דענסמאָל אַזוי זיס און ווי עס

איז איהם געווען אַזוי זיס. אַדרבא איהם קומט־פאַר אַלץ איצט אַזוי נאַריש, און ער פערוואונדערט זיך איבער זיך אַליין, ווי דאָס אַלץ האָט גאָר געקאָנט זיין. דער מהר"ל איז דאָך אַזוי גערעכט! וואָס האָט מען אייגענטליך פון אַלע די דאָזיגע נאַרישקייטען, ווי אַ ריח און אַ פאַרב און אַ טאָן? עס איז נישט מעהר ווי אַ קיצעל פאַר די חושים אויף איין מינוט, בעת דאָס, וואָס איז אייביג, איז דאָך אייביג, און די זעלבע תורה, ווי זי איז געווען פאַר טויזענדער יאָהרען, איז זי נאָך איצט און זי וועט אַזוי זיין אין נאָך טויזענדער יאָהרען. דאָס וואָס איך לערן, טראַכט ער זיך איצט, דאָס האָב איך געלערנט און עס איז מיינס אויף אייביג, און אַפילו ווען איך בין נישט מעהר, בלייבט דאָס דאָזיגע אויף אייביג.

זיין בלאַס פנים האָט אויסגעוויזען אַזוי טרויעריג און פערשטערט און אומגליקליך.

ער איז אַריין מיט אַ צעבראָכען געמיט אין זיין חדר. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנד און האָט גענומען דעם „באר הגולה". ער האָט געפרובט זיך פערטיפען אין איהם. די מלחמה געגען ר' עזריה מן האדומים און געגען דעם מאור עינים, ווי זי קומט פאַר אין דעם ספר, האָט שטאַרק בעשעפטיגט זיין מוח...

*

אין בית־מדרש איז עס געווען בעת'ן דאַווענען. מיט די גרויסע תפילין אויפ'ן קאָפּ זיצט דער גולם, און דער קאָפּ מיט די בלאָנדע לאָקען איז געשטיצט אויף זיין האַנד, און ער קלערט און קלערט.

צו וואָס האָט ער מיך געמאַכט?

דער פעהלער איז, אַז דער, וועלכער, האָט מיך, גולם, געמאַכט, האָט מיך געמאַכט מיט איין גוף און צוויי נשמות. אָדער צי איז יעדער מענש אַזוי געמאַכט? די וועלט וואָלט האָבען אַ גאַנץ אַנדער פנים, ווען יעדער מענש וואָלט האָבען איין נשמה און דערצו צוויי גופים, וועלכע וואָלטען איהם קאָנען דיענען איינמאָל אַזוי און איינמאָל אַזוי. אַזוי אָבער איז דאָס אומגליק, וואָס עס איז גראַד אומגעקעהרט: נישט נאָר ער האָט נישט צוויי גופים, נאָר ער האָט נאָך צוויי נשמות, און איינע ציהט איהם אַהין און איינע אַהער. דאַכט זיך, אַז חוה'לע

רעדט, איז זי געדעכט ביז גאָר, אַזוי אַז עס איז גאָר נישטאָ וואָס צו ענטפערען; ווען אָבער דער מהר"ל רעדט, דאַכט זיך אויס, אַז דאָס וואָס ער רעדט, איז גאָר דער עיקר פּוג'ם אמת. ווער די מלחמה צווישען זיך אַליין און מיט זיך אַליין נאָך לאַנג דויערען? איז עס די מלחמה פון יעדען בעשעפעניש? הערט זי אויף נאָר דאַן, ווען דאָס לעבען הערט אויף?

ער האָט האַסטיג אַראָבגענומען די תפילין של ראש און האָט זיי אַ שלײדער געטהון אויפ'ן טיש.

און וועמען געהערט דער פּאַרצוג? דעם הימעל אָדער דער ערד? דעם הארץ אָדער דעם מוח? דער נשמה אָדער דעם גוף? דער שעהנ־קייט אָדער דער וויסענשאַפט? דער פּאָעזיע אָדער דער פילאָזאָפיע? דעם גלויבען אָדער דעם וויסען? חוה'לען אָדער דעם מהר"ל?

צום סוף זעצט ער זיך ווידער אַוועק און האַלט ווידער אָנגע־שפּאַרט זיין בלאָנדען קאָפּ אויף די שעהנע האַנד. דער זונענשיין שפּיעלט זיך אויף די בלויע אָדערלעך פון די פיינע פינגער.

עס איז נישטאָ צו געבען אַ פּאַרצוג דעם אָדער יענעם. איינער איז בעשאַפען אַזוי, אַז ער איז מעהר איינגענומען פאַר דאָס איינע, און איינער — פאַר דאָס צווייטע.

דאָס אומגליק איז נאָר, וואָס עס געהט נאָך ווייטער: איין און דאָס זעלביגע בעשעפעניש איז איין מינוט אַזוי און איין מינוט אַזוי. דאָס איז דאָס אומגליק פון די צוויי נשמות. רבונו של עולם! וואָלסטו נישט טויזענדמאָל בעסער געמאַכט און וואָלט דער מענש נישט געווען טויזענדמאָל רוהיגער און נישט אַזוי צעריסען מיט זיך שטענדיג, ווען דו וואָלסט איהם בעסער געגעבען צוויי גופים צו איין נשמה? און ווען שוין נישט — טאָ וועניגסטענס, ווען דו וואָלסט איהם געגעבען נאָר איין נשמה?

*

דער שבת נאָכמיטאָג איז געקומען.

מיעד און פערשלאָפען פאַר צופיעל תענוג איז אַלץ אַרום און אַרום. דער גולם האַלט גראָד ביים עונג פון שינה של שבת. אַנ'אַקאַציע שטעהט אין דער ברענענדיגער היץ און שמאַכט און חלש'ט נאָך אַ טראָ־

פען. אויפ׳ן פענסטער ליגט אַ קאַץ, פערמאַטערט און פערשמאַכט. און האַלב עפענט זי די אויגען און האַלב שליסט זי זיי, און האַלט זיי דאַן פערגלאָצט, און די זון ברענט איהר אין רוקען, די באַנק פאַר דעם הויז שטעהט און איז בריהענדיג וואַרעם. דאָס געלע זאַמד אויף דער ערד איז געבאַקען ווי אין אַ גליה-אויווען. עטליכע מיידלעך שפּיעלען אויף דער גאַס אין ניס, און דער שווייס גיסט זיך פון זיי. שטיל איז און מען הערט יעדען שאָרך.

און ריחות טראָגען זיך פונ׳ם גאָרטען, צום פערשכור׳ן. אויף די גלעזלעך פונ׳ם שבת׳דיגען הענג-לייכטער האָט זיך גראָד אַ ליכט-שטראַהל געבראָכען און טויזענד זיך בייטענדיגע פאַרבען האָבען זיך צעגאָסען אויף אַ ברעג פון דער אַנטקעגען ליגענדיגער וואַנד.

פון זיין צימער געהט אַרויס דער גולם, איינגעהילט אינ׳ם זיידע-נעם קאַפּטאַן און זיין רויט טאַשענטיכעל געוויקעלט אַרום דעם האַלז. ער געהט אין בית-מדרש אַריין. אָבער דורכגעהענדיג דעם גאָרטען, שטעלט ער זיך אָב אויף איין מינוט, דאַן צוקומענדיג צו דעםביידעל אין גאָרטען, קאָן ער נישט ווייטער געהן. ער זעצט זיך אַוועק אויף איין מינוט. ער חלומט און חלומט, און צום סוף שליסען זיך איהם די אויגען. ווי ער מאַכט זיי אויף, שטעהט חוה׳לע פאַר איהם.

— היט דיך, די אויגען אפילו אויף איין מינוט צוצומאַכען. באַלד ווי דו ווערסט זיי פערמאַכען, וועל איך דיך קושען אין דיינע אויגען.

זיין בלאַס פּנים האָט זיך עטוואָס גערויטעלט.

ער הויבט זיך האַסטיג אויף און וויל געהן. איהם בלאָנקעט זיך אין קאָפּ עפּעס אַ שם המפורש, אַ מאמר אַז „כל האומר מה נאה ניר זה, הרי זה מתחייב בנפשו", אַ געדאַנק, אַז אַן אשה שאַדט צו הייליג-קייט. אָבער זיינע פיס זענען אַזוי שווער, אַזוי שווער. ער קאָן זיך גאָר-נישט ריהרען פונ׳ם אָרט.

— נאַרישער בן אָדם! פון היינטיגען טאָג אָן וועל איך זיין דיין שם-המפורש. איך וועל דיך מחיה זיין און איך וועל דיך ממית זיין, — זאָגט זי פלוצלינג צו איהם, אַזוי ווי זי וואָלט לייענען אין זיינע גע-דאַנקען.

ער פיהלט, אַז זיין כּוח עקט זיך און ער קאָן זיך נישט ראַנגלען מצהר. און זי רעדט צו איהם אַזוי ווייך און זי רעדט צו איהם אַזוי גוט.

דאָס גריבלען אין זיין נשמה האָט אַ מינוט לאַנג אויפגעהערט און איהם איז פּלוצלינג אַזוי לייכט, אַזוי לייכט. ער פערשטעהט פּלוצלינג גאָרנישט, ווי ער האָט גאָר געקאָנט אַנדערש פיהלען און דענקען און ווי עס קען גאָר זיין אַנדערש. ער פיהלט פּלוצלינג, אַז דאָס איז דאָס אמת׳ע איינציגע לעבען.

— דער נאַרישער אַלטער! — רעדט זי, און איהר שטים קלינגט שוין ווידער ווי אַ זילבערנער גלעקעל — וואָס האָט ער אַליין דען דערגרייכט אין זיין גאַנץ לעבען? זיעבעציג יאָהר איז ער אַלט און האָט זיין לעבען אַוועקגעגעבען אויף פּוסטע חלומות. אַכט און צוואַנציג יאָהר האָט ער אוועקגערויבט פון זיין לעבען. האָט ער עפּעס געהאַט דערפון? — נאָך זיין טויט, איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר, וועט יעדער שוסטער און יעדער שניידער זיין פּאָרטרעט אויפהענגען ביי זיך אין די קעלערס און אין די בוידעם-שטיבער איבער דעם בעט, און די וועלט אָבער וועט בלייבען ווי געוועזן. אַזוי ווי דאָס גרעזעל איז געוואַקסען פאַר טויזענד יאָהר, אַזוי וועט עס וואקסען נאָך טויזענד יאָהר און גאָרנישט וועט זיך האָבען געענדערט. דאָס זעלבע ווי דאָס הינטעל בילט איצט, וועט עס בילען נאָך הונדערט יאָהר, און אַזוי ווי די זון שיינט איצט, און דאַן ווערט עס פינסטער, און דאַן שיינט זי ווידער, אַזוי וועט זי שיינען נאָך טויזענד דורות און אַזוי וועט עס דאַן ווערען פינסטער און אַזוי וועט זי דאַן ווידער שיינען, און אַזוי וועט אַלץ בלייבען עד סוף כל הדורות. ווִעמען האָט ער גענוצט מיט זיין התבודדות און מיט זיין קלערען? מיט וואָס זענען מיר ווייטער געקומען דורך וועלכען עס איז טיעפען געדאַנק? און אַפילו די שלעכטיגקייט איז געבליבען די זעלביגע, ווי זי איז געוועזן דענסמאָל, ווען מען האָט געזאָגט „כי יצר לב האדם רע מנעוריו”!

ער פיהלט, ווי אין זיין מוח ווערט אַ גאַנצע איבערקעהרעניש. נאָר שוואַך און ווי ער וואָלט נישט זיין דערביי שעפּטשען זיינע ליפּען: חיי-עולם — חיי-שעה. —

— און ער — זאָגט זי ווייטער — דער דאָזיגער נאַר, וואַגט דיר צו רעדען וועגען חיי-עולם און חיי-שעה? ער? זאָל ער מיר קוקען גלייך אין די אויגען אַריין, בעת ער רעדט, און זאָל ער מיר זאָגען, אַז ער ווייס פון חיי-עולם און וואָס חיי-עולם איז! ציטערט ער נישט

אַליין אָפּט און כאַפּט ער זיך נישט אויף אַליין אָפּט פון מיטען זיינע געדאַנקען און פרעגט זיך: מיט וואָס ער האָט זיין לעבען פערבראַכט? און איז דען איבערהויפּט פאַרהאַן חיי-עולם? איז דאָס דאָזיגע איבערהויפּט דען נישט מעהר ווי אַ פּוסטע מליצה? זעה, דו מיין ליעב שוטה'לע, מיין ליעב בלאָנד גולמ'ל! דו ביסט דאָך אַ מענש מיט פינף געזונדטע חושים און קאָנסט אַ זאַך אַליין אונטערזוכען און בעקלערען. אַדרבא, זאָג דו אַליין: וואָס הייסט דען „אייביג”? איז דען פאַרהאַן אינ'ם לעבען עפּעס אַנדערש חוץ דער איצטיגער מינוט, די חיי-שעה? האָסטו געלאָזען פאַרבייגעהן אַ שעה און האָסט זי נישט אויסגענוצט פאַר דיר, פאַר דיין לעבען, דאָס הייסט פאַר דיין פיהלען און דיין חוש — דאַן איז זי באמת פאַרביי און זי וועט שוין קיינמאָל נישט צוריקקומען. חיי-שעה איז באמת דאָס איינציגע, וואָס מיר האָבען ממש. און אָט דאָס, וואָס זיי רופען חיי-עולם, דאָס איז אַ מין מליצה, וואָס מען קען זי נישט בעווייזען און וואָס ליגנערס אָדער נאַראָנים אָדער פערפיהרער האָבען זי ערפונדען. אַ שאָד אַ מינוט, וואָס דו לאָזט פאַרביי און לעבסט נישט, און לעבסט נישט אויף אַלע כלים. דאָס לעבען איז אויך אָהן דעם שוין גענוג קורץ. לעבען מוזטו און געניסען דאָס לעבען...

איהם דאַכט זיך, ער האָט שוין דאָס אַלץ ביי זיך אַליין אויך געפיהלט. אַלע די דאָזיגע ווערטער זענען עפּעס אַ מין אָבקלאַנג פון דעם, וואָס בלאָנקעט זיך ביי איהם אין זיין אייגען האַרץ.

און ער שליסט נישט די אויגען און זי קושט איהם פאָרט אין די אויגען און זי קושט איהם אויף די ליפּען און אויפ'ן שטערען — און איהם איז אַזוי לייכט, אַזוי לייכט.

*

דער טאָג איז געוועזען נאַס און פויל און אומעטיג. אַ רעגען איז געגאַנגען אַזוי לאַנגזאַם אַ גאַנצע נאַכט און ביז אין טאָג אַריין אָהן אויפהער. די שטיינער זענען געוועזען אָבגעוואַשען, די בוימער האָבען געטריפט און עס האָט זיך פון זיי פון מינוט צו מינוט אַ גאָס געגעבען. אַלץ האָט אויסגעזעהן אַזוי פערלאָזט און אָהן טרייסט און אָהן האָפנונג. אַנ'אָבגעוואָגענע היהן איז געשטאַנען ביי אַ נאַסען באַרג מיסט און האָט געגאָרעט עטליכע קערנדלעך.

אויף נאָכמיטאָג איז געווען אָנגעזאָגט די לויה פון ר׳ מרדכי מייזיל׳ס, דעם קָצין פון דער יודישער קהלה, וועלכער איז פּלוצלינג געשטאָרבען. די גאַנצע שטאָדט האָט זיך מכין געווען צו דער לויה פון דעם בעריהמטען בעל־צדקה. די שוואַרצע מטה, וועלכע איז געשטאַנען פאַר דער טיר פונ׳ם געשטאָרבענעם, האָט פערשפּרייט, דורך דעם אומעטיגען רעגען, אַ נאָך גרעסערע טויט־טרויעריגקייט ווי געוועהנליך. די לומדים פונ׳ם „בית ועד לחכמים״, וואָס דער געשטאָרבענער האָט אויסגעבויט, זענען געקומען אָבגעבען דעם לעצטען כבוד, די קינדער פון זיין אייגענער ישיבה זענען דעסגלייכען געקומען, און אַלץ האָט אויסגעזעהן, ווי עס וואָלט שוין די גאַנצע וועלט און דאָס גאַנצע לעבען געהן אין נאַסען קבר אַריין.

ביים קבר האָבען דעם געשטאָרבענעם מספיד געווען די גדולי הדור. איינער פון זיי, ר׳ יום־טוב ליפּמאַן העלער, האָט גערעדט, ווי דער שטייגער איז, פון דעם, וואָס עס בלייבט איבער, מישטיינס געזאָגט, נאָכ׳ן מענשענס לעבען. דער נפטר האָט געהאַט שלמה המלכ׳ס עשירות, טויזענדער רענדלעך און טויזענדער אבנים טובות, איצט קוקט און זעהט, אויב מען לעגט איהם אין זיין קבר אַריין אַפילו איין איינציגס פון זיינע רענדלעך און פון זיינע אבנים טובות. דער עיקר זענען נאַטירליך נאָר זיינע מעשים־טובים — און כּדומה נאָך אַזעלכע דברים כבושים האָט דער מספּיד גערעדט. נאָך איהם האָט גערעדט ר׳ יצחק ליבוש כ״ץ, דעם מהר״ל׳ס אַנ׳איידעם, ער האָט גערעדט פון דעם פּרוזדור, וואָס איז פאַר דעם טרקלין, און פון דעם טרקלין אַליין און וואָס אַ מענש האָט צו טהון אינ׳ם פּרוזדור, און ער האָט דערמאָהנט אַ מדרש וועגען אַ בוימייסטער, וואָס האָט געבויט אַ טרקלין און האָט דערצו גענומען די ציגעל פון פּרוזדור. דעם עולם איז עס שטאַרק געפעלען געוואָרען. פּלוצלינג איז אַלץ אַנטשוויגען געוואָרען. עס האָט זיך געהערט, אַז דער מהר״ל אַליין, וואָס האָט פריהער גאָרנישט געהאַט בדעה צו רעדען, איז צום סוף פּלוצלינג מרוצה געוואָרען אַ הספד צו זאָגען. יעדער האָט זיך בעמיהט, וואָס נעהנטער צוצוקומען.

און דער רבי ר׳ ליב האָט גערעדט.

עס איז וואונדערליך: זיינע רייד האָבען גאָרנישט געהאַט קיין שום שייכות צום נפטר. ער האָט דעם נפטר נישט דערמאָהנט מיט איין

איינציג וואָרט. דער גולם איז געשטאַנען צווישען עולם, און איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אַז מיט יעדען וואָרט, וואָס דער מהר״ל רעדט, מיינט ער נאָר איהם און איז זיך מכוון נאָר צו איהם אַליין צו רעדען.

דער מהר״ל האָט גערעדט פונ׳ם עולם קיים און פונ׳ם עולם עובר, און ווי מיר, וואָס מיר זענען נאָר עוברים, קענען גאָר קיין מושג נישט האָבען, וואָס אַ קיים איז. און קומט די תאוה און פערפיהרט אונז, רעדען מיר זיך איין, אַז נאָר די מינוט, דער עובר, איז דער רעכטער אמת, און מיר ווילען נישט פערשטעהן, ווי נאַריש דאָס איז, צו ווערען פערגלייכען די זיעבעציג קורצע יעהרלעך פון דעם עובר מיט די מיליאָנען מיליאַסען יאָהרען פון דעם קיים. מען מוז זיין משוגע צי פערבלענדט פון דער תאוה, אַז מען זאָל גאָר ווערען פערגלייכען איינס מיט דעם אַנדערען.

דער גולם איז געשטאַנען און אַלץ האָט אין איהם געציטערט. איהם האָט זיך אויסגעדאַכט איין מינוט, אַז נאָר צוליעב איהם איז ר׳ מרדכי מייזילס געשטאָרבען, כדי ער זאָל דאָ שטעהן און כדי דער גרויסער ר׳ ליב זאָל דאָס אַלץ איהם זאָגען.

און נאָך אַהיים געהענדיג פון דער לויה, האָט איהם דער מהר״ל גענומען אין אַ זייט און האָט מיט איהם געטענה׳ט.

— דען זעהסטו, קינד — האָט ער צו איהם ווייך און גוט גערעדט — וואו דו זאָלסט זיך נישט ווערען אויסדרעהען, דו וועסט קיינמאָל נישט פערטיג ווערען מיט דעם, אַז די דאָזיגע ערד אויף וועלכער דו לעבסט, איז אַלץ, און חוץ איהר איז גאָרנישט מעהר דאָ. דען ווען אַזוי, וועסטו דאָך אַלעמאָל פרעגען אויף דעם תכלית פון דעם לעבען, און צו וואָס איז די גאַנצע מאַשינעריע, און וואָס האָסטו דערפון, און וואָס איז דען, ווען מען האָט שוין געגעסען און געטרונקען און געשלאָפען און זיך אָנגעטהון אַלדאָס גוטס, און צו וואָס לעבט דען אַ שטיין, וואָס עסט נישט און טרינקט נישט און טהוט זיך נישט אָן אַלדאָס גוטס, און פאָרט האָט ער דאָך אַ צוועק. מוז איך דאָך נאָר זאָגען, אַז איך ווייס נאָך נישט דעם אמת׳ען צוועק, און אַז דער אמת׳ער צוועק וועט נאָך קומען. איז אַלזאָ פון דעם אַלעם נאָר געדרונגען, אַז דאָס אַלץ דאָ איז בלויז אַנ׳הקדמה, און דאָס אמת׳ע לעבען הויבט זיך ערשט דאָן אָן דאָרט אויבען אינ׳ם הימעל...

דער רעגען איז געגאַנגען פּאַמעליך, פויל און אומעטיג. יעדעס וואָרט, וואָס דער גולם האָט געהערט, האָט אין איהם צעבראָכען וועלטען און האָט איהם געפּייניגט. דאַכט זיך אין פלוג, אַז קיין איינציגער מענש, וואָס איז נאָר פעהיג עפּעס צו דענקען, איז נישט אימשטאַנד צו קיין אַנדערען געדאַנק צו קומען. דער מהר"ל האָט אויסגעוויזען אין זיינע אויגען ווי אַ געטליכער מאַן, וואָס רעדט ווערטער, וועלכע נאָר אַ גאָט קאָן זיי איהם לעגען אין מויל אַריין.

און פּאָרט איז איהם געלעגען ווי עפּעס אַ נעבעל אויפ'ן האַרצען און אויפ'ן מוח.

*

אויפ'ן שלאָסבערג זענען זיי ביידע אַרויפגעגאַנגען פריהמאָרגענס.

דעם וואָלקען האָט זי איהם אַוועקגעקושט פון זיין שטערען און דאָס ביטערע פון די ליפּען. פון די אויגען האָט זי איהם אַוועקגעקושט דעם שווערען נעבעל. מיט איהר פוס האָט זי די שטיינער אָבגעשטויסען פון זיין וועג און איבער גרינע לאָנקעס האָט זי איהם געפיהרט. און גערעדט האָט זי, אַז יעדעס וואָרט איז געווען ווי אַ לינדערנדער באַלזאַם פאַר זיין קראַנק געמיט, און ווייך ווי אַ סאַמעט האָט עס איינגעטוליעט זיין קראַנקען קערפּער.

און ווי זיי זענען געווען אויבען אויפ'ן באַרג, האָט זי זיך אויף דעם גראָז אויסגעצויגען און האָט זיין קאָפּ געהאַלטען אין איהר שויס. דער אייביגער, גריבלענדער שטורם אין זיין האַרץ איז אויף אַ מינוט שטיל געוואָרען. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און האָט איהר געקוקט אין די אויגען אַריין. און ווי ער האָט איהר קערפּער מיט זיין האַנד אַרומגענומען, האָט ער געפיהלט, אַז אַרומגענומען האָט ער דאָס לעבען און ער האַלט עס. וואויל איז דעם, וואָס האַלט דאָס לעבען אַרומגענומען אין זיין האַנד און שפּירט עס!

און זי האָט גערעדט וועגען ערד און וועגען הימעל. אַך נאַריש איז עס, מיין זיסער גולם, וואָס זיי דערצעהלען דיר פון אַ הימעל! דאָס איז אַזעלכעס, וואָס זיי האָבען זיך אויסגעטראַכט, און דו מוזט זיי גלויבען, אַז עס איז פאַרהאַן. איך אָבער דאָ נעבען דיר, זעהסטו, איך

עקזיסטיר באמת. איך בין נישט קיין לופט, אַז דו זאָלסט עס רופען הימעל; מיך קענסטו האַלטען אין דיין האַנד און מיך פיהלען און מיך שפירען. אָט דאָ, זעהסטו, נעהם די ברוסט אין דיין האַנד אַריין, האַלט זי, פיהל זי — דאָס איז נישט קיין לופט, דאָס איז דיין. אַלעס אַנדערע, וואָס דו קענסט נישט נעהמען אין האַנד אַריין, איז אַ ליגען, דעם הימעל קענסטו נישט האַלטען אין דיין האַנד. אַלץ וואָס דו קענסט נישט האַלטען אין דיין האַנד, איז נישט פאַרהאַנען.

ער וואָלט וועלען, אַז זי זאָל גאָרנישט אויפהערען אַזוי צו רעדען. אַלץ וואָס זי רעדט איז אמת, ווי גאָטס תּורה, און עס איז אונמעגליך עס אָפּצוּלייקענען. ער קען פלוצלינג גאָרנישט פערשטעהן, וואָס עס האָט זיך מיט איהם ביז איצט געטהון און ווי קען אַ מענש, וועלכער האָט פינף געזונדטע חושים, גאָר אָנהויבען אַנדערש צו דענקען.

*

אין די אַלטע חורבה פוּנ׳ם וויטס-קלויסטער אויף דעם הראַדשין-באַרג זענען זיי געקומען מיטאָג-צייט.

ווען זיי זענען דאָרט אַריינגעטרעטען, האָט זיי אַרומגענומען אַ האַלבע טונקעלהייט. דער אַלטער וועכטער, אויפקומענדיג פונ׳ם שלאָף, האָט אויסגעזוכט זיין בונט פערזשאַווערטע שליסלען און האָט זיי גע-פיהרט אין די טויטען-קאַפּעלע. אַרום און אַרום, ביי די ווענד, זענען געשטאַנען אויסגעסדרט הוילע שאַרבענס פון קעפּ פון געשטאָרבענע מענשען מיט די הוילע אויגען. דורך אַ הויל אויג פון איינעם פון די שאַרבענס איז געקראָכען אַ וואָרים. דער גולם האָט גענומען אַזאַ שאַר-בען אין די הענד אַריין...

אין דרויסען אויף דעם טויטען-הויף זענען זיי אויף שטיינער געזעסען, פעראיינזאַמט און אַליין. אויף דער גאַנצער וועלט איז קיינער מעהר נישטאָ, אַ חוץ זי און ער. וואָס געהט זיי איבערהויפּט אָן די גאַנצע וועלט? וואָס איז זיי אַ חילוק דער נעכטען, דער היינט, דער מאָרגען? וואָס הייסט צייט? וואָס הייסט אָרט? וואָס הייסט לעבען — ער האָט געהאַלטען איהר קערפּער פעסט אַרומגענומען און האָט זי געקושט און געקושט...

*

אונטער אַ קאַרשענבוים אינ׳ם גאָרטען זענען זיי געזעסען פאַרנאַכט.

ווייסע קאַרשענבליהטען זענען אויף זיי געפאַלען און האָבען זיי בעדעקט. ווי אַ רעגען איז עס געפאַלען איבער זייערע קעפּ און איבער די פּלייצעס און איבער דעם שויס, און איינגעהילט זענען זיי געוואָרען גאַנץ אין ווייסען. זיי האָבען הויך געמוזט לאַכען.

פּלוצלינג איז ער ערנסט געוואָרען, און ער האָט זיך שטייף אָני-דערגעזעצט און געהאַלטען די אויגען צו דער ערד. ער האָט זיך שטאַרק פערטראַכט.

דער הימעל איז אַזוי בלוי און די לופט אַזוי ווייך און די ערד אַזוי גרין. וואָס ווילען זיי האָבען, וואָס זיי גראַבלען אין אַלע ווינקעלעך אַרום, אום נאָר אויסצוגעפינען עפּעס קאַליע צו מאַכען די לוסט צום לעבען? און פאָרט איז דאָך נאָר פאַרהאַן די חיי-שעה, דער אוי-גענבליק אַליין. לאָז איך פאַרביי די איצטיגע מינוט און נוץ זי נישט אויס, אום דאָס ביסעל לעבען צו געניסען, דאָ האָב איך זי אָנגעוואָ-רען אויף אייביג, אויף אייביג, און זי קומט קיינמאָל שוין נישט מעהר צוריק. וואָס ווילען יענע מענשען, אַז זיי קומען און זוכען אומישנע אויס, ווייסט גאָט וואָס, אום זיך דאָס לעבען צו פעריאָמערן מיט זיי-ערע פינסטערע געדאַנקען? ווער בעט זיי צו קלערען און די מענשען דאָס ביסעל אנגענעהמע צו פערביטערן? און פאָרט איז דאָך נאָר פאַר-האַנען דער עובר אַליין, קיין שום קיים איז גאָר נישטאָ. עס און טרינק און לאָז דיר וואויל געהן. דעם הימעל קענסטו נישט נעהמען אין די האַנד אַריין, און וואָס דו קענסט נישט מיט דער האַנד אַרומנעהמען, דאָס עקזיסטירט נישט...

ער האָט זי אַרומגענומען און האָט זי געקושט און געקושט.

ער איז געווען גליקליך!

*

אויף אַ שיפעל זענען זיי געפאָהרען איבער דער מאָלדאַוואַ אין דער אָווענד-צייט.

אַ ווייך ווינטעל האָט זיי געבלאָזען אין פּנים אַריין. זי האָט לייכט געאַרבייט מיט דעם רודער, און ער איז רוהיג געזעסען, פערלעגט די הענד, און האָט געחלומט. ביי יעדען קלאַפּ מיט דעם רודער האָט זיך דער ווייסער שוים געזאַמעלט, און דער שוים מיט דעם וואַסער האָבען געשפּריצט זיי אין פּנים און איבער די קליידער, און זיי האָבען הויך געלאַכט. זיי האָבען געלאַכט ווי קינדער. ביסלעכ־ווייז איז געוואָרען שטילער און שטילער.

זיי האָבען געחָלומט און ווייסען נישט וואָס.

*

האַנד אין האַנד זענען זיי געגאַנגען ביינאַכט.

פון מינוט צו מינוט האָט דער אָבקלאַנג פון זייערע טריט זיך געלאָזט הערען. עס איז קיין שום לעבעדיג נפש נישט געווען חוץ זיי. און זיי זענען געגאַנגען און געגאַנגען.

טויזענדער קולות און האַלבע קולות, אונבעשטימט און נישט קלאָר, האָבען זיך אַרויסגעהערט פון דעם נאַכט-ים אַרום און אַרום. עס האָט זיך געראַיעט און עס האָט געזשומעט און עס האָט זיך גע־שושקעט, און קיינער האָט נישט געוואוסט וואָס, און קיינער האָט נישט געוואוסט וואו. אויף דעם וועג צום וואַלד האָבען זיך אויפ'ן פעלד פייערלעך געוויזען. יאָהאַנעס-העלצער און יאָהאַנעס-ווערימלעך האָבען פון מינוט צו מינוט אויפגעלויכטען.

אויף אַ גראָז-באַנק זענען זיי ביידע געלעגען, אָרעם אין אָרעם און פעסט אַרומגענומען. די נאַכט האָט זיי איינגעהילט. און די נאַכט איז געווען שטיל און פערשוויגען און האָט דעם סוד אין זיך פערגראָבען.

*

דער גרויסער ר' ליב האָט איהם ווי אַ קראַנק קינד צוגעטוליעט צו זיך און האָט איהם מיט דער האַנד געגלעט איבער די האָר און געגלעט איבער'ן שטערען.

ווי אַ הערבסט איז געלעגען, שווער ווי בליי, אַ וויסטע טרויעריג־קייט איבער באַרג און טהאָל. געלע בלעטער זענען פון מינוט צו מי־

נוט געפאַלען פון די בוימער. אַמאָל האָט אַ בלאָז געטהון אַ רויה ווינ־טעל און שווערע אומעטיגע טראָפּענס זענען געפאַלען. אָפּטמאָל האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ עקט זיך שוין און דער זומער נעהמט־איין אַ סוף, און דער מענש נעהמט־איין אַ סוף, און דאָס לעבען נעהמט־איין אַ סוף. די לופט איז געווען אַזוי עלענד און שווער. פון אַן׳אָבגעבלעטערטען בוים איז געפלויגען איבער אַ דאַך עפּעס אַ קראָהּ און האָט מיט אַ צע־רייסענדער שטים גערופען: קראָ, קראָ.

ווי אַ קראַנקען האָט ער איהם געהאַלטען צוגעטוליעט צו זיך, נאָר פון מינוט צו מינוט האָט ער זיך אַראָבגעבויגען צו איהם און האָט איהם געקוקט אין די אויגען אַריין.

און גערעדט האָט ער צו איהם, ווי מען רעדט צו אַ קראַנקען, מילד און ווייך. אין סאַמעט־ווייכע ווערטער האָט ער איינגעוועבט זיין טראכטען און פיהלען.

— און זעהסטו, מיין קינד — האָט ער געזאָגט — עס זענען פאַרהאַן מענשען, וואָס דאָס לעבען איז שטאַרקער פון זיי און זיי קענען עס נישט גובר זיין. עס קומען תאוות, און מיר ווייסען מיט וואָס עס שמעקט, נאָר מיר קענען נישט אַנדערש. עס איז דאָ, למשל, אַ תאוה פון אַ יונגען מענשען צו אַ יונג מיידעל. איך ווייס עס — זיי רופען עס ליעבע. מען הוליעט, מען איז ממלא די תאוה, מען האָט הנאה — און דאָס איז דאָס לעבען. מען טראַכט דענס־מאָל נישט פון דעם, וואָס איז נצחיות און וואָס איז קיים, און מען לעבט. מיך וואונדערט נאָר דערביי איין זאַך: ווי קען עס פּאַסי־רען אַ מענשען מיט מוח און קאָפּ? ווי קומט דאָס נישט דעם מענ־שען אין דער רעכטער מינוט דער געדאַנק אין קאָפּ אַריין: יאָ, איצט איז דאָס דאָזיגע יונגע פלייש אַזוי שעהן און אַזוי בעצויבע־רענד, אַז צוליעב דעמזעלבען גיב איך אַוועק אַלץ וואָס האָט אַנ׳־אייביגען ווערט. אָבער ווי וועט עס זיין אַ יאָהר צוואַנציג־דרייסיג שפּעטער? דאָס ליכטיגע פּנים וועט זיין געל און איינגעפאַלען, די העלע אויגען וועלען זיין האַלב פערלאָשען אין בלינד, די בליצע־דיגע ווייסע צייהן וועלען זיין געל אָדער אַרויסגעפאַלען, און האָט עס געלויהנט צוליעב דעם פערגעניגען פון טעג, פון שעה׳ן, פון מינוטען אַוועקצוגעבען און צו אָפּפערען מיט דעם, וואָס איז אייביג

און ענדערט זיך קיינמאָל נישט? איצט טהו איך מיין תאוה, און מיר איז אַזוי גוט אַ גאַנצע מינוט לאַנג. נאָך דער מינוט אָבער, ווען מען האָט זיך נאָר אויסגעניכטערט, ווערט אַזוי פּאַסקודנע אויף דער נשמה, אַזוי אַז מען שטעהט זיך אַליין אין וועג און מען וואָלט זיך אַליין וועלען שפּייען אין זיין אייגענעם פּנים אַריין. איך פרעג נאָר: ווי קאָן עס טהון איינער, וואָס האָט מאַרך אין קאָפּ?

ער האָט איהם ווי אַ קראַנקען געהאַלטען צוגעטוליעט צו זיך און האָט אַזוי וויך גערעדט.

דער גולם איז געזעסען בלאַס און זיין גאַנצער קערפּער האָט גע-ציטערט.

אַ וויסטע טרויעריגקייט אָהן האָפנונג איז געלעגען אַרום און אַרום. עס האָט זיך געדאַכט, ווי מיט דעם דאָזיגען הערבסט עקט זיך די וועלט. אַלץ איז געוועזען אַזוי מיעד און אָהן פרייד. וואָס לויהנט דאָס לעבען? וואָס גיט אונז אפילו דאָס גוטע לעבען? און וואָס איז אַ מינוט נאָך דעם גוטען? און וואָס האָט מען פון דעם גוטען אַליין? כאָטש געה און טהו דיר אַ מעשה אָן!

דער גולם האָט געפיהלט, ווי יעדעס וואָרט איז אמת, ווי אַ תורה מן השמים. ער האָט פּלוצלינג ווידער גאָרנישט פערשטאַנען, ווי האָט ער גאָר געקאָנט אַפילו איין מינוט פערגעסען זיך.

אין אָוועגד, ווען אַלע זענען שוין געשלאָפען, איז ער נאָך אַרום-געגאַנגען לאַנג אין זיין חדר אַרויף און אַראָב און איהם האָט בעשעפ-טיגט אַלץ נאָך דער זעלבער געדאַנק. ווי אָבער די בעשטימטע שעה איז געקומען, איז ער אַרויס דרויסען אין דעם גאָרטען-הייזעל, וואו חוה׳לע האָט אויף איהם געוואַרט.

*

אַ גאַנץ יאָהר לאַנג האָט דער גולם געשריבען זיינע זכרונות. עס איז אַ וואונדערליך בוך געוואָרען. איין קאַפּיטעל, האָט זיך געדאַכט, איז געשריבען געוואָרען מיט דער האַנד פונ׳ם רבין, און דאָס צווייטע קאַ-פּיטעל — מיט דער האַנד פון חוה׳לען. און פאָרט האָט נישט דער רבי און נישט חוה׳לע דאָס בוך געשריבען, נאָר דער גולם.

עפעס אַ צעריסען לעבען, אַ צעריסען געמיט, צוויי נשמות אין איין גוף — און דאָס נישט אויף איין טאָג און נישט אויף איין יאָהר, נאָר אויף דאָס גאַנצע לעבען.

צו וואָס האָט ער איהם געמאַכט? און ווען יאָ געמאַכט, צו וואָס מיט צוויי נשמות, וואָס איינע ציהט אַהין און איינע אַהער?

און וועמען זאָל דער מענש געבען די בכורה? דער ערד אָדער דעם הימעל? דעם מוח אָדער דעם הארץ? דער וויסענשאַפט אָדער דער שעהנקייט? דער חקירה אָדער דער פּאָעזיע? דעם וויסען אָדער דעם געפיהל? דעם גוף אָדער דער נשמה? דעם מהר״ל אָדער חוה׳לען.

ער האָט געזוכט און געזוכט — און האָט געשריבען און געשריבען. איינמאָל האָט דער מהר״ל פון איהם אַרויסגעשריבען און איינמאָל חוה׳לע.

רבונו של עולם! מיט וואָס וועט זיך דאָס אויסלאָזען? מיט וואָס וועט זיך דאָס ענדיגען?

אַ ווינטער איז אַריבער און אַ זומער איז געקומען און ווידער האָט זיך גענעהנטערט אַ נייער ווינטער.

*

דער ערשטער טאָג ראש-השנה האָט פון דער יודענגאַס אַרויסגעפיהרט אַ סך מענשען אין די גאַסען. אַ גרויסער עולם האָט זיך געלאָזט צו דער מאָלדאַווא צו תשליך.

גרויס און קליין, אַלט און יונג זענען געגאַנגען צו תשליך.

די זון האָט נאָך געלויכטען און געוואַרעמט, אָבער די געמיטער זענען שוין געוועזען אַזוי שווער און ציטערדיג.

און די אַלטע רבי׳צין איז געגאַנגען צו תשליך און איז געשטאַנען ביים וואַסער און האָט געזאָגט איהר תחינה און האָט זיך אויסגעשאָקעלט איהרע קעשענעס. און דער אַלטער רבי ר׳ ליב איז געקומען צו תשליך און איז געשטאַנען און האָט מתפלל געווען און האָט געוואָרפען זיינע זינד אין וואַסער אַריין. און חוה׳לע איז שפּאַצירען געגאַנגען און איז געשטאַנען ביים ברעג פון וואַסער און האָט אָהן געדאַנקען

געשאָקעלט די קעשענעס און האָט אַריינגעוואָרפן און האָט נישט געוואוסט וואָס. אַ ווייס וואָלקנדעל ביים ברעג פונ׳ם רויטן הימעל האָט גראָד צוגעצויגן צו זיך איהרע אויגן.

און דער גולם איז געקומען.

ער איז געשטאַנען און האָט געגלאָצט אין וואַסער אַריין. דאָס וואַסער האָט געצויגן און געצויגן.

„... וְתַשְׁלִיךְ בִּמְצוּלוֹת יָם כָּל חַטֹּאתֵינוּ״.

די זינד זענען אַזוי שווער, און ווי מען וואַרפט זיי, ציהט עס מיט מיט זיך.

אָט פאַלען זיי, אָט זינקען זיי אַראָב אין די טיעפענישען, אוי, ווי זיי שלעפען-מיט מיט זיך!

וואָלט נישט גלייכער זיין, אָנשטאָט איינציגוויז אַריינצוואַרפען, זיי אַלעמען מיטאַמאָל צוזאַמענצונעהמען און זיי מיטאַמאָל אַריינוואַרפען, און טאַקי צוזאַמען מיט זיי אויך זיך אַליין? צו וואָס טויג און צו וואָס נוצט אַזאַ צעריסען לעבען?

אָבער ווען זיין צעריסען לעבען וועט איצט דאָ אויפהערען, וועט דען דורכדעם אויפהערען דאָס צעריסענע לעבען פון אַנדערע?

„... בְּעַל-כָּרְחֲךָ אַתָּה חַי!״ און ער ענטשליסט זיך, אַוועקצוגעהן פון וואַסער.

אַ מינוט שפּעטער, אָבער, האָט זיך פּלוצלינג אַ שריי געלאָזט הערען.

ווי די פישער האָבען איהם אַרויסגעצויגען, האָבען זיי איהם אַוועקגעטראָגען צום גרויסען ר׳ ליב.

*

אַ ביסעל האָט איהם דער גרויסער ר׳ ליב מיט דעם שם-המפורש צוריק מחיה געווען און אַ ביסעל חוה׳לה מיט איהרע ווערטער.

און אין פּראָג זאָגט מען, אַז דער גולם לעבט ביז אויף דעם היינטיגען טאָג.

און נישט נאָר אין פּראָג — מען זאָגט, אַז אויך אין אַנדערע קהילות, אומעטום, און אין אַלע צייטען לעבט דער גולם.

# דער קינסטלער

איך בין שטאָלץ דערויף, וואָס ער איז מיין בעקאַנטער און קומט אַמאָל אַריין צו אונז אין הויז, און גאַנץ בעזונדערס שטאָלץ איז מיין ווייב דערויף. קומען קומט ער עטליכע וואָכען כסדר אַ צוויי-דריי מאָל יעדען טאָג; פלוצלינג, פון דער הוילער הויט, הערט ער אויף צו קומען און ער בעוויזט זיך נאָר איינמאָל אין פינף, איינמאָל אין זעקס וואָכען. אַזוי געהט אַוועק אַ צייט לאַנג, און פלוצלינג ווערט ווידער אַ שינוי און ער קומט שוין ווידער אַ צוויי-דריי מאָל יעדען טאָג כסדר. ער איז אַ קינסטלער און דאָס איז קינסטלער-נאַטור. געהט אַ שלאַגס-רעגען, האָט ער אַ הנאָה צו געהן אָהן אַ שירעם. ווען ער קומט, פרעגט ער האַסטיג, צי איז פאַרהאַן אַ גלעזעל „מיל פלייר אַ לאַ באָמאַרשיי“ אָדער „שאַרטרעז אַ טרואַ קרואַ“ אָדער עפעס אַנ׳אַנדער מין משקה מיט אַ מאָדנעם אויסגעוואָרפענעם נאָמען. טיילמאָל טרינקט ער אַ דריי-פיער אַזעלכע גלעזלעך כסדר, טיילמאָל אָבער גיסט ער זיך פול דאָס ערשטע גלעזעל און גיסט אויס אויף דער ערד, גיסט זיך דאַן פול אַ צווייטס און גיסט עס ווידער אויס, גיסט זיך צום סוף אָן אַ דריטס און לאָזט עס שטעהן און טרינקט עס גאָרנישט. דאָס זענען קינסטלער-קאַפּריזען. אָפט ביי דער טרויעריגסטער געלעגנהייט, געפינט ער פלוצלינג אַנ׳אורזאַך, אַרויסצושיסען מיט אַ העליש געלעכטער, און אומגעקעהרט, ווען אַלע לאַכען גראָד איבער עפעס, ווייזט ער אונז, ווי טיעף טראַגיש דוקא דאָס דאָזיגע איז. מיר הערען זיך צו מיט גרויס כונה, און דערהויפט מיין ווייב, און מיר זענען דאַנקבאַר פאַר די בעלעהרונג. אָפט, אַז מיר זענען נתפעל פון עפעס אַ שעהן פרויענצימער, קוקט ער אונז אָן מיט רחמנות און שמייכעלט און דערלאַנגט אַ שפיי; פערקעהרט אָבער, ווען מיר בעגעגענען אַמאָל עפעס אַ פרוי, וואָס אַ פראָסטען בן-אָדם ווערט נישט נעהמען אַזוי שטאַרק אַ חשק זי אָנצוקוקען, קען זיך מאַכען, אַז ער, דער קינסטלער, וועט קומען אין

התלהבות און וועט אָנהויבען צו רעדען פאַר פייער און פאַר וואַסער און וועט אונז ערקלערען, ווי איהר פּנים איז „קלאַסיש", „פריגיש", „דאָריש", „יאָניש", און ווייסט גאָט וואָס נאָך פאַר אַ בערגעל ווערטער, און דערהויפּט געפעלט איהם עפּעס דאָרט אַן׳אַנטיקע „ליניע" אויף איהר האַלז — אַ, דער האַלז! דער האַלז! קוקט נאָר אָן דעם דאָזיגען האַלז! — אָדער עס געפעלט איהם עפּעס אַ געוויסער „פּונקט" אויף איהר פּליי־צע אָדער אַ דרעה פון איהר — און מיר פערשפּיצען די אויערען און הערען גאָטס וואונדער און הויבען אָן צו בעוואונדערן. אָפט געפעלט איהם נישט דער טענאָר, וועלכען מיר האָבען געהערט אין דער אָפּערע, און איהם געפעלט גאָר עפּעס אַ שייגעצעל, וואָס האָט געבלאָזען אויף אַ פייפעל ביי אונז אין הויף. אָפט געפעלט איהם נישט אונזער פערגע־טערטער גיוּאָי דע מאָפּאַסאַן אָדער טשעכאָוו — די „ליניע" איז ביי זיי אַזוי גראָב! דער „שטריך" שטעהט נישט אין קיין שום פערהעלטניס צו דער „פּערספּעקטיוּוע"; — און איהם געפעלט גאָר עפּעס אַ מאָדנער פעליעטאָן פון אַ מאָדנעם שרייבער אין אַ מאָדנער צייטונג. מיר זיצען און האָרכען און קלויבען די ווערטער און מיר פערשטעהען און זענען דאַנקבאַר.

מיר האָבען ביי זיך אַן׳אַלטען וואַנד־זייגער, אַ ירושה־זאַך פון אַן׳עלטער־עלטער־זיידען, איינגעפּאַסט אין אַ רויטען מאַהאַגאָני־קאַסטען, וועלכער גרייכט פון דער ערד ביז איבער די פענסטער; די ניאַניע פון אונזערע קינדער האָט אַן׳אַלטען טערקישען שאַל מיט אַלטע פערלאַטעטע לעכער, דעסגלייכען אַ ירושה־זאַך, וואָס מיין ווייב האָט גענומען פון עפּעס אַן׳עלטער־באָבען און וועלכען זי האָט אַוועקגעשאָנקען דער ניאַניע. דער קינסטלער אָבער, אַזוי באַלד ווי ער קומט, הויבט אַלעמאָל אָן פונדאָסניי אונז צו ערקלערען די שעהנהייטען פון די דאָזיגע זאַכען. דערהויפּט רעדט ער וועגען דעם געזימס פונ׳ם זייגער. דער געזימס איז האַלב שפּיציג און האַלב קיילעכדיג. דאָס איז דער סטיל פון האַלב־שפּיץ־קיילעכדיג. עס איז גאָטיש און רענעסאַנס צוזאַמען. דאָס ראָקאָקאָ פאַלט אַריין אין באַראָק. און אַז מיר דערצעהלען איהם, ווי מיר זענען פון קינדוויז אָן געוועהנט געווען תּמיד דעם דאָזיגען זייגער בכבוד צו האַלטען און מיר האָבען אַלעמאָל געוואוסט, אַז דאָס איז אַ „שעהן שטיקעל אַרבייט", וואַרפט ער אונז צו אַ האַלב בייזען און אַ האַלב

שטראָפּעדיגען בליק און זאָגט: „איהר זענט אַלע נאַראָנים און גאָרנישט ווייסט איהר!", און הויבט אָן אונז צו ערקלערען די שעהנהייטען פון'ם טערקישען שאַל און ווי אַפּילו די געלאַטעטע לעכער זענען שעהן, און דאַן לאָזט ער זיך אַריין אין אַ שמועס מיט דער ניאַניע מכּח דעם שאַל, וועלכען ער וויל אָבקויפען פון איהר און פון וועלכען ער וויל זיך מאַכען אַ טעפּיך אויף דער וואַנד אין זיין קאַבינעט.

נעכטען איז ביי אונז געווען אַ קליינע געזעלשאַפט — טיי מיט צובייס. נאַטירליך האָט מיין פרוי אַלץ געטהון, אַז דער קינסטלער זאָל אויך זיין. עס איז גראַד געווען ביי אונז אַ פריינדין פון מיין פרוי, אַ יונג ווייבעל, וואָס איז נאָר־וואָס געקומען פון איהר האָכצייטס־רייזע. איך האָב איהם פאָרגעשטעלט איהר.

— מאַדאַם, וויפיעל קינדער האָבען זיי? — האָט ער זי פּלוצלינג אַ פרעג געגעבען.

די דאַמע איז זעהר רויט געוואָרען. מיין פרוי האָט זיך פערשעהמט. די דאַמע האָט נישט געוואוסט, וואָס צו טהון, און האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— גאָט זאָלען זיי דאַנקען, וואָס זיי האָבען קיין קינדער נישט. עס איז גלייכער צו געהן אויף דער גאַס און זיך פערקויפען יעדען מאַנספּערשוין, אַבי קיין קינדער נישט צו האָבען. קינדער דאָס איז מיסט! קינדער דאָס איז בלאָטע! (די דאַמע איז טויזענדמאָל רויטער געוואָרען. דער קינסטלער האָט ליעב זיך צו בענוצען מיט זעהר שטאַרקע ווערטער). אָבער ווען זיי וואָלטען האָבען אַ זוהן, וואָלט איך זיי איין זאַך ראַטען: למען השם, לאָזען זיי איהם נאָר נישט ווערען קיין קינסטלער. בעסער אַ שוסטער, אַ פליק־שניידער, אַ קוימען־קעהרער, אַ מיסטוואָגען־שלעפּער, אַ קויהלען־טרעגער, אַ קלאָזעט־רייניגער, אָבער נישט קיין קינסטלער. אַ קינסטלער דאָס איז אַ פערשאָלטענער מענש! קיין לאַסט איז נישט אַזוי שווער ווי די לאַסט פון אַ זשעני — דאָס קאָנען זיי מיר גלויבען! — דאַן האָט ער אַ טיעפען זיפץ געגעבען.

פּלוצלינג האָט ער אָבגעווענדעט זיין פּנים און האָט אַ מינוט בעטראַכט די פענסטער פון אונזער גאַסט־צימער, ווי ער וואָלט זיי צום ערשטען מאָל געזעהן, און האָט אָנגעהויבען אונז צו ערקלערען די „ריטמיק" פון פענסטער בכלל און פון אונזערע פענסטער בפרט. פענסטער

מוזען זיין אַזוי הויך ווי ברייט, און אַזוי ברייט ווי הויך. מיין פרויז האָט צוגעהערט און איהרע באַקען און איהרע אויגען האָבען גע-גליהט. דאַן פלוצלינג האָט ער אָנגעהויבען רעדען פון די טאַפּעטען, וואָס מיר האָבען אין עס-צימער, און ווי עס איז בעסער, אַז אַן עס-צימער זאָל זיין געמאָלט און נישט טאַפּעטירט; דאַן האָט ער אָנגעהויבען רעדען פון אונזער געמאָלטען סאַלאָן און ווי עס איז „סטילמעסיגער״, אַז אַ סאַלאָן זאָל זיין מיט טאַפּעטען און נישט געמאָלט. מיר האָבען דאַנקבאַר געהערט. פלוצלינג האָט ער דערזעהן סירענאַ, אונזער קעצעל, ווי זי שטעהט נעבען איהם, און ער האָט אונז ערקלערט, ווי עס איז ריטמישער, אַז אַ הויז-קאַץ זאָל הייסען אַ נאָמען מיט צוויי זילבען און נישט מיט דריי; מיט דריי פאַסט בעסער פאַר אַ הונד. דאַן האָט ער גיך אויסגע-שפּיגען אויף דעם פּאַרקעט און האָט פלוצלינג אַ מאַך געטהון צו מיר מיט דער האַנד — איך בין אויפגעשטאַנען, און מיר זענען אַרויסגעגאַנגען.

— דאָס איז שוין אַזוי אונזער גורל, האָט ער געמאַכט צו מיר, ווי מיר זענען געוועזען אויף דער גאַס — נאַר געבען, געבען, אַלעמאָל געבען! אונזערע אויגען, אונזערע אויערען, אונזער מוח מוזען מיר אַוועקגעבען פרעמדע מענשען! און וואָס איז דער דאַנק דערפאַר, וואָס די נאַטור גיט אונז? זי גיט אונז אַן׳עמפּפינדונגס-קראַפט, וועלכע פערצעהרט און פערברענט אונז תמיד! — פלוצלינג קוקט ער מיך אָן מיט אַ מאָדנער פריינדליכקייט, ווי מען קוקט אָן אַ געליעבט פערד. „אַך, וואָס ווייסטו, דו גליקליכער! דו האָסט נישט יענץ פערצעהרענדע פייער אין דיין אינערן. דו קענסט דיר רוהיג עסען, שלאָפען, טרינקען, פלוימען קייען, האָבען צו טהון מיט פרויען, געהן אין טעאַטערס, קנאַקען ניס, לייענען צייטונגען, קיצלען און זיך לאָזען קיצלען. אָבער דער קינסטלער מיט זיין טוי-זענדפאַכער עמפּפינדליכקייט, ער שפּירט די גאַנצע וועלט, ווי אַ מורא׳דיגע קוואַהל. אייך איז גוט, וואָס אייער האַרץ איז אַזוי בעל-הבתיש פיין איינגעווירטשאַפט און יעדעס פּיצע'ע געפינט זיך ריכ-טיג אויף זיין אָרט, ווי דאָס געפעס ביי אַ גוטער קעכין אין קיך. אָבער אַ מענש ווי איך מיט אַ ים פון איינדרוקען אין יעדער מינוט!

עס איז אַ מין אייביגער בויך-וועהטאָג אין דער נשמה, וועלכע קאָן דאָס עמפּפּונדענע נישט פערדייען!" — ער האָט זיך הייזעריג צע-לאַכט. דאַן האָט ער אַ מאַך געגעבען: „נו, פּטור! זאָל שוין זיין וואָס וועט זיין!" און איז מיט דער רעכטער האַנד אַריינגעפאָהרען אין זיינע געדיכטע האָר ביז צום נאַקען, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַראָבגעכאַפּט דעם הוט.

פּלוצלינג האָט ער מיך אַ כאַפּ געטהון פאַר'ן אָרעם. „קוק נאָר, קוק! אָט איז דער שפּיץ דאַך פונ'ם קלויסטער! אַך, וואָס פאַר אַ קאָנטורען! ווי שטאַפּעלט זיך דאָס אָב און שניידט זיך איין אין די לופט פון הינטען! עס מאַכט אויף מיר דעם איינדרוק ווי שאָפּען'ס נאָקטורנאָ אין „דעס", נאַטירליך מיט דעם חילוק, אַז דאָס איז „דור" אָנשטאָט „מאָל"! קושען האָט מען עס דאַך געדאַרפט! אָבער די פערד, די שלעק, די מענשען מיין איך, שלעפּען זיך טאָג-טעגליך דאָ פאַרביי, און וואָס זעהען זיי פון דעם אַלעם? וואָס געניסען זיי פון לעבען? טויזענדער פיהלען גאָרנישט, אָבער פּלוצ-לינג קומט איינער, וועלכער פיהלט פאַר טויזענדער!" — איך בין גע-גאַנגען נעבען איהם און האָב שטאַרק דרך-ארץ געהאַט פאַר דעם דאָזיגען איינעם.

אַ קליין מיידעלע, וועלכעס פערקויפט שוועבעלעך, איז פאַר אונז פאַרבייגעגאַנגען. ער האָט זיך אָבגעשטעלט און האָט זי גע-פרעגט, וויפיעל פּעקלעך זי האָט בסך-הכל. זי האָט דורכגעצעהלט און געענטפערט אַז 27 פּעקלעך האָט זי. ער האָט איהר דערלאַנגט אַ האַלב קערבעל און האָט ביי איהר צוגענומען אַלע פּעקלעך, וועלכע זי האָט געהאַט. דאַן האָט ער דערזעהן אַ בעל-עגלה און האָט איהם אַוועקגעשאָנקען דעם גאַנצען אוצר. ווי ער איז צוריקגעקומען צו מיר, האָב איך נישט געוואוסט, צי האָב איך דאָס אַלץ געזעהן אָדער ניין. איך בין געגאַנגען און האָב געשוויגען. ווי עס ווייזט זיך אויס, האָב איך נישט געטראָפען; עס האָט אָנגעהויבען אין איהם צו קאָכען און צו זידען. פּלוצלינג האָט ער אַ זאָג געגעבען: „דער שטומער קוק, מיט וועלכען דאָס מיידעל און דער בעל-עגלה האָבען מיך אָנגעקוקט, איז מעהר ווערט ווי טויזענד ווערטער פון מענשען!"

און ווי מיר זענען אַרויסגעקומען אין די אויאַזדאָוער אַלעען,

דאָ ערשט האָב איך געזעהן, וואָס פאַר אַ מין התקרבות, וואָס פאַר אַ זיווג-הגוף עס איז צווישען איהם און דער נאַטור. די נאַטור געהערט אינגאַנצען איהם. ער האָט אַראָבגענומען זיין הוט און האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום און אַרום, אַזוי ווי דער בעל-הבית, ווען ער קומט אין זיין נחלה אַריין. אַלע איבריגע, וועלכע זענען פאַרבייגעגאַנגען, זענען געווען עפּעס ווי פרעמדע, וועלכע ער, אין זיין גרויס פריינדליכקייט, לאָזט זיי אַריין און פערוועהרט זיי נישט צו קוקען. ער האָט לאַנגזאַם געגעבען אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ, און דאָס איז געווען, ווי ער וואָלט ענטפערען אַ בעקאַנטען בוים אויף אַ „גוט מאָרגען", וואָס ער האָט איהם בהכנעה אָבגעגעבען. ער האָט קיין וואָרט נישט גערעדט און פאָרט האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי ער וואָלט האַלטען אין איין שרייען און אין איין בעריהמען זיך.

דאַן האָט ער אָנגעהויבען די נאַטור מיר צו צעקייען און זי מיר אַריינלעגען אין מויל אַריין. די נאַטור איז זיין, זי איז זיין פּריוויּלעגיע. ער האָט גערעדט וועגען ליניעס און וועגען גרין און בלוי און געל, און פּלוצלינג האָט ער זיך אַ וואָרף געגעבען מיט ווערטער צום טעאַטער און מוזיק, און מאַלעריי, און ליטעראַטור. אַ פּנים אַז איך האָב דאָס געהאַט צו פערדאַנקען דער נאַטור; זי האָט אויף איהם געמאַכט דעם רושם. אָנגעקומען אין דעם לאַזיענקי-גאָרטען, האָט ער מיר פּלוצלינג ערקלערט, אַז די קאָרע פון'ם בוים, דאָרט הינטען ביים טייך, ווייזט איהם אויס ווי דער פּיטאַגאָרעאישער לעהרזאַץ. איך האָב זיך גוט איינגעהערט. פּלוצלינג אָבער האָט ער אָנגעהויבען שווייגען, און פאָרט האָט זיין שווייגען געמאַכט אַ גערודער. זיין שווייגען האָט געהילכט. זיין שווייגען האָט געשריען. אַזוי שווייגט אַ קינסטלער.

שפּעטער האָט ער זיך נוקם געווען פאַר זיין שווייגען און האָט אָנגעהויבען רעדען. ער האָט גערעדט אין איין אָטעם און אָהן אַן'אויפהער. איך האָב אויפגעהערט איהם צו פערשטעהן און האָב אָנגעהויבען מורא צו קריגען פאַר איהם. ער האָט זיך אריינגערעדט אין אַ מין התלהבות — און פאָרט האָט מען געקאָנט וויסען פאָראויס יעדעס וואָרט, וועלכעס וועט קומען. ער האָט עפּעס אַזוי געמאַכט, אַז עס זאָל זיין, ווי עס וואָלט אַרויסרעדען פון איהם.

די נבואה איז איהם אָנגעפאַלען. אַרום איהם איז געוואָרען ווי אַ נעבעל — —

ווען איך בין מיט איהם געקומען צוריק אַהיים צו אונז, האָט ער אַלץ נאָך גערעדט. די דאַמען זענען געזעסען און האָבען פערשלונגען יעדעס וואָרט. זייערע אויגען האָבען געגליהט. דער קינסטלער האָט אָנגעהויבען זיך צו בענוצען מיט שטאַרקע אויסדריקען.

# וועגען איין אייבציג פּינטעלע

דאָס אַ פּינטעלע קען אַלץ אָנמאַכען אין לעבען! אַ רבי'ן האָב איך געהאַט, ר' משה ברוך דער בעל-מדקדק. אָנגעהויבען האָט ער מיט אַ פּינטעלע — און געענדיגט אין סיביריען. און פּאָרט איז דאָס געווען איינער פון די אָרענטליכסטע, בעסטע, פיינסטע מענשען פון דער וועלט.

מיינט איהר דאָך אַודאַי: עפּעס אַ פּאָליטישער פערברעכער. פּאַר אַ פּאָליטישען פערברעכען איז דאָך נישט שייך צו זאָגען; עס קען אַמאָל אויך דער אָרענטליכסטער, בעסטער, פיינסטער מענש אַריינפּאַלען אין די דאָזיגע מעשות. זאָג איך אייך: ניין, עס הויבט זיך אפילו נישט אָן! אַ מלמד איז עס געווען, וואָס עס איז איהם נישט געלעגען קיין „הוריות" אין קאָפּ. זיין זיעבענטע דאגה איז עס, אויב די וועלט פירט זיך אַזוי אָדער אַזוי. ער האָט זיך געהאַט זיין וועלטעל, און דאָס דאָזיגע וועלטעל איז בעשטאַנען אין דקדוק. אַ שְׁוָא נָע מיט אַ שְׁוָא נָח מיט אַ דָגש, דאָס איז געווען אַלץ, וואָס האָט בעשעפטיגט זיינע גאַנצע מוחות. און אָט טאַקע דער דאָזיגער דקדוק איז עס, וועלכער האָט איהם צום סוף געבראַכט קיין סיביריען. אַ קליין פּינטעלע איז עס געווען, אַ דָגש הייסט עס; און נאָך דערצו וואָס פּאַר אַ דגש! נישט ס'מאָל אַ ריכטיגער, נאָר איינער וואָס האָט זיך געמאַכט על-פּי-טעות, און אַפילו נישט קיין מענש האָט איהם געהאַט געמאַכט...

ווער עס האָט מיין רבי'ן דעם מדקדק נישט געזעהן, האָט אַזוי לאַנג ווי ער לעבט נישט געזעהן, וואָס עס הייסט אַ מדַקדק. על-פּי-דקדוק האָט ער געפּלעגט עסען און על-פּי-דקדוק האָט ער געפּלעגט טרינקען, על-פּי-דקדוק — זיין ווייב, די רבי'צין, דורכצוקלאַפּען און על-פּי-דקדוק — צו געהן שלאָפען; דער דקדוק האָט

איהם אויסגעפילט זיינע מוחות בייטאָג און זיינע חלומות ביינאַכט. איינמאָל אין חלום האָט ער געזעהן אַ דגש, רייטענדיג אויף אַנ׳עזעל, און אין מויל האַלטענדיג דעם שופר של משיח. און אויך דאָס אויסזעהן פון מיין רבי׳ן איז געווען ווי אַ שטיק דקדוק: דער קאָפּ איבער די צוויי אויסגעקרומטע פּלייצעס האָט אויסגעזעהן ווי אַ חולם איבער אַנ׳עַין, די וואָנסעס אונטער דער נאָז — ווי אַ פּתח אונטער אַ וואָו, די נאָז מיט די אויגען — ווי אַ סגול אונטער׳ן שטערען; די נאָז איז געווען געקרומט ווי אַ זַיין, די צוויי נאָזלעכער פון אונטען — ווי אַ צֵירה, די באָרד מיט די דריי שפּיצען, איינער לענגער פאַר׳ן אַנדערען, האָט אויסגעזעהן ווי אַ שורוק, און ער אַליין, ר׳ משה ברוך, איז געווען אַ קליין, רונדיג מענשעלע, און האָט מען איהם געזעהן פון ווייטען געהענדיג, האָט זיך איינעם געקאָנט דאַכטען, אַז אַ דגש קייקעלט זיך איבער דער ערד.

און אַ בייזער איז ר׳ משה ברוך געווען; אַ גוטער מענש אפילו פון דער נאַטור, נאָר אַ כעסן. האָט אַ חדר-יונגעל אַרויסגערעדט אַ וואָרט, נישט אַזוי ריכטיג על-פּי-דקדוק, האָט ער איהם געקענט מכבד זיין, אַז יענער זאָל שוין געדענקען כל-ימיו; האָט אַ פליעג עפּעס אַ נקודה אָנגעמאַכט אויף אַ ספר, גראָד אין אַנ׳אות אַריין, האָט ר׳ משה ברוך געקענט זיין כעס אויסלאָזען נישט נאָר צו אַלע פליעגען, נאָר אַפילו צו דער קאַץ און צו אַלע אין דער שטוב; האָט איינער למשל צו איהם געזאָגט „שַבָּת נַחְ־מוּ״ אָנשטאָט „שַבַּת נַ־חֲמוּ״, האָט ר׳ משה ברוך געקענט איהם פון שטוב אַרויסטרייבען. אפילו זיין ווייב, די רבי׳צין, האָט זיך נישט געוואַגט צו איהם צוצוגעהן, ביז זי האָט נישט גוט זיך מכין געווען. אַמאָל ביי מיטאָג האָט זי זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט, אַז איהר מוהמע שפּרינצע „עָלָיו השלום״ האָט געטהון אַזוי און אַזוי, און האָט פערגעסען אַז עס קומט צו זאָגען „עָלֶיהָ השלום״— דאָ איז ער אויפגעשטאַנען, האָט איהר דערלאַנגט אַ שטופּ, אַז זי איז נעבעך געפאַלען, האָט געכאַפּט די שיסעל מיט די קאַרטאָפלעס און האָט זי אַ שליידער געגעבען אויף דער ערד, האָט אַלע כלים פון׳ם טיש אויף פיצלעך צעבראָכען און האָט אָנגעמאַכט אין שטוב אַ רעכט פיינעם פּאָגראָם. אויך מיט זיין ערשט ווייב, בשעת זי איז אַמאָל געלעגען אין קינפּעט, האָט זיך איהם געטראָפען אַ מעשה נורא: זי איז

נעבעך געלעגען אין קדחת, וועלכעס האָט געברענט אין איהר ווי אַ העליש פייער, און מיט אַ שוואַכער שטימע האָט זי איהם גערופען: „משה־ברוך!“— און דאָ האָט ער אַ געשריי געגעבען: „אַרורה! ווייסטו דען נאָך אַלץ נישט, אַז עס קומט צו זאָגען משה־ברוך, דעם בית אָהן אַ דגש?...“ און זי האָט זיך נעבעך אַזוי שטאַרק דערשראָקען, אַז צום אָוועגד איז זי געשטאָרבען...

און אָט דער מענש, וועלכער איז געווען אייגענטליך גוט און פיין און אָרענטליך, האָט נעבעך אַ סוף איינגענומען, ווי איך ווינש עס נישט דעם ערגסטען. ער איז איבער אַ פינטעלע פערשיקט געוואָרען קיין סיביריען.

געווען איז עס תמוז־צייט. די היץ אויף דער גאַס איז געגאַנגען פון מינוט צו מינוט וואָס שטאַרקער, און נאָר מינוטענווייז האָט אַריינגעבלאָזען עפּעס אַ ווינטעלע דורך דעם אָפענעם פענסטער. מיר אַלע, די תלמידים, זענען געזעסען אַרום דעם טיש און האָבען געלערנט. אַ הוהן האָט זיך אַרומגעדרעהט איבער דער שטוב און האָט געקוואָקעט. אויבענאָן ביים טיש איז געזעסען ר׳ משה ברוך, און זיינע ביידע אויגען האָבען געלויכטען ווי צוויי דגשים. די קאַפּאָטע האָט ער געהאַט אַראָבגעוואָרפען פון זיך, און ער איז געזעסען אין די ווייסע ברייטע אַרבעל פון העמד, פון וועלכע עס האָבען אַרויסגעקוקט די בעהאָרטע הענד. געהאַלטען האָבען מיר אין ספר „בראשית“ ביי דער פרשה „תולדות“; דען מיר האָבען נישט געפלעגט צו לערנען סֶדרות לויט דער וואָך, נאָר כּסדר האָבען מיר געלערנט דעם גאַנצען חומש. נאָך דעם לערנען האָט ער אונז געהייסען, מיר זאָלען יעדער אין דער היים די פרשה דורכגעהן און יעדעס וואָרט בעזונדער לויט דקדוק פונאַנדערנעהמען, פון וואָס פאַר אַ „בִּנין“, פון וואָס פאַר אַ „זמן“ עס איז וכדומה.

צומאָרגענס האָט יעדער פון אונז זיין לעקציע מיטגעבראַכט בכתב. זלמן פושקע איז געווען דער ערשטער, וואָס איז פערהערט געוואָרען, און איז אַרויס בשלום. דער צווייטער איז געווען מענדיל קוואָקע, און אויך ביי איהם איז אַלץ אַריבער בשלום. דער דריטער איז געווען פייטיל קאַלטען. ר׳ משה־ברוך האָט איבערגעלייענט זיין לעקציע אין דער הויך, גאַנץ בנעימות׳דיג, וואָס מִלעיל—מִלעיל — און וואָס מלרע—

מלרע, און האָט אַנגעקוואָלען ליינענדיג. פלוצלינג איז זיין פּנים פינס־טער געוואָרען און זיין שטימע האָט זיך איבערגעביטען:

— „הַבְּרָכָה (הַבְּרָכָה) אַחַת הִיא לְךָ, אָבִי“ — האָט ר׳ משה־ברוך אַראָבגעלייענט פונ׳ם פּאַפּיער און זיין שטימע האָט מבשר געוועזען נישט גוטעס — האָסטו דאָס געשריבען, פייטיל?

פייטיל איז געשטאַנען און געציטערט. קוים צום הערען האָט ער געענטפערט עפּעס אַ מין וואָרט, וואָס האָט געזאָלט הייסען: יאָ.

— און וואָס בעטייט דער דגש אינ׳ם וואָרט „הברכה“? האָט ר׳ משה־ברוך ווייטער געדונערט.

דאָסמאָל האָט דאָס יונגעל גאָרנישט געענטפערט און נאָר זיין גוף האָט געציטערט.

— ענטפערען וועסטו, פייטיל! איז דער הֵא פונ׳ם וואָרט „הברכה“ אַ הֵא הַיְדִיעָה אָדער אַ הֵא הַשְׁאֵלָה? — וועסטו אויפמאַכען דיין פּיסק? וועסטו ענטפערען?

— אַ הא השאלה! — האָט דאָס קינד געענטפערט און די ווער־טער האָבען איהם געשטיקט אינ׳ם האַלז.

— ווי אַזוי־זשע קומט אַריין אַ דגש אין דעם בית פון „הברכה“? — האָט ר׳ משה־ברוך געשריגען.

פייטיל האָט אַ מינוט לאַנג נישט געענטפערט. פּלוצלינג אָבער האָט ער אַ געשריי געגעבען, ווי איינער וואָס האָט זיך פּלוצלינג עט־וואָס דערמאָהנט: — אין דעם בית איז דאָך גאָר קיין דגש נישט פאַר־האַן!... אַזוי זאָל דער טאַטע און די מאַמע לעבען! איך האָב דאָס דאָזיגע פּינטעלע נישט געמאַכט...

די ווערטער האָבען געקלונגען, ווי ווען ער זאָל זאָגען: איך האָב דאָס דאָזיגע בלוט נישט פערגאָסען...

— געמאַכט און נאָך לייקענען דערצו? — האָט ר׳ משה־ברוך גע־שריגען אויף זיין העכסטען קול און די אויגען זענען איהם אונטערגע־לאָפען מיט בלוט.

די ווערטער האָבען געקלונגען מיט דעם ניגון פון פּסוק: גע־רצח׳נט און נאָך ירשה׳נען דערצו?

דאָס אומגליקליכע קינד איז געשטאַנען ווי פערשטיינערט, און נאָר די צייהן האָבען איהם געקלאַפּערט.

נאָ, דאָ האָסטו אַ פּינטעלע, דו ממזר בן הנידה! האָט דער מדקדק אויסגערופען און האָט דעם יונגעל דערלאַנגט אַ פּאַטש איבער׳ן קאָפּ — נאָר איין איינציגען פּאַטש.

דאָס קינד איז אַנידערגעפאַלען אויף דער ערד און איז געבליבען ליגען נעבען טיש, דעם רעכטען פוס אויסגעצויגען.

עטליכע מינוט האָט מען געוואַרט. ווי מען האָט געזעהן, ווי דער בחור שטעהט נישט אויף, האָט מען אָנגעהויבען איהם טאַרגען ביי דער האַנד אַהין און אַהער. פּלוצלינג האָט עמיצער דערקענט, אַז דאָס קינד ליגט אין חלשות. אַ בהלה, אַ געפּילדער, אַ געַ׳רעש איז געוואָרען. אַ גרויס געוואַלד האָט זיך געהערט אין דער גאַנצער שטוב.

און דאָס געוואַלד האָט זיך באַלד געהערט אין גאַנצען הויז און פון דאָרט איז עס געקומען אין גאַס אַריין און האָט זיך פערשפּרייט ביז צום מאַרק-פּלאַץ.

אינ׳ם ווייסען הויז פונ׳ם אַפּטייקער זענען גראָד געזעסען אונטען אין דער ווינשטוב דער לעהרער און דער סלעדאָוואַטעל און דער דאָקטאָר און דער אַפּטייקער און האָבען געשפּיעלט אַ טור ווינט. דער סלעדאָוואַ-טעל שפּילענדיג מיט זיין פּאַרטנער דעם לעהרער, האָט גראָד געהאַט אָנגעזאָגט אַ קליינעם „שלעם בעז קאָזעריי״ און איז געבליבען „בעז דוואוך״ — פּלוצלינג האָבען זיי געהערט דאָס געוואַלט, און זענען אַלע אַרויס אויף דער גאַס. דער דאָקטאָר איז צוגעלאָפען ביז ר׳ משה-ברוכ׳ס חדר, איז אַריין און האָט אָנגעהויבען זיך מתעסק זיין מיט דעם קינד. דאָס אומגליק, האָבען אַלע געזאָגט, איז געווען, וואָס קיין בלוט האָט זיך נישט געוויזען; ווען עס וויזט זיך בלוט, וואָלט אפשר גאָרנישט אַזוי שלעכט זיין. מען האָט דאָס קינד אַוועקגעטראָגען אַהיים צו זיינע עלטערן.

אַקעגען אָוועגד איז דאָס גאַנצע שטעדטעל געווען אויפגערודערט. פּייטיל איז געשטאָרבען און דאָס גאַנצע שטעדטעל האָט גערעדט פונ׳ם רוצח.

און בשעת ר׳ משה-ברוך איז אַ טאָג דערויף געזעסען פערשפּאַרט אין דער היים, אַז קיין מענש זאָל איהם נישט זעהן, און האָט אַרומגעַ-גראַבעלט אין די פּאַפּיערען פון די פערשיעדענע לעקציעס און האָט געמאַכט די ענטדעקונג, אַז דאָס פּינטעלע אין דעם וואָרט „הברכה״ איז באמת טאַקי נישט געווען אַ פּינטעלע, וואָס אַ מענש האָט עס געמאַכט, נאָר אַ פליעג האָט עס דאָרט פליהענדיג אַריינגעוואָרפען אין די הוילע

בית אַריין, — דאָ זענען פּלוצלינג צו איהם אַריינגעקומען עטליכע זשאַנדאַרמען מיט סאָלדאַטען און מיט אַ מין פּריסטאַוו און האָבען איהם צוגענומען און אַוועקגעפיהרט.

ביי דער „דיעלאָ" אינ'ם „אָקרוזשנאָי סוד", איז געשטאַנען אויך אַנ'אַדוואָקאַט מצד ר' משה־ברוכ'ן און האָט געטענה'ט מיט שוים אויף די ליפּען, אַז דער בעשולדיגטער האָט די מעשה געטהון בשוגג. דאָס אַלץ האָט אָבער נישט געהאָלפען. זעקס יאָהר קאַטאָרגע האָט ער פאַרט געקריגען.

איך אַליין האָב איהם געזעהן פיהרען: אַ האַלבער קאָפּ אָבגע־גאָלט און אין אַ מאָדנע מאַנטעל איינגעהילט.

און זאָגען זאָגט מען, אַז ער איז נעבעך געשטאָרבען, דאָרט ער־גענץ ווייט אין סיביריען, באַלד אין ערשטען יאָהר.

וואָס אַ פינטעלע קען אַלץ אָנמאַכען אין לעבען.

## בײ אַ ספר־תּורה

באָריס גורעוויטש האָט זיך צוגעקנעפּעלט דאָס לעצטע קנעפּעל פון זײן הענטשקע, האָט צום אָבשיעד געגעבען זײן װײב אַ גאַלאַנט אַ קוש אויפ'ן שטערען, האָט נאָך אַ מינוט לאַנג זיך בעקוקט אינ'ם שפּיגעל און ענדליך איז ער אַראָב צו זיך אין זײן קאָנטאָר אַרײן. ער האָט רוהיג נאָך געאַרבײט אַ האַלבע שעה: פּעררויכערט אַ ציגאַר, נאָכגעקוקט די קאָרעספּאָנדענץ פון דער מאָרגען־פּאָסט, געגעבען זײנע געשעפטס־מענשען פערשיעדענע דיספּאָזיציעס און האָט דאַן געקוקט אויפ'ן זײגער. נאָך אַ מינוט צװאנציג האָט ער איבעריגע צײט. ער האָט הײנט עפּעס אַ שטיקעל „דיעלאָ" אין געריכט. אויף האַלב עלף איז די „פּאָװיעסטקא" אויסגעשריבען, און איצט איז ערשט צעהן. ער האָט נאָך רוהיג נאָכגעקוקט אַ צװײ טוץ רעכנונגען און דערבײ װען־נישט־װען נאָכגערעכענט אויפ'ן „שטשאָט". דאַן האָט ער זיך געלאָזט דערלאַנגען פונ'ם קאַסירער דעם פּאָרטפּעל מיט אַ פּאָסט־װעקסלען, האָט אַ טײל פון זײ זשיריר'ט און האָט געגעבען נײע דיספּאָזיציעס. דאַן האָט ער נאָך אויסגעמוסר'ט אַ בוכהאַלטער פּאַר צו שפּעט קומען און דאַן ענדליך איז ער אַרויס אין גאַס אַרײן.

די זון האָט געלויכטען און די שנײ־קריסטאַלען האָבען געפונקעלט אינ'ם זונענשײן. באָריס גורעוויטש האָט בעשלאָסען צוצוגעהן צופוס דאָס קלײן שטיקעל װעג ביז צום געריכט אין דעם דאָזיגען שעהנעם װעטער.

ערשט איצט האָבען זיך זײנע געדאַנקען אָנגעהויבען צו בעשעפטיגען אויך מיט זײן שטיקעל פּראָצעס אינ'ם געריכט. עס איז מערקווירדיג, װי ביז איצט איז איהם דאָס גאָרנישט געקומען אין קאָפּ אַרײן!

עס איז אַ דיעלאָ עפּעס מיט אַ מיידעל. אַ מיידעל, רעגינקאַ מוטערפּערעל, אַ וועש-נעהטאָרין פון דער קראָטאַ-גאַס, האָט אויף איהם איינגעגעבען אין געריכט. אַליין וואָלט זי גאָרנישט האָבען קיין שכל דערצו; זי איז אַ נאַריש מיידעל. שלעכטע מענשען, וועלכע מאַכען זיך פון אַלצדינג אַ פּרנסה, האָבען זי מסתּם אָנגערעדט דערצו. זי פערלאַנגט פון איהם לעבענסמיטעל און אויסהאַלט פאַר אַ קינד, וועלכעס זי האָט פון איהם. באָריס גורעוויטש שמייכעלט צו זיך אַליין. דאָס מיידעל, ווי עס ווייזט זיך אויס, איז נאָך זעהר אונערפאַהרען. עס איז קיין וואונדער נישט; זי איז ערשט אײנגאַנצען זיעבצעהן יאָהר אַלט.

א בעקאַנטער געהט פאַר איהם פאַרביי און גריסט זיך מיט איהם. זיי געהען און פּלוידערען צוזאַמען אַ קליינע שטרעקע. פּעל איז געשטיגען. עס איז פאַרהאַן אַ קליינער פּאָסטען ביי אַ בעקאַנטען געגען באַר צו קויפען. הערר גורעוויטש האָט אָן זיין „דיעלאָ" ווידער כמעט פערגעסען. אַ קליינעם פּאָסטען לויהנט זיך גאָרנישט צו קויפען. חוץ דעם האָט ער איצט גראָד געגוג אויף לאַגער, איבּריגענס וועט מען זעהן. איז אייך אפשר אַ ציגאַר אַנגענעהם? — איהר דיענער! — דיענער!

און ווי דער בעקאַנטער איז אַוועק פון איהם, איז ער צוגעצגאַנגען פּאַמעליך און רוהיג צום געריכט, אַזוי ווי מען געהט צו אַ סוחר, מאַכען מיט איהם זיין חשבון. דאָס מאָל איז רעגינקא... ווי הייסט זי דאָרט? יאָ, רעגינקא מוטערפּערעל! דאָסמאָל איז רעגינקאַ מוטערפּערעל דער סוחר, מיט וועלכען ער האָט זיך אויסצוחשבון׳ען. אַזעלכע חשבונות זענען איהם נישט ניי, דאָס מיידעל האָט אַ טעות און קען קיין מענשען נישט, ער — באָריס גורעוויטש — אַ סוחר פּערוואָי גילדי, אַ מענש פון אַ יאָהר פערציג, אַ סאָלידע פערמעגליכע פירמאַ, אַ מאַן פון אַ ווייב און אַ טאַטע פון צוויי כמעט דערוואַקסענע טעכטער, איינע אינ׳ם זיעבעטען און איינע אינ׳ם זעקסטען קלאַס. ער, זעהט איהר, מוז זיין און מוז בלייבען סאָליד אויך ביי אַזאַ מין געשעפט. ער טאָר נישט זיין שולדיג. ווי עס זאָל נישט זיין שולדיג טאָר ער נישט זיין. דאָס איז שוין זיין פליכט קעגען פרוי און קינדער און קעגען זיין אייגענער

פירמא; עס איז זיין פליכט קעגען זיין שטעלונג אין דער געזעל-שאַפט. אמת, ער האָט אפילו רחמנות אויף אַזאַ אָרעם בעשעפעניש, ווי דאָס דאָזיגע מיידעל; און דערצו נאָך דאָס קינד — אָבער ווער האָט זי געהייסען זיין אַזאַ נאַר? פאַרוואָס איז זי נישט געקומען צו איהם? — ניין, קומען האָט זי נישט געקענט; ער האָט איהר אָנ-געזאָגט, אַז ביי איהם אינדערהיים זאָל זי מיט איהם קיין עסקים נישט האָבען, אָבער גלאַט אַזוי האָט זי דאָך געקענט זיך שוין אַנ'-עצה געבען — פאַרוואָס האָט זי זיך נישט געזעהן מיט איהם און גענומען אַ ביסעל געלד? ניין, איהר ווילט זיך אָבער בעסער עפענט-ליכע סקאַנדאַלען, פאַר סקאַנדאַלען און סקאַנדאַל-פּראָצעסען און פאַר מענשען, וועלכע ווילען דורכאויס סקאַנדאַל-פּראָצעסען, האָט ער קיין מורא נישט. אויף אַזעלכע מענשען טאָר אַנ'אַנשטענדיגער מענש קיין רחמנות נישט האָבען...

אינ'ם געריכט. אין דער דריטער אָבטיילונג פון דער פּאַלאַטאַ, איז היינט גאָר אַ קליינער עולם, די געשוואוירענע זיצען שוין אויף זיי-ערע ערטער, דער רעפּערענט איז שוין ביי דער אַרבייט, די אַדוואָקאַ-טען און די ריכטער גרייטען זיך, דער פּראָקוראָר, אַ בלוט-יונגער מענש, טאַפּט זיך אַלץ ביי די וואָנסעס, דער פּרעדסעדאַטעל זעצט זיך גראָד אויף זיין אָרט. פון יענער זייט אָבגעטיילטען אָרט, וואו די ריכטער און געשוואוירענע זיצען, איז אויך דער דַיין, וועלכער איז יעדען טאָג דאָ, אום אָבצונעהמען שבועות, און נעבען איהם דער שמש. דער פּרעד-סעדאַטעל, אַ הויכער, אַ דאַרער מיט לאַנגע, גרויע באַקענבאַרדען, האַלט אַקטען-פּאַפּיערען אין דער האַנד און וואָרטשעט פון זיי עפּעס אַרויס, און מען הערט נישט קיין איינציג וואָרט. פּלוצלינג הויבט ער אָן, מיט אַ געניץ און אויס בלויזער געוואוינהייט, ווי פון אויסענווענינג אויסצו-רופען זיין ליסטע.

— גורעוויטש ברוך, אָן-זשע באָריס אָוסעיעוויטש גורעוויטש!

— דאָ!

— מוטערפערעל רבקה, טאַ-זשע רעגינאַ מאָיסעוונאַ מוטערפערעל!

אַ קליין מיידעל, לויט'ן אויסזעהן איינע פון קוים פופצעהן יאָהר, מיט אַ בלאַס פּנים און אַראָבגעלאָזטע אויגען, מיט אַנ'איינגעבויגענעם

רוקען און נישט שעהן, האָט עפּעס ווי געענטפערט; אָבער קיין מענש האָט נישט געהערט.

— רבקה, טאָ־זשע רעגינאַ מאָיסעיעווגאַ מוטערפערעל — האָט דער פּרעדסעדאַטעל נאָכאַמאָל איבערגעחזרט.

— איך! — האָט דאָס מיידעל, דאָסמאָל עפּעס דייטליכער, געענט־פערט און האָט אויפגעהויבען איהרע אויגען. די אויגען זענען געוועזען שעהן, און אויך די ליפּען.

אין דער זעלבער מינוט איז אויפגעשטאַנען יעפים מיראָנאָוויטש קאָהן, אַ ווינקעל־אַדוואָקאַט און איז צוגעגאַנגען צום טיש און האָט דער־לאַנגט זיין „דאָוויערענאָסט" אַלס אַדוואָקאַט פון רעגינאַ מוטערפערעל. דער פּרעדסעדאַטעל האָט זיך געווענדעט צו גורעוויטש׳ן מיט דער פראַ־גע, אויב ער וויל אין זיין „דיעלאָ" אַליין רעדען אָדער ער שטעלט אַ פערטרעטער. גורעוויטש האָט אויפ׳ן קול געשמייכעלט. ביי אַזאַ קלייניג־קייט דאַרף ער קיינעמס הילף נישט; ער וויל אַליין פערטיידיגען.

דאָס געריכט האָט זיך גענומען צו עטליכע פאָרמאַליטעטען. די שבועה אָבנעהמען האָט מען בעשטימט אויף שפּעטער, ווען עס וועט זיין נוי־טיג. דער רעפערענט האָט אין קורצען רעפערירט דעם פּראָצעס: אַנ׳־איינפאַכער „אַלימענטען־פּראָצעס":

„די אונפערהייראַטע און מינדעריעהריגע רבקה, טאָ־זשע רעגינאַ מאָיסעיעווגאַ מוטערפערעל, וואוינט זינט דעם 17־טען פעווראַל 1904 אויף קראַטאַ גאַס נומער 42, וואוינונג 3. די וואוינונג האָט געדונגען פאַר איהר ברוך אָוסעיעוויטש גורעוויטש. דאָ האָט געפּלעגט דער דערמאָהנ־טער פון צייט צו צייט צו איהר קומען"...

דער רעפערענט האָט געמאַכט אַ פּויזע. דאָס ביסעל פּובליקום האָט אָנגעהויבען צו שפּיצען די אויערען. אַה, אַנ׳אינטערעסאַנטער פאַל! די עטליכע פרויען, וועלכע זענען דאָרט געווען, און הויפּטזעכליך די מייד־לעך, האָבען זיך אָנגעהויבען נעהנטער צוצורוקען און די באַקען האָבען אָנגעהויבען גליהען און די אויגען פינקלען. דער רעפערענט האָט ווי־טער געלייענט:

„דעם 24־טען נאָיאַבער 1904 האָט די אונפערהייראַטע רבקה מו־טערפערעל געבוירען אַ קינד. לויט איהרע ערקלערונגען, איז דאָס קינד פון ברוך גורעוויטש. זינט דענסמאָל אָבער האָט ברוך גורעוויטש אויפ־

געהערט זיך צו ווייזען ביי דער רבקה מוטערפּערעל. רבקה מוטערפּע־רעל האָט געוואַרט און געוואַרט, אפשר וועט ברוך גורעוויטש זיך כאָטש נאָך דערמאָהנען אָן זיין פליכט און וועט איהר געבען מיטלען צום לע־בען פאַר זיך און פאַר דעם קינד, וועלכעס איז, ווי זי זאָגט, ז י י ן קינד. ענדליך, איינזעהענדיג, אַז דער פאָטער דערמאָהנט זיך נישט אָן זיינע פליכטען, האָט זי זיך ענטשלאָסען צו זוכען איהרע רעכט דורך דעם געריכט. זי פערלאַנגט פון ברוך גורעוויטש, ער זאָל איהר צאָהלען די סומע פון 48 רובעל מאָנאַטליך, וואָס זי דאַרף צום לעבען פאַר זיך און דעם קינד".

אַלע האָבען געקוקט אויף באָריס גורעוויטש. באָריס גורעוויטש איז געשטאַנען לייכט און רוהיג און האָט זיך געשפּיעלט מיט א י י ן האַנד מיט דעם גאָלדענעם קייטעלע פון'ם זייגערעל און מיט דער אַנ־דערער האָט ער זיך געדרעהט דעם איינעם שפּיץ פון די וואָנסעס. אויף זיין פנים האָט אַרומשפּאַצירט אַ שמייכעל.

— אָנגעקלאָגטער! — האָט זיך דער פּרעדסעדאַטעל געווענדעט צו איהם — איהר זענט זיך מודה אין אייער שולד?

אַלע האָבען געקוקט אויף דעם אָנגעקלאָגטען. רעגינאַ איז גע־שטאַנען מיט אַראָבגעלאָזענע אויגען. זי האָט גראָד אין דער דאָזיגער מינוט געהאַט פערגעסען, וואו זי איז און האָט געטראַכט פון איהר קינד. הינטער דעם אויערעל פון קינד האָט זיך נעכטען געוויזען אַ רויט בלעטערעל. מען דאַרף נעהמען דערצו עפּעס אַ זאַלב.

— ניין! — האָט באָריס גורעוויטש שאַרף און הויך געענטפערט — איך בין מיך נישט מודה אין דער שולד!

רעגינאַ האָט נישט ווילענדיג אויפגעהויבען דעם קאָפּ. זי האָט נאָך גאָרנישט בעגריפען, וואָס עס טהוט זיך דאָ, דער „ניין" איז איהר נישט געגאַנגען אין קאָפּ אַריין.

עס האָט גערעדט דער פּרעדסעדאַטעל. עס האָט גערעדט דער וויג־קעל־אַדוואָקאַט יעפּים מיראָנאָוויטש קאָהן. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַנ'אַהין־און אַהער־פרעגען, אום צו כאַפּען דעם אָנגעקלאָגטען אויף דער ווענדקע. גורעוויטש איז געבליבען ביי דאָס זייניגע: דאָס קינד איז נישט פון איהם און איבערהויפּט קען ער נישט די קלעגערין, ער קען זי נאָר פון זעהן, ווייל זי האָט אַ געוויסע צייט געוועהט פאַר זיין

פרוי וועש. ערשט דאָ האָט רעגינאַ אָנגעהויבען צו בעגרייפען, וואָס עס טהוט זיך. אַזעלכעס האָט זי נישט געגלויבט. דאָס איז איהר קיינמאָל גאָרנישט געקומען אין קאָפּ אַריין, אַז עס איז נאָך פאַרהאַן גאָר אַזאַ מעגליכקייט. ס'טייטש, אָבער דאָס קינד איז דאָך זיין?! ער איז דאָך אַ טאַטע! און ווי קען דאָס אַ מענש, וועלכער האָט זי אַזוי ליעב געהאַט און האָט איהר אַלעמאָל צוגעזאָגט הרים וגבעות?! — דער קאָפּ איז איהר פּלוצלינג שטיל געשטאַנען, זי האָט געטראַכט, אַז זי פאַלט אום.

דער פּרעדסעדאַטעל אַליין האָט זיך אָנגעהויבען לעבהאַפטער צו אינטערעסירען מיט דער זאַך. ער איז בּיי זיך אין האַרצען געווען אי־בערצייגט, אַז דאָס דאָזיגע מיידעל איז פערפיהרט געוואָרען פון אָט דעם דאָזיגען מענשען. נישקשה, ער, דער פּרעדסעדאַטעל האָט גענוג איבונג אין אויספאָרשען, און ער האָט אָנגעהויבען טויזענד פראַגען צו שטעלען. ער וועט שוין אַרויסקריגען דעם אמת. גורעוויטש איז אָבער אַלץ געבליבען בּיי דאָס זייניגע: עס איז זאָגאַר אַ ליגען, אַז ער האָט געדונגען פאַר איהר די וואוינונג. אַדרבא, זאָל מען דעם קאָנטראַקט נאָכ־קוקען — זי מוז דאָך האָבען אַ קאָנטראַקט — און מען זאָל זעהן. רע־גינא איז פערציטערט געבליבען. אמת, די וואוינונג האָט זי געדונגען אויף איהר אייגענעם נאָמען; ער האָט עפּעס געזאָגט, אַז עס פּאַסט נישט פאַר איהם.

עס האָט אָנגעהויבען יעפים מיראָנאָוויטש קאָהן צו שטעלען אַ גאַנצע רייהע פון פראַגען דעם אָנגעקלאָגטען:

— ווען איז ער געווען צום לעצטען מאָל אינ'ם הויז נומער 42 אויף קראָטאַ-גאַס?

— נעכטען, און אויך היינט וועט ער דאָרט זיין און אויך מאָר־גען (אַלע לאַכען), דען אינ'ם דאָזיגען הויז וואוינט אַ סוחר, מיט וועלכען ער האָט עסקים.

— פאַרוואָס האָט דער אָנגעקלאָגטער געזאָגט איינמאָל דעם סטרוזש פונ'ם הויז, און האָט איהם דערבּיי געגעבען 20 קאָפּיקעס, אַז ווען מען וועט פרעגען, זאָל ער נישט זאָגען, אַז ער איז אַריינגעגאַנגען אין דעם דאָזיגען הויז?

— ווייל ער האָט קיין פּאַספּאָרט נישט געהאַט בּיי זיך, און גראָד איז פּאָליציי פאַרבּייגעגאַנגען אויף דער גאַס (אַלע צעלאַכען זיך).

— פון וואַנען האָט אַנ׳אָרים מיידעל געהאַט מיטלען אויסצוהאַלטען אַ וואוינונג פון דריי צימערן מיט אַ קיך?

— מסתּם האָט עפּעס איינער, אַ בעלן פון מיידלעך, דאָס געלד דערצו געגעבן (דאָס פּובליקום צעלאַכט זיך). איבריגענס איז דאָס נישט זיין זאַך.

— איבריגענס — האָט ער ווייטער געזאָגט — קען מען שוין די טאַקטיק פון די דאָזיגע מיידלעך: זיי קלויבען זיך אויס פאַר אַ קרבן אַנ׳אָנגעזעהענעם מענש פון דער געזעלשאַפט אַרויס, געוועהנליך אַנ׳אַנגעזעהענעם פאַמיליען־פאָטער מיט אַ געוויסער געזעלשאַפטליכער שטעלונג, כדי איהם צו עקספּלואַטירען און געלד צו ציהען פון איהם. געוויסע מיידלעך, מיט דער הילף פון געוויסע מענשען (גורעוויטש קוקט אַהין צו יעפים מיראָנאָוויטש קאָהן), האָבען זיך דאָס געמאַכט פאַר אַ פּרנסה. אייגענטליך האָט דאָס געזעץ געדאַרפט שיצען דעם אָנשטענדיגען בירגער פאַר אַזעלכע בעלעסטיגונגען. יעדער פון דעם געריכט אַליין איז נישט זיכער פאַר אַזאַ בלבול...

רעגינא איז געשטאַנען און איהר גאַנצער קליינער קערפּער האָט געציטערט: עס איז איהר מאָדנע קאַלט געווען. ד אָ ס איז איהר די גאַנצע צייט גאָרנישט געקומען אין קאָפּ אַריין, זי האָט גאָרנישט געוואוסט, אַז אויך אַזעלכעס איז מעגליך. זי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און איהרע אויגען האָבען געבליצט.

— קוק מיר גלייך אין די אויגען אַריין... — האָט זי אָנגעהויבען צום ערשטען מאָל צו רעדען און האָט זיך געווענדעט צו באָריס גורעוויטש׳ן.

— איך בעט דעם פּרעדסעדאַטעל — האָט באָריס גורעוויטש געזאָגט — מיך צו שיצען פאַר בעליידיגונגען. עס איז נישט פאַר מיין כּבוד און איך קען עס נישט ערלויבען, אַז די ערשטע בעסטע פון גאַס אַראָב זאָל מיך דוצען.

— איך בעט א י י ך, האָט רעגינאַ זיך אויגענבליקליך פערבעסערט — קוקט מיר גלייך אין די אויגען אַריין און זאָגט מיר: צי איז דאָס גאַנצע...

זי האָט זיך פּלוצלינג אָבגעשטעלט און האָט נישט געקענט ווייטער רעדען. זי האָט פאַר צו גרויסער אויפרעגונג נישט געוואוסט, וואָס

זי זאָל זאָגען. אַלץ האָט זי איהם געוואָלט זאָגען מיט איינמאָל — און האָט נישט געקענט. זי האָט זיך פּלוצלינג שטאַרק צעוויינט.

דער פּרעדסעדאַטעל האָט גערעדט. יעפים מיראָנאָוויטש האָט גערעדט. פּלוצלינג האָט דער „טאָוואַרישטש־פּראָקוראָראַ" זיך צוגעבויגען צום פּרעדסעדאַטעל צום אויער און האָט עפּעס געזאָגט, און דאַן האָט ער געפּרובט רעדען מיט דעם אָנגעקלאָגטען. אַלץ אומזיסט, דער אָנגעקלאָגטער איז געבליבען ביי דאָס זייניגע: אַ בלבול. די „דאָזיגע לייט" האָבען אייגענטליך געזאָלט ווערען בעשטראָפט פאַר אַזעלכע בלבולים. „קלעוועטאַ", דיפאַמאַציע, אַ שם־רע. אַ פּרנסה איז עס...

רעגינאַ איז געשטאַנען מיט אַנ'אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ ווי פּערשטיינערט. זי האָט זיך מעהר גאָרנישט איינגעהערט.

געשעפּטסמעסיג האָט זיך דאָס געריכט גענומען פּטר'ן די נויטיגע פאָרמאַליטעטען. דער אָנגעקלאָגטער האָט צו שווערען אויף דעם, וואָס ער זאָגט. דער דיין האָט זיך אויפגעהויבען. דער שמש האָט צוגעגרייט אַ קליין ספר־תורה'לע. באָריס גורעוויטש איז געשטאַנען און די רויטע באַקען האָבען אויסגעזעהען זעהר צופריעדען.

עס הויבט זיך אָן די פאָרמאַליטעט פון דער שבועה.

רעגינא איז געשטאַנען און איהר גאַנץ לייב האָט איהר געציטערט. זי געדענקט: זי איז נאָך אַ קליין קינד געווען, דאָ האָט נטע פּאָטשטער ביי זיי אין דער גאַס אין קליינעם שטעדטעל געמוזט שווערען אין שוהל. די גאַנצע גאַס איז געלאָפען. אויך זי האָט זיך געשטופּט מיט אין שוהל אַריין. שוואַרצע ליכט האָבען געברענט. וואָס דאָרט האָט זיך אָבגעטהון ווייסט זי נישט. נאָר נטע פּאָטשטער איז געשטאָרבען אין יענעם יאָהר. עס געהט איהר אַריבער אַ גרויל איבער אַלע איהרע ביינער. רבונו של עולם, נאָר נישט שווערען! צו וואָס נאָך אַ פאַלשע שבועה.

דער שמש איז צוגעגאַנגען מיט דעם ספר־תורה'לע צום אָנגעקלאָגטען. דער דיין האָט דעם אָנגעקלאָגטען אויפמערקזאַם געמאַכט דערויף, אַז ער האָט אָנצוטהון אַ היטעל אויפ'ן קאָפּ.

— ניין! — האָט רעגינאַ פּלוצלינג אויסגעשריגען — זאָל ער נאָר נישט שווערען! ס'טייטש ביי אַ ספר־תורה?...

אַלע האָבען זיך אומגעקוקט.

— זאָל ער מיר געבען כאָטש צוואַנציג רובעל אַ חודש... איך וויל דאָך אַרבייטען...

באָריס גורעוויטש האָט זיך אָנגעטהון זיין הוט.

— זאָל ער געבען כאָטש פאַר'ן קינד צעהן רובעל! זאָל ער געבען פינף! —ס'טייטש ביי אַ ספר־תּורה? ! איך וויל נישט, ער זאָל ביי אַ ספר־תּורה שווערען!

דער פּרעדסעדאַטעל האָט צוגערופען דעם אָנגעקלאָגטען נעהנטער צו זיך און האָט אָנגעהויבען צו איהם רעדען מיט אַ האַלבער שטימע. עס האַנדעלט זיך דאָך אייגענטליך נאָר וועגען אַ קלייניגקייט. דאַן האָט יע־פים מיראָנאָוויטש זיך גענומען מיט איהם פּריוואַט צו רעדען און צו פּועל'ן וואָס עס איז. באָריס גורעוויטש האָט גענומען דאָס ספר־תּורה'לע אין האַנד אַריין. ער איז אַ מינוט לאַנג שטיל געשטאַנען. ער טאָר דאָך נישט זיין שולדיג. דאָס איז שוין זיין פליכט קעגען זיין סאָלידער פיר־מאַ און זיין שטעלונג אין דער געזעלשאַפט.

— איך וויל קיין איינציגע קאָפּיקע נישט מעהר! איך נעהם צו־ריק מיין גאַנצע בעשולדיגונג! —האָט דאָס מיידעל אויסגערופען. איהר שטימע האָט געציטערט.

די לעצטע פון די פאָרמאַליטעטען איז שנעל געפּטר'ט געוואָרען. צעהן מינוט שפּעטער איז קיינער פון די פּאַרטייען נישט מעהר געוועזן אינ'ם זאַל. אויך אַ גרויסער טייל פונ'ם עולם איז זיך פונאַנדער־געגאַנגען.

באָריס אָווסעיעוויטש גורעוויטש איז נישט מעהר געגאַנגען אין זיין קאַנטאָר אַריין, נאָר גלייך אַרויף צו זיך אין דער היים. זיין פרוי־ האָט איהם געגעבען אַ קלייטעם פּסק: ער האָט זיך געמליך מיט צוועלף מינוט היינט פערשפּעטיגט צום מיטאָג. באָריס גורעוויטש האָט גאַלאַנט געקושט זיין פרוי אויפ'ן שטערען.

## ווי איך האָב זיך אַליין אַ „פּאָגראָם“ געמאַכט

שלעכט זענען יענע צייטען געוועזען — דערצעהלט אונז זלמן דער מלמד — און דער מענש, וועלכער האָט געלעבט אין זיי, וועט זיי קיינמאָל נישט פערגעסען. מען ווערט גרייז גרוי און מען פערגעסט אַזעלכע זאַכען נישט מעהר; מען ווערט אַלט ווי מתושלח און עס מעקען זיך אַזעלכע סצענעס נישט מעהר אָב פון פאַר די אויגען. אַזעלכע צייטען — פערשטעהט זיך — איז גאָר אונמעגליך, אַז זיי זאָלען זיך אַמאָל נאָך אומקעהרען; די וועלט — פערשטעהט זיך — האָט זיך געביטען, און דאָס וואָס איז געוועזען, וועט מעהר שוין נישט זיין. אפשר דאָרט ערגעץ־עפּעס אין אַ ווייטער מדינה, הינטער די הרי־חושך; אפשר צווישען די ווילדע מענשען ערגעץ־עפּעס אין אַ מדבר קען זיך נאָך אַזעלכעס טרעפען, און דעמאָלט וועלען אַלע גרויסע גאַזעטען מאַכען אַ געוואַלד, אַז די וועלט וועט זיך שאָקלען, און די לעזער וועלען לעזען און וועלען נישט גלויבען, און די אַלטע ווייבער וועלען זיצען מיט'ן זאָק אין דער האַנד און וועלען דערצעהלען, איינע דער אַנדערער יענע וואונדערליכע „אויסגעטראַכטע“ מעשיות — אָבער נישט ביי אונז און אין אונזער צייט! דעריבער, איהר יונגע לייט, וועלכע איהר האָט דאָס נישט מיט אייערע אויגען געזעהען, איהר קענט עס גאָרנישט גלויבען; אָבער איך, איך האָב עס געזעהן און געפיהלט און דורכגעלעבט און נישט איין מינוט נאָך זענען יענע סצענעס פערשוואונדען מיר פון פאַר מיינע אויגען. עס זענען דאָך שוין מעהר ווי צוואַנציג יאָהר אַוועק פון דענסמאָל ביז היינט — און פּאָרט, אַזוי באַלד ווי איך זיץ אַליין פאַרנאַכט אין דער טונקעל־שעה און פערמאַך די אויגען און לעג אַרויף מיין האַנד אויף זיי, דאָ זעה איך באַלד ווידער פאַר מיר אַלץ, אַלץ...

אין „חדר" בין איך געזעסען דענסמאָל ביי דער אַרבייט, ווי געוועהנליך — איהר קענט דאָך מיין חדר? עטליכע ספרים, אַ טיש און צוויי בעטען, אַ באַנק און דריי שטוהלען, אַ מעשענער הענג־לייכטער מיט פינף רעהרען; אויפ׳ן קאַמין שטעהען צוויי־דריי טע־לער און צוויי־דריי טעפּ;ביים קאַמין שטעהט דאָס וויגעל פאַר׳ן קינד, אויף נעגעל אָן דער וואַנד העגנען טלית און תפילין און די עטליכע בגדים, וועלכע מיר האָבען — דאָס איז דער גאַנצער חדר.

פלוצלינג הערט זיך פון וויטען אַ וואונדערליך גערויש, בעהאַל־טען און פערשטיקט און ווי אַ ווייט וואַסער שטורעמט דורך עפּעס דורך. אפשר איז די ווייסעל פּלוצלינג געשטיגען, און דאָס וואַסער רוישט און פליצט און גיסט זיך. אָבער מיין געסעל, וואו איך וואוין, איז ווייט פון דער ווייסעל! דאָס גערויש ווערט שטאַרקער, ווערט באַהנטער — און פּלוצלינג הערט זיך אויך אַ געפּייף, אַ געשריי, אַ געטומעל.

„מען הרג׳עט יודען!" — הער איך זאָגען, און איך ווייס נישט פון וועמען. איך האָב קיינעם נישט געזעהן, און האָב נאָר געהערט.

אַ מין שווערער וואָלקען פערדעקט אייין מינוט דעם ליכטיגען טאָג, און נאָך דעם וואָלקען — אַ שטויב, און נאָך דעם שטויב — אַ שניי. אָבער וואונדערליך! דער טאָג איז דאָך אַ קלאָרער געווען און געשנייט האָט דענסמאָל גאָרנישט. פּלוצלינג קומען פון דער דזיקא־גאַס אַ סך פעדערען צו פליהען און לאָזען זיך אַראָב אויף די וואָלינסקא־גאַס, דאָרט וואו איך וואוין, און באַלד ווערט אַ גאַנצער באַרג פון פע־דערען אויף דער ערד.

„די יודען שעכט מען אויס! אויף גרז׳יבאָווסקא און גרז׳יבאָוו און טוואַרדא האָט מען שוין אַלע אויסגעשאָכטען, אַז ס׳איז קיין איינציגער נישט לעבען געבליבען!" — איך ווייס נישט, ווער עס האָט גערעדט. איך האָב קיין מענשען נישט געזעהן און נאָר אַ קול האָב איך געהערט.

ביי דער „נייער וועלט" האָט עס זיך אָנגעהויבען, ביי דער קאַ־טוילישער קירכע, און פון דאָרט האָט עס פערפלייצט אַלע יודישע גאַ־סען, רעכטס און לינקס. פון אייין זייט הערט מען די פינסטערע בשו־רות פון מאַריאַנסקא און באַגנא און שליסקא און די גאַסען אַרום, און פון דער צווייטער זייט קומען די קולות פון קאַרמעליצקא און דזיעלנא

און נאָוואָליפּקי און די אַנדערע נאָהנטע גאַסען. דאָס בלוט אין די אָדערען הויבט אָן גערינען צו ווערען.

פלוצלינג הער איך, אַז מיר דאַ, אויף א ו נ ז ע ר ע גאַסען אַרום, האָבען זיך נישט וואָס צו שרעקען. די יודען אויף אונזערע גאַסען האָבען זיך צוזאַמענגענומען, מיט שטעקענס און מיט אייזענס אין די הענד, און זענען גרייט מלחמה צו האַלטען און די רוצחים נישט אַריינצולאָזען.

אָבער דאָס איז פאַלש געווען. פון עק געגנשא הערט מען דעם שרעקליכען רעש: מען ברעכט די שויבען אין די פענסטער, מען צעשמעטערט די מעבעל, מען צעטראָגט די קראָמען.

איך פערגנב׳ע זיך אויף איין רגע אַרויס פאַר די טיר און קוק.

זעקס אָדער אַכט ווילד אויסזעהענדיגע יונגען בעלאַגערען די קראָם פון נפתלי לפידות און האַקען-אויף מיט העק די טירען. באַלד פליהען פון דאָרט אַרויס גאַנצע שטיקער זיידענס, אַטלאַס און סאַמעט. איינע, אַ פצרשפּור׳טע פרוי, וועלכע קען זיך קוים אויף די פיס האַלטען, הויבט-אויף פון דער ערד פערשידענע קליידער-זאַכען און טהוט זיך אָן איין קלייד איבער דעם צווייטען.

אַנטקעגען ביי ראובן מאַרגאַלין וואַרפט מען אַראָב דורך דעם פענסטער פון צווייטען שטאָק אַ פאָרטעפּיאַן. דער פאָרטעפּיאַן צעברעכט זיך אויף שטיקער. שטיקער פאַלען אויף די פיס פון צוויי יונגען, וועלכע שטעהען אונטען. באַלד פליהט פון אויבען אַראָב אויך אַ שפּיגעל אין אַ גאָלדענער ראַהם, און באַלד דערויף — וואַנד-בילדער מיט אייל געמאָלט.

ביי מרדכי דעם שענקער האָבען זיי געעפענט די קראַנען פון די פעסער, און דער בראָנפען גיסט זיך אין שטראָמען אויף די גאַס אַרויס. דער עולם איז ווילד און משוגע און ווי די חיות רעות. מענער און פרויען שעפען מיט די הוילע הענד דעם בראָנפען.

פאַר׳ן בית-מדרש׳ל אין ר׳ אפרים חסיד׳ס הויף שטעהט דער שמש, אין טלית און תפילין אָנגעטהון, און ראַנגעלט זיך מיט דעם ווילדען עולם און וויל זיי נישט אַריינלאָזען אין דעם מקום קדוש. אַ מינוט שפּעטער שטעהט ער שוין נישט מעהר, נאָר ער ליגט אויף דער ערד אַנ׳-אויסגעצויגענער. באַלד דערויף פליהען צעריסענע שטיקער ספרי-תורות אַרויס אויף די גאַס.

וואָס איז ד אָ ס אַזעלכעס? — פון דעם פיערטען שטאָק, דורך דעם פענסטער ביים עק גאַס, פאַלט אַראָב אַ קינד אַ קליינס אויף דער ערד און בלייבט ליגען. אַ פּנים דאָס קינד איז נישט געווען געגוג פאַרזיכ-טיג און איז געקראָכען אויף דעם פענסטער און איז אַראָבגעפאַלען.

אויף יענער זייט גאַס רינגלען אַרום אַ מחנה ווילדע יונגען אַ צוועלף-יעהריג יודיש מיידעל. דאָס מיידעל שרייט געוואַלד — דאָס בלוט ווערט מיר פערקיהלט אין אַלע אברים. אַזוי אַ געוואַלד-געשריי האָב איך צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען געהערט.

און פלוצלינג זעהט זיך אַ שטראַהל פון פייער. אַ קראָם שטעהט אין פלאַמען.

און איך לויף און איך אייל און איך קום צוריק אין מיין חדר אַריין. אָבער יענע סצענעס, וועלכע איך האָב געזעהן, יאָגען מיך נאָך; וואו איך שטעה, שטעהען אויך זיי פאַר מיינע אויגען. א י י ן מינוט שפּעטער שטעה איך שוין ווידער אויף דער גאַס. די אונרוהיגקייט לאָזט מיך נישט איינזיצען אין מיין שטוב.

הערען הער איך, אַז מאָרגען פריה הויבט זיך אָן דאָס אומגליק אויך ביי אונז אין א ו נ ז ע ר גאַס.

און אייביג ווען איך זאָל לעבען — יענע נאַכט וועל איך נישט מעהר פערגעסען! זעהט איהר, קינדערלעך, די דאָזיגע ווייסע האָר אויף מיין קאָפּ, וועלכע איהר זעהט, זענען דענסמאָל נאָך נישט ווייס געווען, נאָר שוואַרץ, אָבער אין יענער נאַכט זענען זיי מיר פלוצלינג בלייך געוואָרען און איך אַליין בין געוואָרען אַנ'אַלטער מאַן.

איך האָב „על חטא", איך האָב „וידוי" געזאָגט — אָבער מעשה-שטן: איך האָב אפשר צעהן מאָל אָנגעהויבען און אַלץ נישט געענ-דיגט. אַ פּנים מיינע געדאַנקען זענען מיר דענסמאָל נישט גאָר איג-גאַנצען קלאָר געווען. איך געדענק נאָר איינס: איך בין געזעסען אויף דער באַנק און האָב געטראַכט און געטראַכט; איך האָב זיך געפּרעגט איינמאָל און צווייטמאָל און הונדערטמאָל: רבונו של עולם! פאַרוואָס קומט דאָס אונז אַזעלכעס? — פלוצלינג פאַלט מיר איין, אַז זיי זאָגען: ווייל מיר זענען אַזעלכע, וועלכע זויגען אויס ביי אַלעמען דאָס בלוט. אָבער דאָס איז דאָך נישט אמת, גלויבט מיר אויף נאמנות, אַז דאָס איז נישט אמת! ווען איך וואָלט וויסען, וואו זיי געפינען זיך, וואָלט איך

אהין צו זיי און וואָלט רעדן מיט זיי — סוף־כּל־סוף זענען עס דאָך מענטשן און האָבן אַ געהירן אין קאָפּ — און איך וואָלט זיי זאָגן און וואָלט זיי אויסווייזן, אַז איך, זלמן דער מלמד, זויג כּלל וכּלל נישט אויס ביי זיי דאָס בלוט. מישטיינס געזאָגט, זלמן, די יניקה אינ־גאַנצן, וועלכע דו האָסט!

איך שטרעק אויס די האַנד און נעהם מיר מיין טלית און תּפילין. אַ טלית קען קיינמאָל נישט שאַדען, אַז אַ יוד זאָל איהם האָבן אַלע מאָל גרייט; ווער ווייסט, וואָס קען זיין מאָרגען און אויב ער וועט איהם נישט ברויכען צום לעצטען מאָל און אויף אייביג.

איך געה־צו צו מיין ווייב און צום קינד אין וויגעל און הייס זיי זאָגען „וידוי". מיין הייסען איז אָבער געווען אינגאַנצען איבעריג. מיין ווייב אַ פּנים האָט נישט געוואַרט, ביז איך וועל איהר הייסען זאָגען „וידוי", און האָט אַליין שוין געזאָגט די גאַנצע נאַכט און איז נאָך יעצט נישט פאַרטיג געווען; און דאָס קינד — איך האָב פערגעסען גע־האַט, אַז עס קען נאָך גאָרנישט רעדען.

און איך נעהם אַלע טייערע זאַכען, וועלכע מיר פערמאָגען, און געה זיי בעהאַלטען אין דעם קעלער ביי אונז. אַז די נישט־גוטע וועלען קומען, מיט אונז זייערע „שטוקעס" צו טרייבען, טאָ זאָלען זיי ווענינ־סטענס נישט טרייבען זייערע „שטוקעס" מיט דעם, וואָס איז אונז טייער און הייליג. איך נעהם דאָס קינד און דעם טלית־זאַק און די חומשים און דעם „אור זרוע", וועלכען איך האָב פון דעם זיידען עליו־השלום, און דעם הדס פון דער הבדלה, וועלכען איך האָב בירושה פונ'ם שווער עליו־השלום, און דעם איינציגען זילבערנעם לעפעל, וועלכען איך האָב דרשה־געשאַנק פון דעם פעטער, דעם גביר, זאָל לעבען, און מיין ווייב רופ איך מיר, און זיי אַלע וויל איך בעהאַלטען אונטען אין קעלער. ווענינ־סטענס זאָל קיין סכנה נישט זיין מיט נפשות.

דאַן קוק איך מיך אום. די ערשטע שטראַהלען פון דעם פרישען טאָג בעווייזען זיך אין פענסטער. דאָס טישעל און די באַנק און די בע־טען און די איבעריגע זאַכען שטעהען שטיל יעדעס אויף זיין פלאַץ, און ווייסען גאָרנישט, וואָס וועט געשעהן מיט זיי אַ שעה, צוויי, דריי שעה שפּעטער.

פּלוצלינג, ווי איך קוק אַזוי אויף זיי, געהט מיר אַ וואונדערלי־

כער געדאַנק דורך דעם קאָפּ. נאָר גאָט אַליין האָט מיר דעם דאָזיגען געדאַנק איינגעגעבען!

און איך שטרעק אויס מיין האַנד צו די שויבען פון מיין פענסטער און צעברעך זיי אויף שטיקער און די קישענס און די דעקען נעהם איך פון די בעטען און צערייס זיי און וואַרף אַרויס די פעדערען אין גאַס אַריין, און דעם טיש נעהם איך און די שטוהלען און די באַנק און צע-האַק זיי און וואַרף-אַרויס די שטיקער אין גאַס אַריין, און די עטליכע טעלער נעהם איך און די טעפּ און צעברעך זיי און וואַרף-אַרויס די שאַרבענס אין גאַס אַריין. בקיצור, איך האָב אַליין געמאַכט דעם „פּאָג-ראָם״ ביי מיר אין מיין שטוב.

און ווען די חברה וועט שפּעטער פאַרביי פאַר דעם הויז און וועט זעהן די פעדערען אויף דער גאַס און די צעבראָכענע שטיקער און די שאַרבענס, וועט זי מיינען, אַז דער עולם איז ביי מיר שוין איינמאָל געווען, און וועט נישט מעהר אַריין אין הויז אינעווייניג צו מיר. אַ גוי מעג מען אָבנאַרען!

נאָר אַזוי האָב איך מיר געראַטעוועט מיין נפש און דאָס נפש פון ווייב און קינד און די חומשים און די תפילין.

איך ווייס: איהר, יונגעלייט, וועלכע איהר האָט דאָס אַלץ נישט מיט אייערע אויגען געזעהען, איהר וועט עס נישט גלויבען. אָבער איך, וואָס איך האָב עס געזעהן, מיר פערשווינדען יענע סצענעס נישט פון פאַר די אויגען ביז צום היינטיגען טאָג. ווען איך זיץ אַליין א י י ן מינוט לאַנג פאַרנאַכט אין דער טונקעל-שעה און האַלט פערמאַכט מיינע אויגען און לעג אַרויף אויף זיי מיין האַנד, זעה איך אַלץ, אַלץ נאָך יעצט...

## הַרֵיאַת

„— — הערר און מאַדאַם איזידאָר זאַבלודאָווסקי האָבען די עהרע, צו בעטען זי צו דער חופה פון זייער טאָכטער רעגינא מיט דעם באַנקירס-זוהן הערר סטאַניסלאַוו זילבערבערג, וועלכע וועט פאָרקומען פרייטאָג דעם 11-טען אַפריל, פונקט האַלב 1 מיטאָג, אין דער סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע.

„האַלב 2 — אַ פריהשטיק אַ לאַ פורשעט אין רעסטאָראַן „בריסטאָל".

„וואַרשאָ אין מערץ, 1902."

*

אויף טלאָמאַצקע, פאַר דער סינאַגאָגע, פון דעם איינעם עק ביז צום צווייטען, שטעהט אַ ברייטע און לאַנגע צייל פון פראַכטפולע קאַרעטעס. דאָס זילבערנע בעשלאַג גלאַנצט אַראָב פון די שוואַרצע קאָטשען, די קוטשער זענען אָנגעטהון אין ליווּרעען מיט גאָלדענע טרעסען. די פערד טופען אונגעדולדיג מיט די פיס. אַ פאָלק פון הונדערטער מענשען שטעהט איבער דער גאַנצער גאַס און שטופּט זיך ביז צו די טרעפען פון דער סינאַגאָגע און וואַרט נישט אַריינגעלאָזען.

עס איז אַ טאָג פון זון און פון רעגען צוזאַמען. צוויי, דריי מינוט בעווייזט זיך די זון און שטעכט אין די אויגען און אַלץ אַרום גלאַנצט, און צוויי, דריי מינוט לאָזט זיך אַראָב אַ דינער וואַרימער שפּריי-רעגען און הערט פּלוצלינג ווידער אויף — דערנאָך בעווייזט זיך אויפ'ן הימעל אַ נישט גאַנץ דורכזיכטיגער רעגענבויגען.

פון מינוט צו מינוט קומט אָנגעשטורמט אַ נייע קאַרעטע. דער קוטשער שפּרינגט אַראָב פון דער קעלניע, רייסט-אויף דעם שלאַג און

הערר און דאַמע שטייגען אויס און איילען אַרויף אויף די טרעפּ פון דער סינאַגאָגע.

אינעווייניג, אין דער סינאַגאָגע, איז אויסגעגאָסען אַ האַלבע טונ-קעלקייט: אַ צוזאַמענמיש פון אַ צוריקגעהאַלטען טאָג-ליכט מיט ליכט פון די לאַמפּען. דורך די הויכע פענסטער מיט די בעמאָלטע שויבען ברע-כען אַריין פון אויבען באַלכסונ׳דיגע זיילען פון ליכט-שטויב, ווי דורכ-זיכטיגע וואָלקען, אין וועלכע מען קען צעהלען יעדעס שטויבעלע בע-זונדער. אינ׳ם גאַנצען הויז פיהלט זיך עפּעס אַ שטילקייט און אַ הייליג-קייט. פון הינטער יעדער זייל און פון יעדען ווינקעלע און פון הינטער יעדען קלייד און נעבען יעדער רעהר פון אַ לאַמפּ אָטעמט עפּעס אַ מין הייליגעס און יום-טוב׳דיגעס.

און גלאַנצענדיגע אויגען און גלאַנצענדיגע בריליאַנטען און גלאַנ-צענדיגע צילינדערס אומעטום, וואו דאָס אויג קעהרט זיך. די ווייסע, בליצענדיגע מאַנישקעס פערשפּרייטען אַ ליעבליכען, ווייכען ריח. די פּרויען און די פריילינס זענען איינגעטונקען אין זיידענס און אין שפּיצען, געהען דעקאָלטירט און האַלטען בוקעטען אין דער האַנד. די עדעל-שטיינער לייכטען און בליצען פון זייערע קעפּ, און פון די אויערען אַרויס און פון די העלזער אַראָב. אַ מאָדנער, אייגענטימליכער ריח שפּירט זיך אומעטום: וועראַ-פיאָלעט, גראַפ-איפּעל און העליאָטראָפּ-בלאַנק.

אונטער דער חופה שטעהט דער חתן עטוואָס געבוקט, אַ מערק-ווירדיג הויכע געשטאַלט. דאָס פליסעדיגע ליכט לעגט זיך גראָד אויף זיין פּנים. דאָס פּנים איז עטוואָס איינגעפאַלען און געלבליך-אָבגעוועלקט און זעהט אויס זעהר מאַט און מיעד; עס שלאָגט זעהר שטאַרק אָב פון דער שניי-ווייסער ראַהם פון זיין העמד. זיין שוואַרצער צילינדער אויפ׳ן קאָפּ גלאַנצט, אָבער אונטער דעם צילינדער, אויף די ביידע שלייפען, זעהען זיך עטליכע גרויע האָר. ער שטעהט און האַלט אין דער האַנד אַ זיידען טיכעל, און אָפט טראָגט ער עס צו נאַכלעסיג צו זיין מויל; בעהאַלטענערהייט געניצט ער אַמאָל אַריין אין דעם טיכעל.

און פּאַר איהם די כלה — אַ יונג, פריש, זאַפטיג מיידעל ווי דער פריש-געפאַלענער טוי: כמעט נאָך אַ קינד אינגאַנצען. אין איהר גע-שטאַלט גרייכט זי צו איהם נאָר ביז צו די אַקסלען. איהרע אויגען קו-קען גלייך און אָפען צו איהם אַרויף פון הינטער דעם דעקטוך, און די

אויגען לאַכען און זענען גרויס און נאַאיוו און פֿול נייגיריגקייט און בעגעהרעניש — די אויגען פֿון אַ יונג, גלויביג קינד.

דער אָרגעל שפּיעלט און לאָזט זיינע מערקווירדיגע טענער הערען: טיעפֿע, ערנסטע טענער, פֿול מיט הייליגקייט.

און ער, סטאַניסלאַוו זילבערבערג, שטעהט איינגעבויגען און האָרכט. ער הערט די טענער און שטרענגט זיך אָן, זיי צו לאָזען איינדרינגען אין זיך. אָך יאָ, אַ שעהנער הייליגער כאָראַל! און ער הויבט אָן מיטצוחלום'ען און זיך צו לאָזען טראָגען אויף די כוואַליעס פֿון די ברייט פֿליסעדיגע טענער. פּלוצלינג אָבער רייסט זיך איבער דער פּאָדעם און ער שוועבט ווייטער, ווייטער, טיעפֿער, טיעפֿער, הערט אַלץ נאָך נאָך ווי אין חלום, און דאַן הערט ער גאָרנישט מעהר, און ער פֿערגעסט וואו ער איז און אַלץ וואָס טהוט זיך דאָ אַרום איהם. אָט איז אַ חשבון: צוויימאָל הונדערט און זעכציג טויזענד באַר. ביז יוני האָט ער כמעט קיין שום צאָהלונג נישט. אמת, יוני וועט אַביסעל שווער זיין: אויף יעדען טאָג כמעט אויסגעשטעלט. אָבער צוויימאָל הונדערט און זעכציג טויזענד! און חוץ דעם די היפּאָטעק אויף ווספּולנאַ־גאַס, אגב אויך די צוויי היפּאָטעקען אין פּראַגא. חוץ מזה די ערשטע ראַטע צינזען, וועלכע ער האָט אָבצונעהמען אין מאַי. דאַכט זיך, דער טערמין איז דעם אַכטען. אַ שאָד וואָס ער קען נישט יעצט נאָכזעהן אין נאָטיץ־ביכעל. די הויפּטזאַך, אַז ער מוז באַלד אָנהויבען דעם פּראָצעס מיט רעגינאַ'ס ברידער וועגען דעם זיעבענטעל פֿון דער ירושה פֿון פּעטער'ס זייט...

פּלוצלינג האָט ער זיך אויפגעכאַפּט. דער אָרגעל האָט נאָך אַ טיעפֿען ברייטען טאָן פּלוצלינג אָבגעהאַקט.

און דער קאַנטאָר און דער כאָר ענטפֿערען, בעזונדערס זיס איז די דיסקאַנט־שטימע. און זי, רעגינאַ, שטעהט מיט אַראָבגעלאָזענע אָפֿענע אויגען. כמעט קען זי דאָס גאַנצע נישט פֿערשטעהן און אַז דאָס אַלץ איז נישט נאָר אַ חלום! זי שפּירט אַ פֿיבער אין אַלע איהרע גלידער. אָט איז דער גרויסער סוד, אָט ליגט ער פֿאַר איהר. אַך, נאָר נאָך איין טאָג, איין וואָך. אין אַכט טאָג אַרום וועט זי שוין גאַנץ געוויס זיין אַ „פֿרוי". אַ פֿרוי, אַ פֿרוי, אַ פֿרוי. אַ פֿרוי, וועלכע האָט אַ מאַן. און זי ציטערט. ס'איז גוט, וואָס אין פֿיער און אַ האַלבער שעה פֿער-

לאָזען זיי וואַרשא און פאָהרען. שווייצאַריען קען זי נישט ליידען. אויך סטאַניסלאַוו ליידט נישט שווייצאַריען. קיין איטאַליען קען שוין קיין שום אָרענטליכער מענש היינט נישט מעהר פאָהרען; יעדער שניידער און יעדער שוסטער פאָהרט שוין היינט קיין איטאַליען. בלייבט-איבער אַזויפיעל ווי שוועדען און נאָרוועגען... אַך, ווען דער דאָזיגער חודש וואָלט שוין זיין פאַרבייגעגאַנגען! ווען זי וואָלט נאָר קענען היינט זיך אַהינלעגען שלאָפען און אויפשטעהן אין אַ חודש אַרום! — — זי פיהלט, אַז זי טופּעט מיט איהר קליין פיסעלע אויף דער פּאָדלאָגע.

און ווידער הויבט דער אָרגעל אָן און ברומט מיט זיינע טיעפע שווערע טענער, און די טענער ציהען זיך און גיסען זיך, ציהען זיך און גיסען זיך.

אָבער דאָסמאָל הערט ער, סטאַניסלאַוו, כּלל וכלל נישט די טע־נער. אָט איז דער בריעף, וועלכען ער האָט נעכטען בעקומען פון לייפּ־ציג. די „בלאָנדע מיצי״ שרייבט איהם, אַז זי איז עפּעס נישט געזונד געוועזען און דעריבער האָט זי איהם נישט געשריבען; אָבער דער „יונגע״ איז געזונד און שטאַרק. דער „יונגע״ איז גאָר איינגאַנצען עהנליך צו איהם, ווי צוויי טראָפּען וואַסער. דאָס קען ער איהר גלויבען אויפ׳ן וואָרט. אָבער וואונדערען וואונדערט זי זיך, וואָס דעם צוואַנציגסטען, וועלכער איז דאָך דער טערמין, האָט זי נישט ערהאַלטען פון איהם די ראַטע אַזוי ווי אַלעמאָל אין יעדען חודש. זי זעהט שוין אַרויס, אַז ער מיינט זיך איינציגוויז אַרויסצונאַרען און שפּעטער זיך איינגאַנצען פון איהר פריי צו מאַכען. אָבער דאָס אַלץ וועט איהם נישט נוצען. זי וואָרענט איהם: זאָל ער זיך די זאַך גוט איבערלעגען און זאָל זי נישט ברענגען דערצו, אַז זי זאָל מוזען אַרויסטרעטען קעגען איהם מיט אַ פּראָצעס וועגען „אַלימענטען״...

דער אָרגעל ברומט מיט מעכטיגע, ברייטע טענער. אַ סך נייע געכט שטופּען זיך און קומען צו ביז צו דער חופּה: דעקאָלטירטע אַקסלען, געל-זיידענע קליידער און בליצענדיגע בריליאַנטען! שפּאָ־געל-גלאַנצענדיגע צילינדערס, בלענדענד-ווייסע הענטשקעלעך און רויטע קראַוואַטען! און דער קאַנטאָר זינגט...

און זי, רעגינאַ, שטעהט און האָרכט און האָרכט. ס׳איז דאָך איהר חתונה און זי מ ו ז האָרכען. היינט מוז זי. און באמת איז

די ליעבע טויזענדמאָל שענער פון אַלעם, וואָס זי האָט געלייענט ביי ד'אַנונציאָ און ביי פּרעוואָ. דאָס איז זי דאָס, די ריינע, אמת'ע ליעבע. אַזוי איינעם, ווי ע ר איז, האָט זי נאָך קיינמאָל נישט גע־זעהן. באַלד ווי זי האָט איהם צום ערשטען מאָל נאָר דערבליקט, פאָריגען ווינטער ביי דעם בלומען־קאָרסאָ, האָט זי שוין געוואוסט, אַז איהר גורל איז געוואָרפען געוואָרען. עפּעס וואונדערליך האָט ער געדעדט צו איהר, ווערטער ווי מען הערט עס גאָרנישט. אויף איהרע אויגען האָט ער געזאָגט, אַז זיי זענען ווי פייאַלכען און אויף די פינגער, אַז זיי זענען ווי ליליעס. נאָך אַזאַ מענש, מיט אַזעלכע ריינע, טרייע אויגען, איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. זי איז זי־כער אין איהם און אין זיינע ריינע, טרייע אויגען, אַז זי איז זיין „ערשטע ליעבע”. איבעריגענס האָט ער דאָס איהר אויך מינדליך גע־זאָגט. און ווי ווייסט ער אין יעדער מינוט אויפמערקזאַם צו זיין צו איהר! עס האָט זיך קיין איינציגעס מאָל נישט געטראָפען, אַז ער זאָל קומען צו זיי און זאָל נישט עפּעס אַ קליינינגקייט, אַנ'אַנדענ־קען, מיטברענגען. אַמאָל יאַספּיס־שטיינער פאַר דרייטויזענד פיופ־הונדערט רובל. אַמאָל צוועלף מעטער שפּיצען, עכטע וואַלענסיען, פאַר ניין טויזענד רובל. דאָס סאַטען־דע־מערוועליע־קלייד מיט די דאָזיגע שפּיצען איז גאָרנישט מיאוס. אויך דאָס גרינע מיט דער ציטרין־געלער אַפּליקאַציע פּאַסט איהר זעהר צום פּנים...

פלוצלינג בעריהרען איהר אויער כוואַליעס פון שווערע, טיעפע טענער און נאָך זיי אַ פלוצלינגע פויזע — און זי כאַפּט זיך אויף.

די באַקען גליהען, די אויגען גליהען, דער אָטעם געהט שווער און קייכענדיג.

אַרום און אַרום ברענען און לייכטען די אונצעהליגע ליכט. די געסט שטופען זיך נעהנטער אַלץ מעהר און מעהר: אויך ז י י־ע ר ע אויגען לייכטען צו דעם יונגען גליק, וואָס קריגט דאָ זיין הייליג־צייכען. אָך, ווי לאַנג עס דויערט די צערעמאָניע! און פאָרט וואָלט זיין רעכט, ווען די זעלבע וואָלט דויערען הונדערטמאָל אַזוי לאַנג. אויך די צערעמאָניע איז זיס און ליעבליך און אָנגענעהם...

און ער, סטאַניסלאַוו, שטעהט, און זיין הויכע געשטאַלט איז יעצט אויסגעגליכען און אויפגעריכט אינגאַנצען: — אומעטום איז

ער גרייט מיט איהר צו פאָהרען, נאָר נישט קיין מיילאַנד. אין מיילאַנד, אין דעם סקאַלאַ-טעאַטער, טאַנצט יעצט די סקאַלאַטי, און עס איז דאָך אונמעגליך זיך יעצט מיט איהר דאָרט צו בעגעגענען. דאָס דאָזיגע בעגעגענען זיך קען אַ רעכט ביסעל זיין אונאַנגענעהם...

אָך, די צערעמאָניע — ווי לאַנג זי דויערט! ווען עס וואָלט נאָר שוין זיין אַ סוף...

און פלוצלינג הערט זיך די שטימע פון דעם פּרעדיגער.

„— — — הִנֵּה אַתֶּם יוֹצְאִים בְּחֹדֶשׁ הָאָבִיב — אַט געהט איהר אַרויס אין דעם מאָנאַט פון'ם פריהלינג. איהר געהט אַרויס. א י נ ' ם פריהלינג, איהר געהט צום פריהלינג און דער פריהלינג קומט אייך אַקעגען. אין א י י ך איז פריהלינג און פריהלינג איז אַ ר ו ם און אַ ר ו ם. אייער גאַנץ לעבען איז אַ גרויסער פריהלינג... ושקר החן — זאָגט דער פסוק — והבל היופי — דער חן איז אַ ליגען און די שעהנקייט איז נאַרישקייט — אָבער ווען אויך עס איז פאַרהאַן חן און שעהנקייט אין אַזאַ גרויסער מאָס, ווי מיר זעהען דאָס יעצט פאַר אונז, אויך דאַן איז דאָס נאָר אַ ליגען און אַ נאַרישקייט, ווען מען פערגלייכט עס מיט דעם אמת'ען גליק, מיט דער ליעבע... ולא יועיל הון, האָט דער פסוק געזאָגט, עס העלפט נישט פערמעגען — אָבער ווען אויך עס איז פאַרהאַן פערמעגען אין אַזאַ גרויסער מאָס ווי מיר זעהען דאָס יעצט פאַר אונז, וואָס העלפט עס און וואָס איז זיין ווערט, ווען מען פערגלייכט עס מיט דעם אמת'דיגען גליק, מיט דער ליעבע. די ליעבע איז העכער פון אַלצדינג: די ריינע ליעבע, די וואהרע ליעבע. און וואָס איז די ריינע ליעבע, ווען נישט די, וועלכע איז געגרינדעט אויף דעם פאַמיליען-לעבען? און וואָס איז פאַמיליען-לעבען ווען נישט דאָס, מיט וועלכען דאָס פאָלק ישראל האָט זיך פון תמיד אָן אויסגעצייכענט און פאַר וועלכעס אַלע פעלקער פון דער וועלט האָבען איהם מקנא געווען?" — — —

דער אָרגעל שאַלט, דער קאַנטאָר זינגט, דער כאָר ענטפערט און די טענער טראָגען זיך ווי כוואַליעס איבער דעם גאַנצען הויז.

נאָך אַ מינוט.

און ... „הֲרֵי אַתְּ מְקוּדֶשֶׁת, דו זאָלסט מיר זיין מקודש, בְּטַבַּעַת

זו, מיט דעם דאָזיגען רינג, כְּדַת משֶׁה וְיִשְׂרָאֵל, לויט דעם געזעץ פון משה און ישראל!"

און דער אָרגעל שאַלט „מקודֶשֶׁת", און דער כאָר ענטפערט „מקודֶשֶׁת".

הייליג! הייליג! — אַלץ איז הייליג...

ער און זי זענען אַ פּאָר-פאָלק, מאַן און ווייב, א זיווג!

אַ געטשוויטשעריי פון קושען הערט זיך פון אַלע זייטען. אַלץ שטופּט זיך צום חתן און צו דער כלה, אַלץ גראַטולירט.

אַ גליקליך פּאָר!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אויף דער גאַס גיסט זיך יעצט דער רעגען אין שטראָמען. אַ נאַסער ראָב פליהט פון איין דאַך אויפ'ן צווייטען און קרעכצט: הייליג, הייליג.

אַך, ווי הייליג!

אין עק ביעלאַנסקאַ-גאַס געהט פאַרביי אַ גאַסען-מיידעל מיט אַרומבלאָנדזשענדיגע אויגען און זוכט... די וועלט איז זעהר קאַליע געוואָרען. אויך בייטאָג איז קיין שום מאָראַל נישט מעהר פאַרהאַנען.

# אויך אויף זומער-וואוינונג

פאַר עטליכע יאָהר האָב איך אַמאָל אין פּעטערבורג קענען געלערנט איינעם, אַנ׳אָרימען מענשען, וועלכען די דאָקטוירים האָבען געהייסען דורכאויס פאָהרען אויף אַ זומער-וואוינונג. דאָס איז געווען, זאָג איך אייך, אַ מערקווירדיגע זומער-וואוינונג.

געהייסען האָט ער, דאַכט זיך, ר׳ זלמן, ר׳ זלמן מלמד — אַ לאַנגער, דאַרער, זעהר בלאַסער מענש, מיט אַ שמאָלען האַלז, פון וועלכען ס׳האָט אַרויסגעשטאַרצט אַ גרויסער קאָפּ. געווען איז ער אַ שטיקעל בטלן, פון די, וואָס בעטען ענטשולדיגונג ביי די שטיינער, אויף וועלכע זיי טרעטען, און האָט מען געקוקט אויף איהם, איז ער רויט געוואָרען און האָט אויסגעוויזען, ווי ער פערגראָבט זיך אין זיין לאַנגע קאַפּאָטע און בעהאַלט זיך, ווי ווייט מעגליך, אין די געקרייזעלטע פּאָה׳לעך אַריין... געווען איז ער מלמד אינ׳ם הויז פון איינעם פון די גבירישע חסידים אין פּעטערבורג. פון דער „טשערטאַ” האָבען זיי איהם אַראָבגעבראַכט און האָבען איהם אויסגעאַרבייט עפּעס אַ „פּראַוואָזשיטעלסטווא” — דאַכט זיך אַ דאָקומענט, אַז ער מאַכט טינט און זייף און פּולווער געגען וואַנצען. חוץ זיין בעשטענדיגער מלאָכה, דעם מלמדות, האָט ער געהאַט נאָך עטליכע נעבען-געשעפטען: געווען בעל-תפילה און בעל-קריאה און תוקע אינ׳ם ניקאָלאַיעווסקען מנין.

נאָך פאַר זעקס יאָהר, באַלד נאָך דער חתונה, בשעת ער איז נאָך געווען אינדערהיים, אין זאַבלודאָוואָ, האָט ער אָנגעהויבען הוסטען. מילאָ הוסטען איז הוסטען. פון אַ הוסט, דאַכט זיך, איז נאָך קיינער נישט געשטאָרבען. אויך די מאַמע עליה-השלום האָט געהוסט איהר גאַנץ לעבען לאַנג, און אויך דער טאַטע עליו-השלום פלעגט הוסטען; דאָס איז שוין אַזאַ משפחה-זאַך. האָט ער גענומען קאַנדעל-צוקער נאָגען און לאַקרעץ טרינקען — און האָט ווייטער געהוסט. מיט בלוט-שפּייען האָט ער

אָבער אייגענטליך אָנגעהויבען ערשט דאָ נישט לאַנג—עס איז אין דעם נאָך קיין צוויי יאָהר נישטאָ. עטליכע בעקאַנטע האָבען איהם געראָטען סענעס-טיי צו טרינקען; סענעס-טיי איז אַ רפואה בדוקה. ווי ס׳איז געקומען חודש אלול, אָט דאָ, אינ׳ם לעצטען יאָהר, האָט איהם אָנגעהויבען וועה טהון אין דער ברוסט, און ער האָט שוין קיין שופר נישט געבלאָזען; ער האָט זיך בעגנוגענט דערמיט, וואָס ער האָט געבלאָזען די צוויי טעג ראש-השנה. עטליכע בעקאַנטע האָבען איהם געראָטען ווייכע אייער צו עסען; ווייכע אייער זענען אַ רפואה בדוקה צו אַלע קרענק און נוצען אויך צום קול נגינה. אַגב האָבען זיי איהם אַנ׳עצה געגעבען, אַריינצו-געהן צו עפּעס אַ דאָקטאָר, למשל, צו יענעם בעקאַנטען יודישען דאָק-טאָר, וועלכער איז אַזוי זעהר בעוואוסט מיט זיין פריינדליכקייט און וועלכער רעדט מיט זיינע פּאַציענטען אַפילו יודיש. ר׳ זלמן האָט גע-הוסט און האָט מבטיח געווען צו געהן און איז — נישט געגאַנגען. זעקס חדשים האָט ער זיך געקליבען צום דאָקטאָר, און צום סוף איז ער נישט געגאַנגען. ער געדענקט, אַז דער טאַטע עליו-השלום, גם-כן אַ מלמד, ווען ער איז קראַנק געווען, האָט ער נישט געפּלעגט געהן צו קיין שום דאָקטאָר, ווייל דאָס רוסיש רעדען איז געווען אַ שטיקעל עיכוב. דאָס איז שוין אַזאַ משפחה-זאַך, הן מכּוח דעם הוסטען און הן מכּוח דעם רעדען רוסיש. ווען דער ווינטער וועט אם ירצה-השם קומען—האָט ר׳ זלמן ביי זיך געטראַכט — וועט איהם מן-הסתם שוין בעסער ווערען פון זיך אַליין. אָבער דער ווינטער איז געקומען, און איהם איז נ י ש ט בעסער געוואָרען. מעשה שטן, איז גראָד אין ווינטער דער שמערץ גרעסער און שטאַרקער געוואָרען הן אין דער ברוסט און הן אין דער פּלייצע. ער האָט אָנגעהויבען שטאַרקער הוסטען און פיעל צו שפּייען און ביינאַכט צו שוויצען. קלאָר, אַז דאָס איז אַ פערקיהלע-ניש! — האָבען איהם די בעקאַנטע געזאָגט, מיט וועלכע ער האָט צו-זאַמען געדאַוונט אינ׳ם ניקאָלאַיעווסקען מנין. זיי זענען צוגעשטאַנען צו איהם, בכל אופן שיהיה, ער זאָל געהן צום דאָקטאָר, און האָבען איהם אָוועקגעפיהרט אויף איזמאַילאָווסקי פּראָספּעקט.

און ווי ער איז געשטאַנען אויבען אינ׳ם וואַרטע-צימער, האָט איהם דאָס האַרץ שטאַרק געקלאַפּט. פיעל פּאַציענטען זענען געזעסען בּרייטליך אויף די רויט-פּלושענע שטוהלען; פיעל האָבען געבלעטערט

אין די אַלבומען און אין די געבונדענע זשורנאַלען און אין די פּראָספּעקטען פון די פערשידענע קור-ערטער און אין די וויץ-בלעטער; פיעל האָבען זיך בעקוקט אין די גרויסע וואַנד-שפּיגלען, און די דאַמען, וועלכע האָבען געקוקט, האָבען אַ פּנים אַ גרויסע הנאָה געהאַט פון זייער קראַנק בלאַס אויסזעהן און פון זייערע נייע זומער-היטען — ער אָבער, אַזוי ווי ער איז אַריין, איז ער געשטאַנען נעבען דער טיר, דאָס היטעל האַלטענדיג אין איין האנד און מיט דער אַנדערער זיך צוהאַלטענדיג פון מינוט צו מינוט דאָס מויל, אום צו פערשטיקען דעם הוסט. דער הוסט איז אָבער געווען שטאַרקער פאַר איהם. ר׳ זלמן האָט איבער׳ן גאַנצען קערפּער געציטערט און איז זעהר רויט געווען. אַזוי איז פאַרביי אַ פערטעל שעה, אַ האַלבע, אַ גאַנצע. די פּאַציענטען האָבען זיך איינציגווייז אָבגעפאַרטיגט, און אויך די, וועלכע זענען געקומען נאָך איהם. ער איז געבליבען דער לעצטער. עס איז שוין פינסטערליך געוואָרען, און אינ׳ם צימער האָט זיך כמעט גאָרנישט מעהר געזעהן. דער לאָקיי איז אַריין און האָט דאָ און דאָרט עפּעס צורעכט געמאַכט, און האָט איהם גאָרנישט בעמערקט. אויך דער דאָקטאָר איז אַריין און האָט איהם נישט בעמערקט. און ער שטעהט נאָך אַלץ און ציטערט און שווימט אַרום אין אַנגסט-שווייס. פּלוצלינג האָט ער דערלאַנגט אַ שטאַרקען הוסט. דער דאָקטאָר האָט זיך אומגעקוקט און האָט איהם דערזעהן.

דער דאָקטאָר האָט איהם אונטערזוכט, האָט איהם געטאַפּט, האָט איהם אויסגעהאָרכט און דאַן איז ער אָבגעטרעטען פון איהם און האָט אָנגעהויבען זיך די הענד וואַשען, און וועהרענד ער האָט זיך זיי רוהיג אָבגעווישט מיט אַ האַנדטוך, יעדען פינגער בעזונדער, האָט ער געזאָגט:

— דער לינקער לונגען-פליגעל איז ביי אייך אָנגעגריפען. פרישע לופט איז די הויפּטזאַך. איהר מוזט זעהן טרינקען פיעל מילך. יעדען טאָג אינדערפריה מוזט איהר זיך מאַכען קאַלטע איינרייבונגען איבער׳ן גאַנצען קערפּער. אייזעל-מילך וואָלט נישט געקענט שאָדען. אויך וואָלט זיין רעכט, צו מאַכען אינהאַלאַציעס פון קיעפער-לופט. איבריגענס וויל איך ביי אייך מאַכען אַ פּראָבע מיט קרעאָזאָט. קרעאָזאָט (דער דאָקטאָר האָט זיך גוט געווישט די שפּיצען פון די פינגער) איז, נאָך אַלע זאַכען וואָס זיי שרייבען געגען איהם, פאָרט אַנ׳אויסגעצייכענט מיטעל. אָבער די הויפּטזאַך, די הויפּטזאַך, ווי איך האָב געזאָגט, איז דאָס קלימאַ, די לופט.

ר׳ זלמן האָט נישט פערשטאַנען קיין איינציג וואָרט. בלויז די איינצעלנע ווערטער „מילך”, „לופט” זענען איהם געבליבען קלעבען אין אויער און זענען איהם געווען עטוואָס פערשטענדליך. אויך דאָס וואָרט „קאַלטע” האָט ער געהערט, נאָר דאָס זעלבע איז שוין געוואָרען שטאַרק פערטושט דורך דעם צווייטען אונקלאָרען וואָרט „איינרייבונגען”. ער האָט מיט איין האַנד געזוכט עפּעס אַ מטבע אין דער הויזען-קעשע-נע און מיט דער צווייטער האָט ער אָנגעהויבען ווי אין חלום זיין אויפ-געמאַכט העמד ווידער צוריק צו פערשפּילעווען. עס איז קלאָר, אַז דער דאָקטאָר האָט גערעדט פון הויכע ענינים. עס איז קלאָר, אַז עס איז אַ וויכטיגער ענין.

— מיין פריינד! — האָט זיך דער דאָקטאָר ווייטער געלאָזט הערען מיט אַ בעזונדערער פריינדליכקייט — איהר מוזט פאָהרען קיין איטאַל-יען. מען פאָהרט אין אַזעלכע זאַכען אויך קיין מעראַן און אויך קיין קאַירא.

די לעצטע צוויי נעמען זענען איהם כּלל וכלל נישט געגאַנגען אין מוח אַריין, און נאָר דער קלאַנג פון׳ם ערשטען נאָמען איז איהם געבליבען אין די אויערען.

— איטאַליען? — האָט ער איבערגעפרעגט, און איהם איז פאָרגעקומען, אַז ער מוז שוין האָבען אַמאָל אין זיין לעבען דאָס דאָזיגע וואָרט געהערט, נאָר ער געדענקט נישט וואו און ווען; אפשר האָט ער עס געלייענט גאָר אין אַ ספר אָדער אינ׳ם „המליץ”.

דער דאָקטאָר מוז האָבען פלוצלינג איינגעזעהן, אַז דאָ איז נישט דאָס אָרט צו וויצלען זיך און האָט גיך און ערנסט געזאָגט:

— ווענינסטענס, מוזט איהר פאָהרען אויף פרישע לופט, איהר מוזט זעהן צו קומען אויף אַ זומער-וואוינונג, עפּעס אַ „דאַטשע”, דאָ נישט ווייט פון פעטערבורג. אפשר אין צאַרסק אָדער אין פּאַוולאָווסק, אין ליעסנאָי אָדער אודיעלנאָ. ליעסנאָי דאַרף זיין גוט פאַר אייך; אין ליעסנאָי וואוינען צומייסטען יודען.

— ליעסנאָי? — האָט ר׳ זלמן איבערגעפרעגט שטאַרק פער-חלומ׳ט און פערטראַכט.

דער דאָקטאָר האָט געקוקט אויף זיין זייגערל.

*

די זומער-וואוינונגען אַרום פעטערבורג זענען שוין בעזעצט. עס קאָכט און עס לעבט זיך אומעטום. מען געהט אין די וועלדער און אין די פּאַרקען, מען עסט און מען טרינקט פּאַר צווייען און מען לאָזט זיך וואויל געהן. די ווייבער און קינדער בלייבען כמעט שטענדיג אויף דער זומער-וואוינונג, און נאָר די מענער פאָהרען געוועהנליך יעדען טאָג אינדערפריה קיין פעטערבורג און בלייבען דאָרט, צוליעב די געשעפטען, דעם גאַנצען טאָג, און קומען יעדען פאַרנאַכט צוריק אַרויס אויף די זומער-וואוינונג. די עטליכע, וואָס בלייבען אויף דער זומער-וואוינונג שטענדיג, אָדער די דאָזיגע, וועלכע זענען בייצייטענס צוריקגעקומען, זיצען געוועהנליך זאַלבע-דריט אָדער זאַלבעפערט אין אַ גאָרטען ביי אַ קליין טישעל און שוויצען און האָרעווען שטאַרק אין שפּיעלען פּרעפעראַנס אָדער ווינט. וואָס טהוט נישט אַלץ אַ מענש פאַר זיין געזונד!

אויך ר׳ זלמן, איז זיך נוהג כמעט ווי אַלע גבירים, וואָס וואוינען אויף זומער-וואוינונג. דעם גאַנצען טאָג איז ער אין דער שטאָדט, אין פעטערבורג, צוליעב זיינע געשעפטען, און יעדעס מאָל אַקעגען אָוועגד, אָדער שוין שפּעטליך ביינאַכט, כאַפּט ער זיך אַרויס אויף זיין זומער-וואוינונג ביז פאַרטאָגס. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט אַ זומער-וואוינונג, טאָ מוז זיין אַ זומער-וואוינונג.

דעם גאַנצען טאָג איז ער בעשעפטיגט אין פעטערבורג. ער האָרעוועט דאָרט עהרליך און באָדט זיך אין שווייס פון גאַנץ פריה ביז אין די זינקענדיגע נאַכט; ער קנעלט מיט די יונגלעך, דאַוועגט פאַר׳ן עמוד און לייענט אין דער תורה אַלע מאָנטאָג און דאָנער-שטאָג. אמת, זינט עס האָט זיך איהם געטראָפען דאָס אומגליק מיט דער זומער-וואוינונג און איהם איז צוגעקומען אַ נייער עסק, אַ נייער עול איז ער געוואָרען אַ רעכט ביסעל אונגעדולדיג און טהוט אַלץ כאַפּעדיג; ער איז זעהר נערוועז און אויפגערעגט דעם גאַנצען טאָג. ער האָט אַנ׳עול אויף זיך, אַ צוטשעפּעניש, וועלכעס ער איז גע-צוואונגען אָבצופּטר׳ן, און ער לעבט ווי אין פיבער. ער ווייס, אַז

ס׳וועט איהם גאָרנישט נוצען און ער מוז יעדען טאָג אַרויס אויף דער זומער-וואוינונג, אַזוי ווי ער מוז יעדען טאָג נעהמען כַּך וְכַּך לעפּעלעך מעדיצין. ער האָט נאָר די איינע האָפנונג, אַז באַלד וועט ווערען ווינטער, דאַן וועט ער וועניגסטענס בעפרייט ווערען פון אָט דער דאָזיגער לאַסט — פון דער זומער-וואוינונג. אַקעגען אָוועגד, אַזוי אַרום זיעבען אַ זייגער, כאַפּט ער אויף דער גיך עפּעס טועם זיין — אייגענטליך איז דאָס זיין פריהשטיק און מיטאָג — עסט שטעהענדיגערהייט און כאַפּט זיך אויף און לויפט. — זיין זומער-וואוינונג איז אין ליעסנאָי.

פון פּעטערבורג קיין ליעסנאָי קען מען קומען אויף פערשידענע אופנים: מיט אַ בעל-עגלה, מיט דעם טראַמוואַי און צופוס. ר׳ זלמן האָט זיך אויסגעקליבען איינעם פון די דריי אופנים — ער איז געגאַנגען צופוס. אַז מען לויפט גיך, קען אַ גוטער לויפער גאַנץ גוט אַהינקומען שוין אין צוויי-דריי שעה. און ר׳ זלמן האָט געפלעגט לויפען, ר׳ זלמן האָט געפלעגט לויפען גיך און ר׳ זלמן איז געווען אַ גוטער לויפער; ער איז אַהינגעקומען יעדעס מאָל שוין אין צוויי-דריי שעה. אמת, ער איז יעדעס מאָל אַהינגעקומען געבאָדען אין שווייס, מעהר טויט ווי לעבעדיג און כמעט אינגאַנצען אָהן אָטעם — אָבער וואָס טהוט נישט אַ מענש אַלץ צוליעב זיין געזונד? דער דאָקטאָר האָט געהייסען אַ זומער-וואוינונג, טאָ מוז מען.

אָבער נישט אַלע טעג זענען געווען גלייך. טיילמאָל איז געגאַנגען אַ שלאַגס-רעגען און ר׳ זלמן, ווייל ער האָט געוואוסט אַז ער „מוז", האָט געפלעגט אויפשטעלען דעם קאָלנער פון זיין קאַפּאָטע און אַריבערצוכאַפּען די פּאָלעס איבער׳ן קאָפּ און האָט געפלעגט לויפען אין איין אָטעם איבער שטיינער און ביינער גלייך צו זיין זומער-וואוינונג. בעזונדערס האָט ער זיך געמוזט איילען, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז מען וואַרט דאָרט אויף איהם; ניין פאַרשוין האָבען געפלעגט וואַרטען אויף איהם, דעם צעהנטען, צו מנין, ווייל דאָרט איז געווען איינער, וועלכער האָט געדאַרפט זאָגען „קדיש יתום". קוים נאָר ווי ער האָט בעוויזען אויפצומאַכען אַ טיר, האָט מען שוין אַ געשריי געגעבען: „והוא רחום וכו׳ ברכו!"

דען אייגענטליך איז זיין זומער-וואוינונג נישט געווען זיין זומער-וואוינונג, נאָר עס איז געווען עפּעס אַ קלויז אָדער אַ בית-המדרש, וואו עס איז געשטאַנען, אַחוץ אַן׳אָרון-קודש מיט אַ שולחן און אַן׳עמוד, אויך אַ הילצערנע באַנק, און יודען רחמנים בני רחמ-נים, ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט, אַז דער דאָזיגער מלמד האָט עפּעס אַ „מיחוש", האָבען זיי איהם ערלויבט, ער זאָל אַרויסקומען דאָרט יעדען טאָג נעכטיגען. פערשטעהט זיך, אַז די דאָזיגע זומער-וואוינונג איז עפּעס נישט געשטאַנען אויבענאָן צווישען די גערטנער און די פּאַרקען, און די פרישע לופט אַרום איהר איז עפּעס נישט געווען אַזוי מחיה׳דיג.

נאָך מעריב האָט געפלעגט ווערען זעהר שטיל. ר׳ זלמן האָט געפלעגט איבערבלייבען אויף זיין זומער-וואוינונג איינער אַליין, האָט געפלעגט אַרויסכאַפּען פון דער הינטער-קעשענע אַן׳אויסגעזאַ-טען איי און האָט עס געקייעט הוסטענדיג און האָט געפלעגט זיך צושפּאַרען אויף דער הילצערנער באַנק.

אָבער שלאָפען האָט ער נישט אַלעמאָל געקענט. און נישט בלויז ווייל די באַנק איז געווען האַרט, און ער האָט די גאַנצע נאַכט געהוסט און געשפּיגען, נאָר גאַנץ בעזונדערס ווייל ער איז געווען אונגעדולדיג און האָט געהאַלטען אין איין איילען זיך; ער איז געלעגען און האָט געפיבערט, און אַלע ווײַלע האָט ער געקוקט אויפ׳ן זייגער, אויב ס׳איז שוין צייט אויפצושטעהן. די גאַנצע נאַכט האָט ער געקלערט נאָר פון איין זאַך: אַז ער מוז בייצייטענס אויפ-שטעהן, אום צו קומען וואָס גיכער אין שטאָדט אַריין, דען די קינדער וועלען וואַרטען. ער האָט קוים בעוויזען אָבצודאַווענען, האָט ער זיך שוין געכאַפּט צו דער מלאכה און איז געלאָפען.

ער איז געלאָפען אין איין אָטעם, ער האָט זיך געבאָדען אין שווייס, און אָנקומענדיג אין חדר, האָט ער געפלעגט אַנידער-פאַלען אויף דעם ערשטען בעסטען שטוהל מעהר טויט ווי לעבעדיג. טײלמאָל איז געגאַנגען אַ שלאַגס-רעגען, דאָ האָט ער געפלעגט אויפשטעלען דעם קאָלנער פון דער קאַפּאָטע און אַריבערכאַ-פּען די פּאָלעס איבער׳ן קאָפּ און אַזוי האָט ער געפלעגט לויפען אין איין אָטעם ביז קיין פעטערבורג און אַריין גיך אין חדר.

אָבער אַקעגען אָווענד, אַזוי אַרום זיעבען אַזייגער, האָט זיך אָנגעהויבען ווידער דאָס לויפעניש צוריק. ער איז געלאָפען אַרויס צו דער זומער-וואוינונג.

און צומאָרגענס ווידער צוריק. אַהין און אַהער, אַהין און אַהער.

אַזוי האָט ער עס געמאַכט עטליכע וואָכען. וואָס טהוט נישט אַ מענש אַלץ צוליעב זיין געזונד?

צום סוף אָבער האָט איהם קיין מענש שוין נישט מעהר געזעהן, נישט אַהין און נישט אַהער. עס האָט איהם קיינער נישט מעהר געזעהן. דער לעצטער, וועלכער האָט איהם געזעהן, איז געווען דער אויפזעהער אין דעם אַלעקסאַנדער-האָספּיטאַל.

אויך דאָס איז געווען אַ מענש מיט אַ זומער-וואוינונג! אויך דאָס איז געווען אַ זומער-וואוינונג!

# דאָס לעצטע מאָל

דרויסען וואָיעט דער ווינד און פייפט, און דער רעגען פּאַטשט אין די שויבען און אויף די דאַך-שינדלען — אינעווייניג אָבער, אין דער שטוב, איז ליכטיג אין יעדען ווינקעלע, און ליכטיג איז אין דער נשמה.

אין דעם זילבערנעם חנוכה-לעמפּעל ברענט שוין דאָס אַכטע ליכטעל און ביי איהם דערנעבען שטעהט איינגעבויקט און האַלב-פערשמאָלצען דער וואַקסענער „שמש", און קנאַקעדיג און שפּריצעדיג פלאַקערט זיין פייערל.

אינ'ם לעדערנעם פאָטער-שטוהל זיצט די באָבע, יום-טוב'דיג אויסגעפּוצט, און די גרויסע אויגען לייכטען. די געלע אַטלאַסענע בענדער פון דער טיעפער הויב פלאַטערען אַראָב פונ'ם קאָפּ, די בריליאַנטענע גרויסע אויער-רינגען בליצען אַראָב פון די אויערען, און זי זיצט אַלץ פערחלומ'ט, און מיר אַלע זיצען אַרום איהר, און איך — אויפ'ן בענקעלע צו איהרע פיס, דעם קאָפּ אויף איהר שויס, און די אַלטיטשקע זיצט נאָך אַלץ און חלומ'ט און האַלט די דינע ליפּען פעסט פערשלאָסען און נאָר די גרויסע הערליכע אויגען לייכטען. עפּעס ליגט אַ סוד פון גאָט אין די דאָזיגע גרויסע, קלוגע און אייביג לויכטענדע אויגען! — דער שטערען איז פול מיט קנייטשען, דער רוקען איז איינגעבויגען, די הענד ציטערען, די שטימע ציטערט ווען זי רעדט — און נאָר די גרויסע אויגען ברענען און לויכטען!

וואָס האָבען שוין די דאָזיגע אויגען נישט אַלץ געזעהען? וואָס איז פאַר זיי שוין נישט פאַרבייגעגאַנגען זינט זיי שטעקען אינ'ם קאָפּ פון דער דאָזיגער פרוי?

שטיל! יעצט הויבט זי אויף איהר מיעדען און שווערען קאָפּ פון איהרע שטומע אונענדליכע חלומות.

— קינדערלעך! כ׳בין דאָך אַלט, אַ יאָ, כ׳בין אַלט?... מעהר ווי דער זאַמד ביים ים זענען מיינע טעג און נעכט, אַ יאָ, מעהר פונ׳ם זאַמד?... אָבער זעהט איהר: דאָס, וואָס איך וויל אייך היינט דערצעהלען, איז גאָר נאָך עלטער פאַר מיר, אַ קנאַפּע צוויי־טויזענד יאָהר עלטער! יאָ, יאָ, קינדער, אַ צוויי־טויזענד יאָהר, זאָג איך. — און יעצט מוז איכ׳ס אייך דערצעהלען; עס מוז מיר אַראָב פון האַרצען, איך בין געזעסען און האָב געטראַכט און געטראַכט, לאַנג האָב איך געטראַכט, און מיין האַרץ איז אַזוי פול דערמיט...

און אין דרויסען וואָיעט נאָך אַלץ דער ווינד און פייפט, אָבער די שטים פון דער אַלטער שטייגט היינט אַריבער דעם ווינד און איהרע ווערטער קלינגען קלאָר — און איך זיץ און האָרך.

שטיל! — די אַלטע רעדט יעצט, און דעם קאָפּ האַלט זי הויך אַרויף:

— קינדערלעך! איהר מיינט דאָך אַודאי איך וועל אייך דאָ ווי־דער דערצעהלען עפּעס אַ מעשה פון חנוכה? איהר האָט אַ טעות! חנוכה און וואָס דער רשע אַנטיוכוס האָט געטהון, קענט איהר שוין אַלע! — אַנ׳אַנדערע, אַ נייע מעשה וויל איך אייך דערצעהלען, אַ זאַך וועלכע איז דעסגלייכען געשעהן אין ירושלים, און דעסגלייכען אין די צייטען פונ׳ם רשע אַנטיוכוס, נאָר זי איז עלטער מיט אַ פינף־זעקס יאָהר פון דער מעשה מיט חנוכה! — עס איז אַ מעשה מיט אַ יודיש יונגעל, וואָס איז געגאַנגען אין „חדר״ אַריין און האָט אין „חדר״ זיך צעוויינט — און נישט וויל עמיצער האָט איהם געשלאָגען, נאָר וויל דאָס הערצעל האָט איהם וועה געטהון און וויל עס האָט איהם וועה געטהון ביי דער נשמה... עס איז אַ טרויעריגע מעשה.

און פּלוצלינג שווייגט די אַלטע און איהרע דינע ליפּען שליסען זיך און אויך די ליכטיגע אויגען פערמאַכען זיך אויף אַ מינוט—און איך זיץ צו איהרע פיס, דעם קאָפּ אויף איהר שויס, און איך האָרך און האָרך...

*

— — — די גאַסען פון ירושלים.

די הייזער אויף דער גאַס באָדען זיך אין אַ ים ליכט און דער הימעל איז בלוי, אונענדליך בלוי. ווייסע, קליינע וואָלקענדלעך שלעפּען

זיך מיעד און פויל אויפ'ן הימעל און דורך דעם בלויען. די לופט איז ריין און וואַרים. די בוימער טראָגען גרויסע גרינע בלעטער, און די דאָזיגע בלעטער בעוועגען זיך נישט אין דער ווינד־שטילער לופט...

עס איז אַ הייסער זומער, דער זומער פונ'ם יאָהר דרייטויזענד פינפהונדערט און ניינציג זינט די וועלט איז בעשאַפען!

און אויף דער גאַס שפּיעלען זיך די קינדער און לאַכען און שטיפען און פרעהען זיך: „דער זומער, דער זומער איז דאָ!" — אונטער די פיסעלעך פינקעלט דאָס געלע זאַמד, איבער די קעפּעלעך ברענט דאָס גאָלד פון דער זון, און זייערע יונגע הערצעלעך עפענען זיך ווייט און קלאַפּען און שטורמען און ווילען שיער נישט צעבראָכען ווערען פאַר גרויס תענוג...

און פּלוצלינג הערען זיי ווי אַ שטימע רעדט צו זיי: „לערנען, לערנען, קינדער! עס איז צייט אין חדר אַריין!"

די קינדער קוקען זיך אום: אַנ'אַלטער הויכגעוואַקסענער מאַן שטעהט פאַר זיי מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד און מיט אַנ'ערנסטער שטרענגער מינע. ווער פון זיי קען נישט דעם דאָזיגען אַלטיטשקען? ווער ווייסט נישט, ווער עס איז יוסי בן יועזר פון צרדה?

און וואָס לענגער ער שטעהט און בעטראַכט די קינדער, ווערט אַלץ זיין פּנים מילדער און די אויגען ווערען עפּעס אַזוי ווי פייכטליך. „עס זענען אונז נאָר נאָך די קינדער געבליבען — רעדט ער שטיל צו זיך אַליין — עס איז אונז געבליבען נאָר נאָך די דאָזיגע איינציגע שטיצע, אויף וועלכער עס לעהנט זיך אָן אַ גאַנץ פאָלק... מיר האָבען נאָר נאָך די קינדער..."

און ווי אין חלומות פערזונקען בלייבט ער שטעהן און טראַכט און טראַכט...

וואָס איז פון זיין פאָלק געוואָרען אין די לעצטע יאָהרען? אמת, זיין פאָלק וואוינט נאָך אין זיין לאַנד, אין ארץ־ישראל, אָבער דאָס דאָזיגע לאַנד איז נישט מעהר ז י י ן לאַנד; עס געהערט יעצט כמעט אינגאַנצען שוין דעם גריכישען שטאַטהאַלטער אַנטיוכוס עפּיפאַנעס, וועלכער האַלט יעצט מלחמה אין מצרים און האָט דאָ אַוועקגעזעצט זיין שטעלפערטרעטער דעם רשע אַנדרוניקוס, און דער דאָזיגער שטעלפערטרעטער רעגיערט דאָ מיט אַ טיראַנישער מאַכט און וואָרצעלט אויס מיט

זיין גאַנצער קראַפט דעם רעשט פונ׳ם יודישען גייסט און וויל פון ארץ־ישראל איינציגווייז מאַכען אַ גריכענלאַנד. אָט גיסט ער אויס איבער׳ן גאַנצען לאַנד דעם גריכישען גייסט און פלאַנצט אומעטום איין גריכישע זיטען און גריכישע מנהגים און וועט נישט רוהען, ביז ער וועט נישט האָבען גאַנץ ארץ־ישראל „גריכיפיצירט”. די גאַסען אין ירושלים האָבען צום גרעסטען טייל נישט מעהר יודישע נעמען, דען מען האָט זיי געגעבען גריכישע; די געלד־מינצען, וועלכע יודעאַ האָט ביז יעצט געהאַט, ווערען איינציגווייז קאַסירט און עס הויבען אָן צו צירקולירען נאָר גריכישע; יודישע נעמען, מיט וועלכע מען פלעגט רופען קינדער, זענען פערבאָטען, און אָפיציעל מוזען זיי גערופען ווערען מיט גריכישע נעמען; די יודישע פאָהן מיט די יודישע פאַרבען האָט מען אָבגעשאַפט און מען האָט גריכישע איינגעפיהרט, און אויך פון דער לשכת־הגזית, וואו די סנהדרין זיצען, האָט מען דעם יודישען הערב אַראָבגענומען און אַרויפגעזעצט האָט מען דעם גריכישען. דאַן אָבער איז נאָך געבליבען דער כהן גדול חוניו, אַ מענש וואָס האָט זיין גאַנץ לעבען אַוועקגעלעגט, אום ווי עס איז דעם רעשט פונ׳ם יודישען גייסט צו דערהאַלטען, דאָ איז געקומען אַנדרוניקוס און האָט איהם אומגעבראַכט און אויף זיין אָרט האָט ער געמאַכט פאַר אַ כהן־גדול מענעלויסען, אַ מענש וועלכער איז אָנגעפראָפט מיט׳ן גריכישען גייסט — און ווער ווייסט, וואָס עס וועט נאָך אַלץ ווערען אין די נעכסטע טעג?

— מיר האָבען נאָר נאָך די קליינע, געבליבען איז אונז נאָר נאָך דער נייער דור — האָט ער געשעפטשעט צו זיך אַליין, און זיין פנים איז ווידער געוואָרען ערנסט און שטרענג, און אויפ׳ן קול האָט ער ווידער געזאָגט: לערנען, לערנען, קינדער! עס איז צייט אין „חדר” אַריין!

און די יונגלעך כאַפּען זיך און לויפען איילענדיג, און מעהר פון אַלע איילט זיך דער קליינער יועזר, יוסי׳ס יונגסטער זוהן.

די זון אָבער לייכט היינט אַזוי פערפיהרעריש, אַז נישט אַזוי לייכט געהט מען אַרויס פון דער פרישער שמעקעדיגער לופט, וועלכע פליסט אונטער דעם בלויען הימעל, אום צו קומען אין אַ „חדר” אַריין! לוסטיג און מיט לייכטע געדאַנקען קומט דער קליינער יועזר איבער די קדרון־בריק און שטעלט זיך אָב אויף אַ מינוט. עפּעס איז דאָרט אַ קרעמעל פון אַ גריכע מיט פרישע נייע שפּילצייג, און דאָס קינד

גלאָצט אויס די אויגען און בלייבט שטעהן פאַר זיי ווי צוגעגאָגעלט. באַלד אָבער בעוויזט זיך אויף דער שוועל פון דער קראָם אַ גריכישער קנעכט, וועלכער זידעלט אָן דאָס קינד, און דאָס יודישע קינד לויפט אין איין אָטעם ווייטער.

און איבער דעם יהושפט-פלאַץ לויפט ער און איבער די אַנטיוכוס-בריק און איבער׳ן וועשער-פעלד, ביז ער קומט אָן אויפ׳ן אַנדרוניקוס-מאַרק. דאָ און דאָרט שטעלט ער זיך אָב, אום די קאָסטבאַרקייטען צו בעטראַכטען, מיט וועלכע די גריכען האַנדלען, זאַכען פון אַטען און פון ספאַרטאַ און פון ביצאַנץ: גאָלד-סאַנדאַלען, פערעל-שנירלעך און זייל-בערנע שטערען; באַלד זעהט ער אויך פערשידענע שפיעל-פיגורען, פערדלעך, הינטלעך און מענשלעך, געמאַכט פון האָלץ און פון שטיין און פון גיפס, און דאָס אַלץ בליצט אינ׳ם זונען-שיין, אַז מען קען די אויגען דערפון נישט אַראָבנעהמען. — פלוצלינג אָבער דערמאָהנט ער זיך, אַז ער האָט קיין צייט נישט, און ער לויפט ווידער אין איין אָטעם...

און קומענדיג אויפ׳ן פלאַץ הינטערען בית-המקדש, בלייבט ער ווי-דער שטעהן. אויפ׳ן פלאַץ אינ׳ם צפונית-מערבית-ווינקעל איז אויסגעבויט די „בירה”, וואָס די גריכען רופען זי „אַקראַ”, און דאָרט איז דאָס גימנאַזיאָן, וואו יודישע קינדער לערנען אונטער גריכישער אויפזיכט טורנען און טאַנצען און אַטלעטען-קונצשטיקלעך.

דאָס קינד איז שטעהן געבליבען און די אויגען האָבען זיך איינ-געעגבערט אין צוויי יודישע יונגלעך, וועלכע האָבען גראָד קונצשטיק-לעך געוויזען, און זיין הערצעל איז איהם שיער נישט צעזעצט געוואָרען פאַר תענוג. ווי שעהן איז דאָס לעבען אויף דער גאַס אונטערען בלויען הימעל! צוויי יודישע יונגלעך קומען אַרויס אויף די אַרענע און זיי ראַנגלען זיך איינער מיט׳ן אַנדערען, און זיי כאַפּען-אָן איינער דעם אַנדערען און זיי וואַרפען זיך איינער אויפ׳ן אַנדערען, און איינער וויל דעם אַנדערען גובר זיין, און קיינער פון זיי קען עס נישט, און נאָך עטליכע מינוטען פאַלען זיי ביידע אַנידער און דאָס פובליקום פלאַצט אַרויס מיט אַ געלעכטער איבער די דאָזיגע יודישע „גבורים”. דאַן קומט אַרויס אויף די אַרענע אַ יודיש יונגעל און אַ יודיש מיידעל, ביידע כמעט נאַקעט, און זיי טאַנצען ביידע אַזוי שעהן און אַזוי געשיקט, און

די מוזיק שפּיעלט און די פּויקען קלאַפּען און אַ שמחה ליגט אויסגעגאָסען איבער דער גאַנצער וועלט...

פלוצלינג ווערט דער קליינער יועזר טרויעריג: ער האָט זיך דערמאָהנט אָן זיין „חדר"...

אָבער זיינע פיס זענען ווי צוגעגאָגעלט און ער קען פון אָרט נישט אַוועק, און זיינע אויגען זענען איינגעזעגבערט אין דער אַרענע. אָט זענען צוויי נייע יונגלעך, אָט זענען פרישע טענץ, אָט זענען פרישע קונצשטיקלעך! און זיין קליינער יצר-הרע האַלט איהם אָנגעבונדען צו דעם אָרט און לאָזט איהם נישט אַוועק. עס איז אַ שעה אַוועק, עס זענען צוויי-דריי שעה אַוועק, און נאָך אַלץ שטעהט דאָס יונגעלע אויפ'ן פּלאַץ הינטער דעם בית-המקדש.

די זון שטעהט שוין אין דער מיטען פון'ם הימעל.

אַ גרויסע שרעק פאַלט פלוצלינג אָן דעם קליינעם יועזר: מעהר ווי אַ האַלבער טאָג איז שוין אַוועק, און ער איז נאָך נישט אין „חדר" געווען. וואָס וועט דער „רבי" איהם זאָגען? ווי וועט ער איהם מקבל זיין ביים אַריינקומען אין „חדר"?—און ער שטעלט זיך פאָר פלוצלינג דעם רבי'ן מיט דעם שטרענגען ערנסטען געזיכט און מיט דער שטרענגער ערנסטער שטימע...

און דאָס קינד הויבט אָן צו לויפען ווי אַ פייל פון בויגען.

און אינ'ם לויפען יאָגען איהם נאָך אַלע יענע ערשיינונגען, וועלכע ער האָט געזעהן אין דער „אַקראַ": נאַקעטע יונגלעך און מיידלעך, טענץ און אַטלעטען-קונצען, ברעכען זיך און וואַרפען זיך, מוזיק און רוישענדע פויקען; און פון דעם אַלעם אַרויס הערט זיך די בייזע שטימע פון זיין רבי'ן און זיינע אויגען דערבליקען דאָס פינסטערע פנים אויך ווען זיי זענען געשלאָסען... און אַזוי לויפט ער אין איין אָטעם, וויפיעל די פיס קענען איהם טראָגען, און אַזוי קומט ער אויך ביז צום געסעל, וואו דעם רבינ'ס „חדר" איז. זיין געמיט אָבער איז צו זעהר אויפגערעגט, און ער שטעלט זיך אַוועק פאַר'ן חדר און ווישט דעם שוויס פון'ם פנים און הערט זיך איין, ווי זיין הערצעל קלאַפּערט אין איהם. נאָך אַ מינוט און זיין האַנד האַלט שוין די קלאַמקע פון דער טיר, און אַ מינוט שפּעטער איז ער שוין אינ'ם „חדר" דרינען.

און אַ פינסטערער שווערער אומעט פאַלט איהם אָן און זיינע פיס ווערען איהם שווער ווי בליי.

וואָס איז דאָס? — אַ טויט־שטילקייט ליגט היינט אויסגעגאָסען אויפ׳ן „חדר״, און אַ טיעפע שוואַרצע טרויעריגקייט בליקט אַרויס פון יעדען ווינקעלע; די יונגלעך זיצען שטום און שטיל און בעוועגען זיך נישט, מען עפענט קיין מויל נישט און מען קוקט איינער דעם אַנדערען נישט אָן — דאָס „חדר״ איז עפּעס גאָרנישט דאָס, וואָס אַלעמאָל.

און דער רבי שטעהט אָנגעלעהנט אויף דער קאַטעדראַ; זיין קאָפּ רוהט אויף זיין ברייטער האַנד און די אויגען זענען פערמאַכט. שטיל הויבט ער פּלוצלינג אויף דעם קאָפּ און ער דערבליקט דעם קליינעם יועזר.

— מיין זוהן! דו ביסט היינט שפּעט געקומען, זעהר שפּעט, אָבער גוט, אַז דו ביסט געקומען...

וואָס זאָל דאָס בעדייטען? די שטימע איז אַזוי ווייך און די ווערטער זענען אַזוי מילד, און די דאָזיגע ווערטער גראָבען זיך אַזוי טיעף איין אין דעם קליינעם יונגען הערצעל. ווען האָט דער רבי צו איהם אַזוי גערעדט? פון וואַנען האָט זיך גענומען די דאָזיגע טרויעריגקייט אין דער שטימע און די דאָזיגע מילדקייט און ווייכקייט? — אין דער דאָזיגער מינוט האָט עס דעם קליינעם יועזר אמת׳דיג באַנג געטהון, פאַרוואָס ער איז אַ האַלבען טאָג פּוסט און פּאַסט אַרומגעגאַנגען און איז אַזוי שפּעט געקומען...

— מיין קינד! — האָט דער רבי ווייטער גערעדט און זיין שטימע האָט געציטערט — נעהם דיין ספר און זאָג דיין פּסוק... דען... דען וויסען מוזטו... היינט איז דאָס לעצטע מאָל... מאָרגען וועט מען נישט מעהר לערנען אויף העברעאיש.

און זיין שטימע האָט זיך שיער נישט געשטיקט פאַר טרעהרען. — די קינדער איז אַ ציטער אַריבער איבער׳ן לייב, זעהענדיג זייער רבי׳ן, דעם דאָזיגען פעסטען שטאַרקען מענשען, וויינענדיג ווי אַ קינד...

— אונזער לעצטע קויהל האָבען זיי יעצט פערלאָשען! אונזער שפּראַך האָבען זיי אונז אַוועקגענומען! — זאָגט יעצט דער רבי און קען זיך פון וויינען נישט איינהאַלטען. — וואָס זאָלען מיר יעצט מיט אונזערע שעפעלעך מאַכען? ווי אַזוי וועלען אונזערע קינדער

יעצט וויסען און ווי וועלען זיי קענען וויסען, וואָס זייער פאָלק איז געווען און וואָס זיין גייסט און זיין גרויסקייט און זיין געשיכטע איז געווען?!...

און מיט דער האַנדווישט ער זיך איבער די אויגען — און די קינדער אַרום הויבען אָן צו וויינען.

און שטילער און טרויעריגער פון אַלע וויינט יעצט דער קליי-נער יוֹעזר און זיין האַרץ צעגיסט זיך שיער וועגען די זינד, וואָס ער האָט היינט געזינדיגט... ער האָט געפיהלט, אַז ער איז אין איין מינוט געוואָרען אַנ'אַנדערער.

— דאָס איז דאָס לעצטע מאָל! מאָרגען וועלען מיר אויפהערען צו לערנען אונזער תורה! — הערט זיך יעצט דעם רבינ'ס שטימע צום דריטען מאָל, אָבער זיין שטימע קלינגט נישט מעהר ביטער, נאָר קלינגט אַזוי ווייך און פול מיטלייד, אַזוי ווי ער וואָלט זאָגען די ווערטער: מאָרגען ווערט אָבגעמעקט אַ גאַנצע וועלט, און אַ גאַנצע וועלט וועט זיין וויסט און לעדיג...

און די יונגלעך כאַפּען זיך צו די ספרים.

און ווי דער קליינער יוֹעזר האָט זיין ספר גענומען פאַר זיך, האָבען איהם זיינע קליינע הענדלעך געציטערט און זיינע אויגען האָבען זיך געבאָדען אין טרעהרען. נאָך קיינמאָל נישט האָט ער זיין שיעור מיט אַזאַ חשק געלערנט, נאָך קיינמאָל נישט האָבען זיך די ווערטער אַזוי טיעף אין זיין האַרץ איינגעגראָבען ווי היינט!

היינט ווערט אַ שפּראַך אַריינגעלעגט אין קבר! היינט ווערט אַ פאָלק אויסגעראָטען פון צווישען די פעלקער! היינט ווערט אַ לאַנד אָבגעמעקט פון צווישען די לענדער פון דער ערד!...

און דער קליינער יוֹעזר ווייסט און פערשטעהט דאָס אַלץ...

און דער רבי רעדט צו איהם היינט אַזוי ווייך און זיין שטי-מע איז אַזוי מילד און זיין בליק איז אַזוי גוט און זיין ערקלערונג איז אַזוי זיס, און ווי געטליכע סודות שטייגען-אויף פון די פיער-קאַנטיגע אותיות, אַזעלכע ווי ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געוואוסט און פערשטאַנען...

און וואָס מעהר דער רבי רעדט צו איהם אַזוי לייכט און ווייך, פליסען אַלץ די טרעהרען פונ'ם קינד מעהר און מעהר און דאָס יונגע

הערצעל צעגיסט זיך שיער נישט פאַר וועהטאָג, און ער ווייסט נישט וואָס איהם איז...

דאָ שווערט דאָס קינד ביי זיך אין האַרצען: קיינמאָל נישט מעהר צוצוטרעטען ביז צו דער „אַקראַ"...

די זון איז אונטערגעגאַנגען. אין „חדר" ווערט אַלץ פינסטע-רער, און עס הערט זיך נישט מעהר, ווי די ציטערדיגע שטימע פונ'ם רבי'ן לערנענדיג היינט די תורה צום לעצטען מאָל...

און פאַר דער טיר הערען זיך טריט פון פאַרבייגעהענדיגע מענשען, וועלכע רעדען גריכיש, און די וועלט דרויסען איז פרעה-ליך און לוסטיג...

*

דאָס ליכטעל אינ'ם חנוכה-לייכטער איז שוין לאַנג פערלאָשען. אינ'ם לעדערנעם פאָטער-שטוהל זיצט נאָך די באָבע, און האַלט די הענד אויף איהרעביידע אויגען און שווייגט. — דרויסען האָט דער ווינד אויפגעהערט צו וואָיען און פייפען, און נאָר דרינען ליגט אַ שווערער טרויעריגער נעבעל אויסגעגאָסען איבער דער גאַנצער שטוב.

# שיר השירים

## I

אויף דער ביהנע אינ'ם אַלקהאַזאַר-גאָרטען טרעט-אויף יעדען אָווענד די זינגערין איליאָנאַ דע-קאַלאָטי. וואוהין מען זאָל נישט קומען רעדט מען נאָר פון איליאָנאַ דע-קאַלאָטי. דאָס טעאַטער איז יעדען אָווענד איבערפולט — און אַלע אויגען גליהען און באַקען ברענען. די קינסטלערין האָט אַלעמענס הערצער בעצויבערט; באַלד ביים ערשטען אַרויסטריט האָט זי אַלעמען געמאַכט פאַר איהרע שקלאַפען. אַ בחור'ל פון אַ יאָהר זיעבצעהן האָט זי זינגען געהערט, און ער האָט זיך געקויפט אַ רעוואָלווער און האָט זיך דערשאָסען. אַ יונג אָפיצערעל האָט זיך געשוואוירען, אַז דאָסמאָל מיינט ער עס אויף אַנ'אמת און ער וועט דורכאויס חתונה האָבען מיט איהר. די קינסטלערין אָבער איז געוועזן ווי אַנ'אייזערנע וואַנד, וועלכע איז נישט דורכצוברעכען. יעדען אָווענד נאָכ'ן זינגען האָט זי געפלעגט אַראָבצוגעהן פון דער ביהנע אין בעגלייטונג פון איהר דיענסט-מיידעל, און קיינער האָט זיך נישט געוואַגט צו איהר צוצוגעהן.

און יעדען אָווענד האָט זי איהרע לידער געזונגען.

און דאָס פובליקום האָט יעדעס מאָל געפלעגט רעש'ן און פילדערען און שרייען: „מיר ווילען דאָס ליעד „שיר השירים"! זינגט אונז דאָס ליעד „שיר השירים"!" —

און די קינסטלערין פלעגט בעצויבערענדיג לאַכען און דעם פובליקום צוליעב טהון און זי פלעגט זינגען איהר „שיר השירים":

„פערשטומט זענען פויקען, צימבאַלען און הערנער.

בײַ שלמה׳ס געלעגער האַלטען די שמירה
מיט שווערדען בעקלײדטע מלאָכים-געשטאַלטען,
זעקסטויזענד פון לינקס, זעקסטויזענד פון רעכטס.

זײ שיצען דעם קעניג פון בײזע חלומות,
און ציהט ער פערפינסטערט צוזאַמען די ברעמען,
דאָ בליצען געשווינד באַלד די שטאָהלענע פלאַמען
פון צוועלפטויזענד שווערדען אַרויס פון דער שײד.

נאָר ווידער צוריק אין די שײדען פאַלען
די בליציגע שווערדען. די נעכטליכע שרעקען
פערשווינדען; עס גלעט זיך ווידער דער שטערען
בײם שלעפער און ס׳הערט זיך שעפטשענד זײן קול:

„שולמית! דאָס לאַנד איז אַרום דאָ מײן אײגען,
מיר זענען מדינות געננג אונטערטעניג,
בין קעניג פון יהודה און איבער ישראל —
דאָך ליעבסטו מיך נישט, פערגעה איך און שטאַרב."

די ווערטער זענען פון הײנריך הײנע און די מוזיק צו זײ האָט געמאַכט עפעס אַ דײטשער קאָמפּאָזיטאָר.

און אינ׳ם טעאַטער, אויף אַנ׳עק-פּלאַץ אין דער צווײטער רײהע, זיצט יעדען אָוונד אַ יודישער יונגערמאַן, אַ סטודענט מיט אַ שעהן, עדעל געזיכט און הארכט. די אויגען בליקען אַהין נאָר צו א י י ן פּונקט, און די דאָזיגע אויגען ווערען וואָסאַמאָל גרעסער. און וואָס מעהר ער בליקט און וואָס מעהר די אויגען ווערען איהם גרעסער, ווערט דאָס געזיכט בײ איהם אַלץ בלאַסער...

אויך די זינגערין אויף דער ביהנע האָט איהם בעמערקט צווישען דעם גאַנצען פּובליקום.

II

— האָסטו מיך באמת'דיג ליעב?

דער יונגערמאַן האָט נישט געענטפערט. ער האָט זי נאָר פעסטער צוגעדריקט צום האַרצען, און דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט, געקלאַפּט...

און דאַן, ווי דאָס דיענסט-מיידעל האָט זיי געבראַכט די שוואַרצע קאַווע מיט דעם בענעדיקטין, האָט ער מיטאַמאָל אָנגעהויבען רעדען. ער האָט דערצעהלט און דערצעהלט, און האָט גאָרנישט געקענט אויפ־הערען. אָנגעהויבען האָט עס זיך מיט דעם שיר־השירים־ליעד. דאָס ליעד, צוזאַמען מיט דער מעלאָדיע און מיט דער שטימע — די דאָזיגע וואונדערליכע שטימע, ווי ער האָט קיינמאָל נישט קיין עהנליכע גע־הערט — זענען איהם ביז צום האַרצען געדרינגען. עפּעס, וואָס ער ווייסט נישט וואָס, האָט אין איהם געגראָבעלט און געגראָבעלט. זינט דענסמאָל האָט ער אין די נעכט נישט מעהר געקענט שלאָפען. —

דאָס מיידעל האָט איהם פּלוצלינג אַ קוש געגעבען.

און דאַן נאָכאַמאָל די זעלביגע פראַגע:

— האָסטו מיך ליעב?

און דאָסמאָל האָט ער מיט'ן פולען מויל און מיט אַ פריידענגע־שריי געענטפערט: יאָ!

— אויך איך האָב דיך ליעב... האָט זי געענטפערט שטיל און ווי פערשעמט.

און פּלוצלינג: — וועסטו פאַר מיינעטוועגען אַלץ טהון, וואָס איך וועל פון דיר פערלאַנגען?

— אין פייער און אין וואַסער!

— אין פייער? דאָס זעה איך שוין! אָבער איך וואָלט וועלען, אַז דו זאָלסט פאַר מיינעטוועגען געהן אויך אין וואַסער...

ער האָט אין ערשטען אויגענבליק נישט פערשטאַנען.

פּלוצלינג אָבער איז ער בלייך געוואָרען...

III

ווי אַ שאָטען איז ער אַרומגעגאַנגען. ביינאַכט איז ער נישט געשלאָפען און בייטאָג איז ער געגאַנגען ווי אַ פערחלום׳טער.

ווי זאָל ער אַזעלכעס טהון? ווי זאָל ער אַזעלכעס טהון?

און דער הערבסט איז געקומען און דער ווינטער איז אַוועק און ער איז אַלץ נאָך אַרומגעגאַנגען ווי אַ שאָטען. ער איז נאָך אַלץ נישט געקומען צו קיין בעשלוס.

און איינמאָל האָט ער זיך ענדליך בעשלאָסען...

אָבער — וועניגסטענס נאָך איין מאָל האָט ער געוואָלט אַהיים אין זיין שטעדטעל און זעהן זיין טאַטע און זיין מאַמע און דעם אַלטען זיידע. איין חודש וויל ער בעווייגען זיין אידישקייט און דעם רעשט פון זיינע קינדער-יאָהרען...

IV

די סדר-נאַכט. אויפ׳ן טיש בליצט דאָס גאָלד און דאָס זילבער און די בעכערס און די באָקאַלען. אין דער מיט שטעהט דער כוס של אליהו. פון די גרויסע שווערע זילבערנע לייכטער פערשפרייט זיך אַ זיסע ליכטיגע רוה. ביים זיידענס טיש זיצען אויך טאַטע-מאַמע — נאָר דער יונגער סטודענט זיצט מיט אַראָבגעלאָזענע אויגען. ער האָט קיין מוט נישט צו קוקען פריי.

דער זיידע ריכט-אָב דעם סדר און זאָגט די הגדה, זינגט און דרעהדעלט די ווערטער, טיילט-אַרום די חלקים און גיסט-אָן די כוסות, און די זיהן און די טעכטער און די איידעמס און די שנורען זאָגען איהם נאָך. דער יינגערמאַן אָבער זיצט — און ער פיהלט, אַז ער איז דאָ אַ פרעמדער.

אַלע זענען פרעהליך און יום-טוב׳דיג, אַלע עסען און טרינקען און רעדען. אליהו קומט אַריין שטיל און געהט אַרויס שטיל. דער יונגערמאַן אָבער זיצט און זעהט נישט און הערט נישט. ער זיצט און חלומ׳ט. אין מזרח איז ער און זיין האַרץ איז אין מערב — און דאָס האַרץ איז אַזוי שווער, אַזוי שווער...

און פּלוצלינג שאַ! עס איז חצות און דער ײַדע זאָגט אויפ׳ן קול. ער זינגט...

איז דאָס נישט שיר השירים?

„לעהנט מיך אונטער מיט בעכערס,
האַלט מיך אונטער מיט עפּעל,
דען איך בין קראַנק פון ליעבע.
זיין לינקע אונטער מיין קאָפּ און זיין רעכטע נעהמט מיך אַרום."

און דער יונגערמאַן הערט זיך צו און זיין האַרץ טריפט און טריעפט...

און דאַן:

„אָט איז דאָס בעטעל פון שלמה׳ן,
זעכציג גבורים אַרום איהם פון די גבורי ישראל,
יעדער מיט זיין שווערד ביי דער זייט, פון נעכטליכער מורא."

וואָס זאָל דאָס בעדייטען? — איז ער וואַך? חלום׳ט ער?... אָה, די דאָזיגע שטימע! ווען האָט ער זי אַמאָל געהערט? ניין, אַזוי געהערט האָט ער זי נאָך קיינמאָל נישט, אַזוי אינערליך און פול נשמה... און פּלוצלינג מיינט ער, ער איז ווידער אַ קליין קינד...

און פּלוצלינג:

„איך שלאָף און מיין האַרץ איז וואַך.

— — — — — — — — — — — — — — —

האָב איך אויסגעטהון מיין העמד, ווי זאָל איך עס אָנטהון?
האָב איך געוואַשען מיינע פיס, ווי זאָל איך זיי בעשמוצען?

— — — — — — — — — — — — — — —

בין איך אויפגעשטאַנען, אויפמאַכען מיין געליעבטען,
און מיינע הענד האָבען פון באַלזאַם געטריעפט.

— — — — — — — — — — — — — — —

האָב איך אויפגעמאַכט מיין געליעבטען, און מיין געליעבטער
איז פאַרביי און אַוועק.
מיין נשמה האָט זיך געעקט ווי ער האָט גערעדט"...

און ער פיהלט, אַז זיין נשמה עקט זיך.

„ווער איז דיין געליעבטער צווישען געליעבטע,
די שענסטע פון פרויען?
ווער איז דיין געליעבטער צווישען געליעבטע,
וואָס דו האָסט מיך אַזוי בעשוואוירען?"

און זיין האַרץ ציהט זיך און ציהט זיך... ער פיהלט, ווי זיין האַרץ טהוט זיך אויף און עס וואַקסט און ווערט גרויס...

און פלוצלינג פאַלט ער זיין מאַמען אויפ'ן האַלז און הויבט אָן ביטערליך צו וויינען.

קיינער האָט נישט געוואוסט, וואָס עס איז געשעהן, קיינער האָט נישט פערשטאַנען.

אָבער אויך נאָך פסח איז דער יונגער סטודענט נישט מעהר אַוועק פונ'ם שטעדטעל.

# אינהאַלט:

צו כל נדרי . . . . . . . . . . . . . . 9
הזכרת נשמות . . . . . . . . . . . . . 58
אַ כהן אויפ'ן בית־הקברות . . . . . . . . 86
„מטות" און „מסעי" . . . . . . . . . . . 98
עכן אין וואַרשא . . . . . . . . . . . . 114
געגעסען . . . . . . . . . . . . . . . 129
קאָפּערניקס געגנער . . . . . . . . . . . 140
דער גולם . . . . . . . . . . . . . . . 149
דער קינסטלער . . . . . . . . . . . . . 177
וועגען איין איינציג פינטעלע . . . . . . . 184
ביי אַ ספר־תורה . . . . . . . . . . . . 190
ווי איך האָב זיך אַליין אַ „פּאָגראָם" געמאַכט . . . . . 199
הרי אַת . . . . . . . . . . . . . . . . 205
אויך אויף זומער־וואוינונג . . . . . . . . 212
דאָס לעצטע מאָל . . . . . . . . . . . . 220
שיר השירים . . . . . . . . . . . . . . 229

# רשימה פון די אַבאָנענטען אויף אַלע ווערק פון דוד פרישמאַן*)

## אַטלאַנטאַ

א. צענקער

## אַקראָן

ב. גראָסמאַן

## באַלטימאָר

נ. גאָלדבערג

## בופאַלאָ

נ. דאָזאָרעץ

## דייטאָן

י. יאָסאָלאָווסקי

## דעטראָיט

מ. גלאַסער
ל. האָדעס
י. סאַווין
י. פריעדבערג
ש. קאָטלער
ד. שעראַגא
מ. שטארק

## האַרטפאָרד

י. גאָלדבערג
ל. גרינשפאַן
ש. האפענבערג
ב. וועלסאָן
ר. טיילאָר
הערי לעווין
א. מארדער
ק. נערענשטיין
פרוי פייזער
לואי קאַפּלאַן
מ. שאַפּירא

## האָליאָק

ה. בערמאַן

## וואָרטשעסטער

נ. ראָבינס

## טשיקאַגאָ

י. באָבינסקי
י. דובאָוו
ד. וויינבערג

*) די רשימה פון די פערזאָנען, וואָס האָבען אבאָנירט נאָכ'ן אבשליסען דעם ערשטען באַנד, וועט פערעפענטליכט ווערען אין באנד II.

מ. טשעשינסקי
ד"ר לעוואַדי
ד. מילער
פרוי ענטין
פ. פאַטמאַן
פרוי פאָלישוק

## יאָנגסטאָן

א. שטערן

## מאָנטרעאָל

י. אַבעל
י. אַבראַהאַמס
ס. אואיטס
ש. אטעל
אליאסף
פ. אָסטראָווסקי
ס. בעלקין
בערגסאָן-קאַהאַן
מ. בערקאָוויטש
נ. בראָדקין
ה. בראָנפמאַן
א. ברוינס
ל. גאלד
גליקמאַן
י. גרינפילד
ר. דאַרווין
דזשואיש אָרפענעדזש ענד
טשילדרען אייד
(דורך א. בראָנפמאַן)
מ. דיקשטיין
ה. דעקעלבוים
הערי דעקעלבוים

געבר. האָרן
א. הערשמאַן
ז. וואלאווסקי
ש. וואַסערמאַן
ד. זילבערשטיין
יעקב טורכין
א. לעווין
אַלעקס לעווין
י. לערנער
ש. ליפעס
ע. מאַלין
נ. מייערסאָן
ה. מילער
לואי מילער
ב. נעטשורמאַן
מ. סיידל
ק. ספעקטאָר
י. עדעלבערג
י. פאטל
לואי פיטש
פ. פיינער
ש. ז. פעלס
מ. פעלדמאַן
א. פאַרנאַס
מ. פינסקי
ל. צוקער
י. קאהען
י. קאהען
לעאָן קאהען
מ. קאהען
ע. קאהאן
ה. קייסערמאַן
הערי קייסערמאַן
נינא קייסערמאַן

י. שאַפּראַן

ה. שילער

מ. שפּערבער

## מילוואָקי

מ. לאַסאָף

י. פּאָסט

פרוי ראַבינאָוויטש

י. ראָזענטאַל

א. שוטקין

## סיראַקיוז

א. מילער

## פילאַדעלפיא

קירפּיטש

י. שטאָלבערג

## קאַנטאָן

מ. מינקין

## קליוולאַנד

פרוי הורוויטש

י. מיללען

י. פיינמאַן

געזעצט ביי י. פּאַרביאַזש,
:: וואַרשאַ, דזיעלנאַ 21 ::

---

געדרוקט אין דרוקעריי
„גראַפּיאַ״, נאָוואָליפּקי 22

Drukarnia „GRAFIA", Warszawa, Nowolipki 22